UNIVERSITY OF ILLINOIS-URBANA
3 0112 068255451

יא [illegible]אלפגאנג געטהע

ווערטהער׳ס ליידען

LIBRARY OF THE
UNIVERSITY OF ILLINOIS
AT URBANA-CHAMPAIGN

FAIN COLLECTION

OF

YIDDISH AND HEBREW

BOOKSTACKS



2212
400
70
45
2727

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
University of Illinois Urbana-Champaign

https://archive.org/details/werthersleidentr00goet_0

פערלאַג „מעהר ליכט" 15 א. 107טע סטריט, נויאָרק.

ווערטהער'ס ליידען

פון

י. וו. געטהע

איבערזעצט און איינגעלייטעט

פון ש. יודסאן

New York:
Allwin Press, 58 West 31st Street
1910

Copyright 1910,
by Solomon Judson

833655
Owe 11 I

א בריעף במקום פאָרוואָרט. *

ניו יאָרק, 14מער מערץ, 1910.

נעעהרטער פריינד ה' ש. יודסאָן!

אייער בריעף פון נעכטיגען דאטום ערהאַלטען. די ביטע, וועלכע איהר שטעלט מיר צו שרייבען א פאָרוואָרט צו אייער איבער־זעצונג פון „ווערטהער'ס ליידען,“ האלט איך פאר אן עהרע, אבער איך זעה ניט איין, צו וואס איז נויטיג א פאָרוואָרט נאך דעם, ווי איהר האט אָנגעשריבען אזא בעלעהרענדע און ערקלערענדע איינלייטונג צו דעם ווערק?

וואס אייער איבערזעצונג פון „ווערטהער'ס ליידען“ האט ווירק־ליך נויטיג, איז א ברכה פון א גוטען אידען, אז זי זאָל געפינען לייט־זעליגקייט ביי דעם לעזע־פובליקום פון אידיש; און אויב איהר דענקט, אז איך בין א גוטער איד, גיב איך אייך די ברכה פון גאנצען הארצען. איך האב אבער שטארק מורא, אז כל־זמן אונזער לעזענדער עולם איז פערקאָכט אין שונד, וועט מיין ברכה זיין ארויסגעוואָרפען. איך וועל עס בעטראכטען פיר א נס, ווען אייער נעגענווערטיגע ליטערארישע אונטערנעהמונג וועט זיך דורכברעכען א וועג ביי דעם יעצטיגען פוילען געשמאק פון אונזערע לעזענדע מאסען.

צו פעסימיסטיש דארף מען פון דעסטוועגען ניט זיין. אונטער אזא גרויסער צאהל אידיש־לעזער, ווי אונזער וועלט־שטאָדט פערמאָגט,

דארף זיך נאך געפינען א היבשע ביסעל פערשטענדיגע לעזער, וועלכע וויסען צו אונטערשיידען צווישען זשעניאלע ווערק און ליטעראַרישע פּוש־ארבייט. ביי דיזע, האָף איך, וועט אייער „ווערטהער'ס ליידען“ גלייך געפינען א ווארימע אויפנאהמע. עס איז אויך מעגליך, אז דורך דיזע קלאַסע לעזער וועט דאס ווערק ביסליכווייז זיך אויך אריינברעכען אין די רייהען, וואס לאַבען זיך זאַנסט מיט קונסט־לאָזע און געשמאקלאָזע ווערק.

קונסט־ווערק פון גרויסע דיכטער, ווי „ווערטהער“ס ליידען,“ אין אזא געוויסענהאפטער איבערזעצונג, ווי אייערע, זיינען אין אידיש, אויסער באָוושאָווער'ס איבערזעצונג פון Merchant of Venice, נאך ניט ערשיענען. דער מאטעריעלער ערפאָלג פון אייער אונטערנעה־מונג מעג זיך זיין צווייפעלהאפט, אבער אויף די אנערקענונג און דעם דאַנק פון די פריינד פון אמת'ע ליטעראטור קענט איהר זיכער רעכענען.

אייער אמת'ער פריינד,

אלכסנדר הארקאווי.

װערטהעריס לידען

איינלייטונג.

ווען מיר שטעהען ענטציקטע פאר א בילד פון רעמבראנדט אדער פון אן אנדער גרויסען זשעני, קעננען מיר זיך בעת מעשה ניט אבגעבען קיין רעכנונג פאר וואס מיר זיינען דאס אזוי ענטציקט. אונזער אויג קען יענע געטליכע שטריכען וועלכע מאכען דאס בילד זשעניאל, ניט געפינען, אונזער אינסטינקט לאזט עס אונז אויך גאר ניט זוכען. מיר האבען פאר זיך דאס קונסט־ווערק אין איהר נאטירליכער, נויט־ווענדיגער גאנצקייט, און דאס איז שוין פאר אונז גענוג; ווען מיר זיצען און הערען צו מיט ווייט אפענע אויערן צו א סימפאניע פון בעטהאווען, צו א טאן־פאעם פון שטרויס אדער אן אפערא פון וואגנער, אדער פראדוקציאנען פון אנדערע גרויסע מוזיקער, קעננען מיר אויף קיין פאל זיך ניט קלאהר מאכען וואו דער זשעני איז דער זשעני, דען נאר אלס גאנצעס ווירקענד, לאזט זיך א קונסט־ווערק ערקעננען. די פערשיעדענע שטריכען און שאטירונגען אויף'ן לייןוואנד; די פערשיעדענע טאן־גרימאסען פון די אינסטרומענטען און דער מעלאדישער אטעם־שוואונג קעננען ערשט דאן זיין זשעניאל, קעננען ערשט דאן אויף אונז מאכען די אמת'ע ווירקונג, ווען זיי פערליערען זיך אין דאס גאנצע; די איינציגע טיילען ווערען פערשמאלצען אין א גרויסע ריעזען־ווערק, אזוי ווי די איינציגע אונבעדייטענדע בוימער שאפען פאר אונז דעם ערהאבענעם וואלד, און אזוי ווי די איינציגע קערנדלאך ערד שאפען פאר אונז דעם פראכטפאללען בארג. די גרויסקייט פון זשעני ליעגט דארט וואו אונזער

אויג קען ניט אריינדרינגען און אונזער אויער קען ניט מעהר אונטער־שיידען, עס ליעגט אין די צווישען־טיילען וועלכע בילדען די אטמא־ספערע פון'ם גאנצען.

מיט די דיכט־קונסט איז עס פונקט אזוי ווי מיט דער מוזיק און מאלעריי, און אבוואהל זי איז מעהר ממשות'דיג ווי איהרע שוועסטער־קינסטע, דאך ליעגט זי אונטערוואורפען דעם זעלבען געהיימען געזעץ, דעם זעלבען אייביגען סוד; ד"ה, די פיהלבארע אטמאספערע אין וועלכע מיר דרינגען אריין מיט די הילף פון די אנדייטענדע טיילען, שפיעלט די הויפט ראללע, און דער זשעני אויף וועמעס חלק די דיכט־קונסט איז צוגעפאללען, האט פאר זיך די זעלבע אויפגאבע ווי דער מוזיקער און מאלער: צו פערקערפערן אן אידעאל, צו בויען פראכט־פאללע געביידען אין דער לופטען, נאר די מיטלען זיינע זיינען ניט אזוי גינסטיג, צו ממשות'דיג פאר א ריין גייסטיגען אינהאלט, דען ווערטער זיינען צו אלגעמיין, זיי ווערן געברויכט פון אללעמען און אויף אללעס. דעריבער גיבען דיכטער א קלענערן פראצענט אנערקענטע זשעניעס ווי מוזיקער און מאלער. טויזענדע און טויזענדע דיכטען, זינגען און ערצעהלען, אבער נאר ווייניג גאט־געבענשטע צייגען די וואונדער פון זשעני.

דיזער בוך, וועלכען מיר גיבען דא פאר די אידישע לעזער, איז אין דער גאנצער וועלט־ליטעראטור אנערקענט אלס א זשעניאלע ווערק, א קונסט־פראדוקט פון ערשטען ראנג. דער דיכטער־פירשט געטהע, האט עס אין זיין קראפטפאללער יוגענד, „מיט דאס בלוט פון זיין אייגען הארץ" געשריבען (ווי ער אליין האט עס געזאגט צו עקערמאן), און געשענקט דער וועלט א שיר השירים, וועלכער וועט נאך הונ־דערטע יאהרען בלייבען א געשליפענער שפיגעל פאר'ן הארץ פון פערליעבטען.

אין די פארם פון בוך אליין, ליעגט שוין א גרויסער טייל פון'ם פארטייל וואס געטהע האט געוואונען פאר די דיכטונג. די בריעף־פארם איז אזא געראטענער איינפאל, צו עפענען פאר'ן לעזער דאס

הארץ און די נשמה פון'ם העלד, וואס קיין אנדערער קען זיך צו איהם ניט צוגלייכען. ווען איינער שרייבט א בריעף צו א אינטימען פריינד, ניט פון יוצא וועגען, נאר ווען זיין הארץ דיקטירט איהם, דאן זעהען מיר איהם דורך און דורך. עס שטעלט זיך אונז פשוט פאָר, דאס מיר הערען ווי זיין געדאנק דיקטירט, ווי זיין הארץ פיהלט, און מיר פיהלען ווי ער איז מיט לייב און לעבען ביי'ם שרייבען; מיר פיהלען א דירעקטע פערבינדליכקייט מיט די פערזאן וואס שרייבט דעם בריעף. עס פארזעצט אונז אין א זיכערהייט, אין א בעשטימטהייט, סאי איבער די פערזאן וואס שרייבט, סאי איבער דאָס געשריעבענע, וועלכעס שפיגעלט אונז אָב די פערזאן.

אלזאָ, אום צו געבען אונז א ריכטיגען בילד פון ווערטהער, און א בעשטימטען בעגריף פון זיין עמפפינדליכקיים, האט אונז געטהע פערבונדען דירעקט מיט איהם אליין; ער לאזט אונז לעזען וואס ער שרייבט צו זיין פריינד, פון די קלענסטע און דאכט־זיך אונבעדייטענדסטע פאסירונגען, זיינע ווי פרעמדע, ביז די טיעפסטע סודות פון זיין נשמה. און ער שטעהט פאר אונז אזוי אָפען, דאס מיר קעננען גענוי בעאָבאכטען, ווי אזוי די קלענסטע פאסירונג, בעגעגנונג, נאטור־ערשיינונג א. ז. וו. ווירקען אויף איהם און ענטוויקלען זיך אין איהם, ביז זיי קומען נאכהער צוריק פון איהם ארויס אַלס דער געפיהל פון זיין אייגען הארץ.

ווי בעוואוסט, איז דער „ווערטהער" קיין אנדערער ווי דער יונגער געטהע אליין, וועלכער האט טאקע די אללע ליידען דורכגעלעבט און דורכגעליטען צוליעב זיין לאָטטע, וועלכע האט אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירט, און טאקע אונטער דעם זעלבען נאמען. עס איז אין דיזער ליעבעסגעשיכטע פארהאן מעהר וואַרהייט ווי דיכטונג, און זאגאר דאס צרגעדיכטעטע, דער זעלבסטמארד, וועלכען געטהע האט ניט בעגאנגען, איז גענומען געווארען פון רעאַלען ווירקליכען לעבען. א געוויססער ירושאלעם, געטהע'ס אַ פריינד און חבר פון גימנאזיע, האט זיך אויף דיזען אופן ווי עס

איז געשילדערט אין'ם פאַרליגענדען בוך, געמאַכט אַן ענדע צו זיין לעבען און ליידען, און פערעוויגט זיין ליעבע, וועלכע ער האט גע־פיהלט צו אַ פערהייראַטעטע פרוי. דער זעלבער יערוסאַלעם האט געליהען פון ה' קעסטנער, דער מאַן פון געטהע־ווערטהער'ס געליעב־טע, לאָטטע בוף, די פּיסטאָללען מיט וועלכע ער האט זיך דער־שאָססען. און דער שיקזאַל פון דיזען אונגליקליכען פריינד האט זיך אַזוי איינגעפלאָכטען אין זיין אייגענעם, דאַס ווען ער איז נאָכהער געגאַנגען זיינע ערלעבניססע, אין די פאָרם פון בריעף צו אַ פריינד, אויסצושרייבען, האט ער, ניט נאַר נאַטירליך געשילדערט ווי זיי האבען מיט איהם פּאַסירט, נאַר אויך נאַטירליך, ווי זיי וואָלטען מיט אַן אַנדערן (ווי זיין פריינד יערוסאַלעם צ. ב. ש.), געקענט פּאַסירען אונטער אַזעלכע האַפנונגסלאָזע אומשטענדען. ווען געטהע איז שוין געוועזען אַ גרייזגראָהער מאַן, האט ער איינמאַל געזאָגט (צו עקערמאַן): „דאַס זינט ער האט אַרויסגעגעבען דעם „ווערטהער" האט ער עס בלויז איין מאַל, צעהן יאַהר נאָד'ן ערשיינען, נאָך אַמאָל געלעזען, און היט זיך פון דאַן אַן עס ווידער צו לעזען, אום ניט צו דאַרפען נאָך אַמאָל דורכלעבען די אַללע יסורים וועלכע ער האט אין אמת'ן דורכגעליטען, און אויף דעם איז ער שוין צו אַלט און שוואַך, אום עס צו קעננען אַריבערטראַגען." דאַס בעווייזט אונז, וויפיעל עס געפינט זיך פון'ם אמת'ן געטהע אין'ם אויס־געקלערטען „ווערטהער."

עס זיינען דאַ אַסך פון די געטהע־חסידים וועלכע קוקען אויף'ן ווערטהער מיט די זעלבע אויגען ווי פרומע אידען קוקען אויף'ן שיר השירים. זיי זוכען אין יעדען וואָרט אַ הינטער־מיין, און וויל־לען פערדרעהען יעדען גלייכען פשט, אום צו מאַכען עס טיעפער, שווערער, אָבער, דיזע לייטע פערשטעהען ניט ריכטיג ווי צו שאַ־צען די קונסט. זיי מיינען, דאַס קונסט איז גרויס נאַר דאַן, ווען זי ערשיינט פאַר אונז מיט אַ מאַנסטערהאַפטען פנים, פערקליידעט אין טויזענד־קאָלאָריגע פאַנטאַסטישע קליידער, וועהרענד אין אמת,

איז זי נאר גרויס דאָן, ווען זי איז דער נ א ט ו ר ע ה נ ל י ך, ווען זי איז איינפאך און נאטירליך אבער מיט מייסטערהאפטער האנד־געשילדערט.

די אללע בילדער און שטריכען וועלכע מיר באגעגנען אין דיזען בוך; פון די ליעבליכע „ברידער־פאזיציאָן", ביז די טרויערדיגע ערשיינונג פון'ם „גליקליכען אונגליקליכען" וועלכער זוכט בלוממען פאר זיין געליעבטע אין ווינטער; פון די איינפאכע אונאנגעשטרענגטע שילדערונג פון „וואלהיים," ביז די שויערליכע סצענע פון „שטורם און פערפלייצונג;" פון די לוסטיגע קאמפאניע ביי'ם „זומער־טאנץ" אויף'ן לאנד, ביז די „אָנגעצויגענע, הויכע געזעלשאפט" ביי'ם גראף ק. זיינען געשילדערט מיט אזא לייכטיגקייט און נאטירליכקייט, ווי זיי קומען ווירקליך פאָר אין יענע קרייזען פון לעבען און נאטור.

אַלס איך האב אַ פּאאר פון מיינע בעקאנטע געזאגט, דאס איך האב בדעה איבערצוזעצען „ו ו ע ר ט ה ע ר" אין אידיש, האבען זיי געמאכט אַ קרום פנים, איבערהויפּט איינער פון זיי, וועלכער איז ליידער אַ צו־גרויסער געטהע־חסיד. ערשטענס, האבען זיי געזאגט, איז עס אַ טעכנישע אונמעגליכקייט, איבערצוזעצען אין ארעמען אידיש, אזא רייכטום פון געפיהלען און געדאנקען; און צווייטענס, האבען זיי געזאגט, וועלען די אידישע לעזער ניט פערשטעהן דאס בוך, ווייל ס'איז צו־טיעף. וואס עס איז געווען צו צו־געבען, האב איך צו־געגעבען, אָבער דעם עיקר פון זייערע טענות האב איך בעשטריטטען. — אַ בוך וועלכען בינעזער האבען שוין פינף פערטיל־יאהר־הונדערט צוריק געלעזען, מעג היינט געוויס איבערזעצט ווערען אין אידיש, האב איך געזאגט. איך בין פול מיט האפנונג, דאס עס וועלען זיך נאך געפינען גענוג אידישע לעזער, וועלכע ניט נאר זיי וועלען דאס בוך פערשטעהן, נאר זיי וועלען עס אויך שעצען און ליעבען.

ווי מיר ווייסען, איז עס געווען דאס פובליקום, דער מיליאָן־קעפּיגער לעזער, וואס האט דעם בוך אזוי ווארעם אויפגענוממען

ביי זיין ערשטען ערשיינען, מיט הונדערט־פינפאונדרייסיג יאהר צוריק.
די יחידי סגולה, וועלכע קעננען שוין אויף זיך אליין שטעללען צו קריטיקירען, צו הויבען אדער ארונטער־צו־רייסען זיינען גראדע געוועזן פיעל דאנקבאר דאס בוך. געטהע אליין דערצעהלט אין זיינע „גע־שפרעכע מיט עקערמאן": „דאס, ווען איך וואלט ארויסגעווארפען פון בוך יעדע שורה, וואס איז פון איינצעלנע, און זאגאר בעדייטענדע מענשען, געטאדעלט געווארען, וואלט קיין איינציגע פון'ם בוך ניט געבליבען. אבער, דיזער טאדעל האט מיר ווייניג וואס געשאדעט, דען דער סוביעקטיווער אורטייל פון די איינצעלנע, איז אריבערגעוואויגען געווארען פון'ם אורטייל פון די מאססען."

וואס אנבעלאנגט די איבערזעצונג, האב איך זיך בעמיהט צו מאכען עס ווי ווייט מעגליך דייטליך, פערשטענדליך, און צו דער־זעלבער צייט טריי דעם אריגינאל. אויב עס וועלען זיך געפינען מאנכע לעזער, וואס אנדערע פלעצער אין'ם בוך וועט זיי פארקומען אביסל הארטליך, זאללען זיי נאר פון דעם קיין צער ניט האבען. איך קען זיי פערזיכערן, דאס ווען זיי וואלטען געוועזן אמת'ע דייטשען און געלעזען דאס בוך אין אריגינאל, וואלט דאס זיי אויך ווייניג געהאלפען. דאס שעהנע, דאס ערהאבענע און פוללע נא־טירליכקייט פון די שילדערונגען, פון וועלכע דאס בוך איז פולל, וועט זיי דערפאר פערשאפפען אמת'ע הנאה און פערגעלטען מאנכע טרוקענע מאמענטען, וואס זיי וועלען פיליכט דארפען דורכלע־בען, לעזענדיג דיזען בוך.

פון עסטעטישען שטאנדפונקט בעטראכטענדיג, איז דיזער בוך א זעלטענע מייסטער־ווערק. ווי ווייניג דעם לעזערס געשמאק זאלל ניט זיין ענטוויקעלט, מוז ער ענטציקט ווערן פון די ערהאבענהייט, וועלכע ענטוויקעלט זיך פאר זיין גייסט, לעזענדיג די בריעף איינע נאך די אנדערע. א זיססע און אפטמאל טרויעריגע מוזיק בעגליי־טעט די שורות. לייט־מאטיוון וועלכע ווידערהאללען זיך אפט, בע־שאפען א בעצויבערנדע, פאסט בערוישענדע אטמאספערע, און ווען

מ'ענדיגט לעזען דאס בוך פיהלט מען זיך, ווי ווען דער פארהאנג לאזט זיך ארונטער אין אָפּערא־הויז נאך אַ פארשטעללונג פון „טריסטאַן און איזאָלדע."

די מאדערניסטען און היפּער־מאדערניסטען פון אונזער צייט, זוכען אין זייערע ווערק מיט פערשיעדענע מיטלען און מיט סטיל־פּער־דרעהענים, אַזאַ שטיממונג ווי אין דיזען בוך, ארויסצורופען, אבער עס געלינגט זעהר זעלטען אפילו די בעסטע פון זיי. און ווען עס געלינגט שוין יא, איז עס ניט מעהר ווי מאָמענטאַן; עס ענטהאלט ניט פון דאס אייביגע, פון דאס ניט־אלט־ווערנדע, וואס מיר געפיננען ביי די גרויסע קלאַססיקער און איבערהויפּט ביי געטהע. ריינע און גרויסע קונסט ווערט ניט אַלט; זי איז זעלבסטשטענדיג און הענגט ניט אב אן די קונסט־בעגריפע פון דער צייט.

רעדענדיג איבער די ענטשטעהונג פון זיין „פאוסט", האט געטהע איינמאל געזאגט: „דער פאוסט איז צוזאממען מיט מיין ווערטהער ענטשטאנדען. איך האב איהם אויף פּאָסט־פּאפּיער געשריבען און אין איהם גארניט געשטריכען, ווייל איך האב מיך געהיט אויפצושרייבען אַ שורה וועלכע איז ניט גוט און וועלכע קען ניט בעשטעהען."

אזא מעטהאָדע מעגען נאך לאנג די בעסטע מאדערניסטען אי־מער אין זיננען האבען. צו שרייבען וואס גוט און וואס קען בעשטעהן, דאס איז דער ריין קלאַססישער גייסט, וועלכער, וועט נאך מיין מיינונג, איבערלעבען דעם אויפגעבלאזענעם, מאמענטאנעם, פון דעם מאדערניזם.

און אבוואהל די מעהרסטע פּראָדוקטען פון די מאדערניסטען זיי־נען ניט און וועלען ניט ווערען קלאססיש, זיינען אבער אימער די מעהר־סטע טייל פון די קלאַססישע ווערקע, געווען אויך „מאדערן" אין זייער צייט, און מאנכע, ווי ווערקע פון געטהע און שיללער, זיינען אויך געווען עפּאָכע־מאכענד, רעוואלוציאניזירענד, און דיזער „ווערטהער" אליין, איז געווען איינער פון די ווערקע וועלכע האבען אַ גאנצע איבער־קערענים פערורזאכט, ניט נאר אין דער דייטשער ליטעראטור, נאר אויך אין די מעהרסטע ליטעראטורען פון די ציוויליזירטע

פעלקער*). פון איין זייט האט מען געקענט זעהן ווי די יוגענד האט זיך ענטפלאמט, מיט די גרעסטע ענטציקונג דאס בוך פערהייליגט; און פון דער אנדער זייט, האבען גאָטטס־פארכטיגע פערדאמט, און גייסטליכע וועלכע האבען נאר געקענט אויסאיבען וועלכע מאכט, געגען דעם עלעקטריזירענדען איינפלוס פון'ם בוך, האבען געברענט, צושטערט און אויסגעראטעט דעם בוך. —ווען ס'איז ארויס, אין אַ קורצע צייט נאך'ן ערשיינען פון אריגינאַל, א איטאליענישע איבערזעצונג, האט מען באלד נאכדעם קיין אייגציגען עקזעמפלאר דערפון ניט געקענט זעהן. דער בישאָף האט געגעבען אַ בעפעהל צו די גייסטליכע פון אַללע גע־מיינדעס, אויסצוקויפען אַללע עקזעמפלארען און זיי צו פערניכטען. געטהע'ן האט עס אַ ביסל שפּאס געמאכט. ער האט געזאגט דאס דער בישאָף האט פון זיין שטאנדפונקט זעהר רעכט געטאהן, דען „דער ווערטהער איז פאר די קאַטאליקען גאר אהן צווייפעל אַ שלעכטער בוך".

אַ אינטערעססאנטען געשפּרעך האט געטהע אַמאל געהאט אי־בער דיזען בוך מיט דעם לארד בריסטאל, בישאָף פון דווירבי. יענער ווי בעוואוסט, האט זעהר פיעל פון זיך געהאלטען, און האט בעזעססען אַ גרויסע פּארציאָן פון חוצפה, צו זאגען מוסר וואו ער האט ניט גע־דארפט, און וואו מען האט פון איהם ניט פערלאנגט. איינמאל, דורכ־פאהרענדיג דורך יענא, וואו געטהע האט זיך דאן אויפגעהאלטען,

*) איך גלויב דא איז זעהר צופּאססענד די ווערטער וואס עקערמאַן האט זיך איינמאל אויסגעשפּראכען איבער דעם ווערטה און ווירקונג פון'ם „ווערטהער". „איך גלויב", האט ער געזאגט, „דאס דער ווערטהער האט געמאכט עפּאָכע ניט ווייל ער איז ערשיענען, און ניט ווייל ער איז ער־שיענען אין אַ געוויססער צייט. אין יעדער צייט געפינט זיך גענוג אונ־אויסשפּרעכליכע ליידען; פיעל בעהאלטענע אונצופריעדענהייט און לעבענס־איבערדרוס, און ביי'ם אינדיווידואום, אזוי פיעל מיספערהעלטניססע צום כלל, אזוי פיעל קאנפליקטען צווישען זיין נאטור און די בירגערליכע איינריכטונגען, אז ווען דאס בוך וואלט ערשיענען זאגאר היינט, וואלט עס אויך געמאכט אַן עפּאָכע."

האט ער געזוכט אויסצונוצען די געלעגענהייט מיט'ן לעטצטען בעקאנט צו ווערן און האט איהם בעוואגען, איהם צו בעזוכען. —געטהע איז צו איהם ארויפגעקומען, און א געשפּרעך האָט זיך ענטוויקעלט צווישען די ביידע גרויסע. דער לארד האט זיך גענוממען דאס רעכט, ווי אימ־מער, צו האלטען א פּרעדיגט, אבער, ער האט דאס מאל ניט גע־טראפען. ער האט געזוכט, געטהע'ן פּעראַנטוואָרטליך צו מאכען פאר די פאלגען וואס זיין „ווערטהער" האט ארויסגערופען צווישען פיעלע יונגע לייט, אונטער וועלכע עס איז ענטשטאנגען א זעלבסטמארד־עפּידעמיע. ער האט דאס געוואלט ארויפלעגען געטהע'ן אויף'ן געוויס־סען, און האט ערנסטליך אין פוללער אויטאריטעט אויסגערופען; „דער ווערטהער איז א אונמאראלישעס, פערדאממונגסווערטעס בוך!"— „האלט זיך נאר אויף!" האט איהם געטהע אבגעהאַקט, „ווען איהר רעדט אזוי איבער'ן ארעמען „ווערטהער," טו וואס פאר א טאָן וואלט איהר שוין געדארפט אננעהמען אנטקעגען די גרויסע פון דער וועלט, וועלכע פעראורזאכען מיט איין פעדער־צוג, ארויסצושיקען הונ־דערט טויזענד מאן אין פייער פון מלחמה, פון וועלכע אכציג טויזענד קומען אום אויף'ן פּלאץ, מערדערענדיג און ראבּירענדיג זיך איינע די אנדערע, און איהר דאנקט און לויבט גאָטט נאך אַזעלכע טהאטען! אדער, ווען איהר פּלאגט די גייסטער פון אייערע געמיינדען מיט דרשות וועלכע זיינען פולל מיט גיהנום'ס־שרעקען, ביז זיי פערלירען זייער פער־שטאנד און מוזען אין משוגעים־הייזער זייער לעבען ענדיגען ? ; אדער, ווען איהר, דורך אייערע אָרטהאָדאָקסען, זייעט, דורך אונאויסהאלט־בארע לעהרזעצע, דעם פערדערבּליכען זוימען פון'ם צווייפעל, אין'ם הארץ פון די קריסטליכע צוהערער, און פערפיהרט דורכדעם די האלב־שטארקע האלב־שוואכע אין א לאַבּירינטה, פון וועלכען זיי קעננען זיך קיין בעססערען אויסוועג ניט געפיננען אלס דעם טויד ? וואס זאגט איהר צו זיך אליין און וואס פארא פּרעדיגט האלט איהר זיך אליין פאָר ? און נון, ווילט איהר פון א שריפטשטעללער רעכנונג אבנעהמען און א ווערק פערדאממען, וועלכעס ווערט פון אייניגע בעשרענקטע

מחות פאלש פערשטאנגנען, און וועלכעס האט די וועלט העכסטענס פון א דוצענד דומקעפּ און טויגעניכטסען בעפרייט, וועלכע האבען גאר קיין בעססערע טהאט ניט געקענט בעגעהן, ווי צו לאזען זייער שוואכעס ליכט זיך אין גאנצען אויסלעשען. —איך האב געדענקט דאס איך האב דער מענשהייט א ווירקליכען דיענסט געלייסטעט און איהר דאנק פערדינט. און איצט קומט איהר און ווילט מיר דיזע קליינע, גוטע וואפּפענטהאט סטעמפּלען צום פערברעכען, אין דער צייט ווען איהר, פּריסטער און פירשטען, ערלויבט זיך אייך אזוי פיעל!"

עס איז אונמעגליך אין אזא בעשרענקטען פּלאץ, און אגב דענק איך דאס עס איז גאר ניט נויטיג דא צו בעווייזען, וואס פּאר א ווערטה דיזער בוך האט אין דער וועלט־ליטעראטור, אפילו ביי היינטיגען טאג. עס איז אויך איבעריג, צו געהן אנאליזירען דאס בוך פאר'ן לעזער, אין דער צייט ווען ער האט עס אין גאנצען פאר זיינע אויגען. יעדער איינער קען אין איהם וואס גוטעס, שעהנעס און אינ־טערעססאנטעס געפינען, און אפילו דער אונערפאהרענסטער לעזער וועט פון איהם פּיעל גוטעס ארויסטראגען.

ש. יודסאָן

נו־יארק, דעצעמבער 1909.

ערשטער טהייל

וואס איך האב נאר געקענט אויסגעפינען, וואס געהערט צו די געשיכטע פון'ם אָרעמען ווערטהער, האב איך פלייסיג געזאמ־מעלט און ברענג עס דא איצט צו אייך, און איך וויים, איהר וועט מיר דערפאר דאנקבאר זיין. זיין גייסט און זיין כאראקטער וועט איהר מוזען בעוואונדערן, זיין מזל, בעוויינען און בעדויערן.

און דו, גוטע נשמה, וועלכע פיהלט איצט דעם זעלבען פיין וואס ער האט געפיהלט, זאללען זיינע ליידען פאר דיר א טרויסט זיין; און דיזער ביכעל זאל פאר דיר א פריינד ווערן, אויב דיין מזל אדער אייגענע שולד לאזט דיר קיין נעהנטערען געפינענען.

4טער מאַי 1771.

ווי בין איך צופרידען, דאס איך בין אוועק! בעסטער פריינד, וואס איז דעם מענשענס הארץ! צו פערלאָזען דיר, וועמען איך ליעב אזוי פיעל, און האב איממער געדענקט דאס מיר קעננען זיך גארנים שיידען, און נאך צופרידען זיין אויך! איך וויים, דו וועסט עם מיר פערצייהען. זיינען דען ניט געווען אללע מיינע פערבינדונגען פון'ם שיק־זאל אויסגעזוכט, אום אזא הארץ ווי מיינע צו קרענקען? די ארעמע לעאָנאָרע! און דאך בין איך געווען אונשולדיג. האב איך דען זיך געקענט העלפען, ווען די אייגענזיננינגע חן'עווודיגקייט פון איהר שוועס־טער האבען מיר פערשאפט אן אנגענעהמע אונטערהאלטונג? האב איך זיך דען געקענט העלפען וואס די ליעבע האט זיך ענטוויקעלט אין

איהר ארעמע הארץ? און דאך — בין איך אין גאנצען אונשולדיג?
האב איך דען ניט איהרע עמפפינדונגען גענעהרט? האב איך מיך ניט
געפרעהט און זיך אמוזירט איבער די אמת'ע אויסדריקע פון דער נא־
טור, וועלכע האט אונז אזוי אפט צום לאכען געמאַכט, כאטש אין דער
ווירקליכקייט איז גאר ניט געווען פון וואס? האב איך דען ניט? —
אַה! וואס איז דער מענש, דאס ער דארף זיך אליין בעשולדיגען?
— איך וויל, מיין ליעבער פריינד, איך פארשפרעך עס דיר, איך וויל
מיר בעססערן, איך וועל ניט מעהר איבערקייען דאס ביסל אונאנגע־
נעמקייט, וואס דער שיקזאל טהיילט אונז אפט צו, אזוי ווי איך פלעג
עס שטענדיג טאהן, איך וועל נאר דאס געגענווערטיגע געניססען,
און דאס פערגאנגענע, וועל איך לאזען פערגאנגען זיין. געוויס, דו
ביזט גערעכט מיין פריינד, די ליידען וואלטען ביי די מענשען גע־
ווען פיעל וועניגער, ווען ניט זיי אליין — גאָטט וויים פארוואס זיי
זיינען אזוי בעשאפפען געווארען — וואלטען זיך בעמיהט, דורך די
פליים פון די איינבילדונגסקראפט, די עראיננערונג פון פערגעססע־
נע ליידען, צוריק אין לעבען צו רופען, עהדער צו פארטראגען אַ
גלייכגילטיגע געגענוואַרט.

זיי אזוי גוט און זאג מיין מוטטער דאס איך וועל איהר
געשעפט אַם בעסטען בעזארגען, און וועל איהר דערפון אַם שנעל־
סטען לאזען וויססען. איך האב מיט מיין טאנטע גערעדט, און
האב אין איהר ווייט ניט געפונען יענע שלעכטע פרוי, וועלכע
מען מאכט פון איהר דא ביי אונז. זי איז אַ פרעהליכע, לעבעדי־
גע פרוי, פון דעם בעסטען הארצען. איך האב איהר איבערגעגע־
בען מיין מוטער'ס תביעות נעגען דעם צוריקגעהאלטענעם חלק
ירושה, און זי האט מיר ערקלעהרט די גרינדע, די אורזאכען און
די בעדינגונגען, אונטער וועלכע זי איז בערייט אַללעס ארויסצוגע־
בען, און נאך מעהר ווי מיר פערלאנגען. — קורץ, איך דארף איצט
דערפון ניט שרייבען; זאג מיין מוטער, דאס עס וועט אַללעס גוט
זיין. און אויך ביי דיזען קליינעם געשעפט, מיין ליעבער פריינד,

האב איך װידער אױסגעפונען, דאס פױלקײט און מיספערשטענד־ניססע, מאכען מעהר פערדרעהעניסען אין דער װעלט עהדער כיט־ראסט און שלעכטסקײט, װעניגסטענס, זײנען די לעצטע געװיס פיעל זעלטענער.

איבריגענס פיהל איך מיר דא גאנץ גוט. די אײנזאמקײט איז א טהײערע רפואה צו מײן הארץ, אין דיזען גן־עדן'דיגען געגענד און דער ליעבער יונגער פריהלינג, דערװארעמט מײן אפט ציטערענ־דעם הארץ. יעדער בױם, יעדער קוסט איז פאר מיר א בוקעט בלומ־מען, און ס'װאלט זיך געװאלט װערן א זומער־פױגעלע, אום אין דעם ים פון טהײערע ריחות ארומצושװעבען, און דארט דעם חיות צו שעפען.

די שטאדט אלײן מאכט אן אונאנגענעהמען אײנדרוק, דער־פאר אבער רינגעלט איהר ארום אן אונאױסשפרעכליכע שענהײט פון נאטור. דאס האט צוגעצױגען דעם פערשטארבענעם גראף מ. צו לאזען מאכען זיך א גארטען אויף אײנעם פון די ארומיגע בערג, װעלכע טהײלען זיך דורך די ליעבליכסטע טהאלען. דער גארטען איז זעהר אײנפאך, און בײ'ם ערשטען ארײנטרעטען קען מען אײנ־זעהן, דאס אזא פלאן האט געקענט אױסארבײטען, ניט א פראק־טישער װיססענשאפטליכער גערטנער, נאר א מענש מיט א פיהלענ־דעם הארץ, װעלכער האט דא געזוכט זײן אײגענעם זעלבסט צו געניססען. איך האב שױן דא װעלכע טרעהרען פארגאססען צום אנדענקען פון פערשטארבענעם, אין זײן פערװיסטעטע הײזעל, װעל־כע איז אמאל געװען זײן ליעבלינגספלאץ, און איז איצט אויך מײ־נער. אין גיכען װעל איך װערען דער בעל־הבית פון'ס גארטען; דער גערטנער איז צו מיר זעהר צוגעטרױט די לעצטע צײט, און ס'װעט איהם געװיס אויך ניט טאהן קײן היזק.

10טער מאי.

א וואונדערבארע פרעהליכקייט האט מיין גאנצע נשמה ארומ־גענוממען, פונקט ווי דער זיססער פריהלינגסמארגען, וועלכען איך גע־ניס מיט מיין פוללען הארצען. איך בין אליין און פרעה זיך מיט מיין לעבען אין דיזען געגענד, וועלכער איז נאר בעשאפען געווארען פאר א זעלכע נשמות ווי מיינע. איך בין אזוי גליקליך, מיין בעסטער, אזוי פיעל אין דעם געפיהל פון רוהיגען דאזיין פערזונקען, דאס מיין קונסט האט דורך דעם שטארק צו ליידען. איך וואלט איצט גאר ניט געקענט צייכענען, קיין איינציגען שטריך מאלען, און דאך בין איך נאך קיינ־מאל ניט געוועזן א גרעססערער מאלער ווי איצט. ווען דער ליעבער טהאל לאזט פון זיך ארויס דעם דאמפף, און די זון רוהט איבער די אונדורכדרינגליכע פינסטערניס פון וואלד, און קען קוים קוים בלויז איינציגע שטראהלען אין דיזען פערשלאססענעם הייליגטום זיך לאזען ארייג'גנב'ענן, דאן ליעג איך אין דעם הויכען גראז ביים פאללענדען טייכעל, און זייענדיג נעהנטער צו דער ערד, פערראינטע־רעססירען מיר טויזענד פערשיעדענע גרעזעלעך; ווען דער לייזער געטוממעל פון דער קליינער וועלט'ל, צווישען די דיגנינקע גראז־שטעקעלעך; ווע די אונצעהליגע געשטאלטען פון די פערשיעדענע ווערמלעך און פליגעלעך קוממען דורך מיין געפיהל נעהנטער מיר צום הארצען, און איך פיהל די געגענווארט פון דעם אלמעכטיגען וועלכער האט אונז געשאפפען נאך זיין אייגענעם בילד, און ווען איך הער דאס אטהעמען פון דעם אלל־ליעבענדען, וועלכער טראגט אונז ארום שוועבענדיג אין אייביגען תענוג; מיין פריינד ווען עס הויבט דאן אן צו טונקעל ווערן פאר מיין אויג און אללעס פער־ציהט זיך מיט א שלייער, און די גאנצע וועלט און דער הימעל רו־הען נאר אין מיין אייגענע נשמה ווי די געשטאלט פון א געליעבטע; דאן בענק איך אפט און קלעהר: „אך! וואלסטו געקענט דאס

אַלעס אויסדריקען, וואַלסטו געקענט דאָס אַלעס אויף'ן פּאַפּיר אויס־גיססען, וואָס אַלעס איז דיר לעבּט אַזוי פול און וואַרעם; וואַלסטו געקענט אַזוי ווידערשפּיגלען דיין נשמה, אַזוי גוט ווי דיין נשמה שפּיגעלט אָב די אונענדליכע גאָטהייט! — מיין פריינד! — דאָס אבער פיהרט מיר צו גרונד, איך פערליר זיך געגען די קראַפט פון דיזע הערליכע ערשיינונגען.

12טער מאי.

איך ווייס ניט, צו עס שוועבען דאָ אַרום טוישענדע גייסטער איבער דיזען געגענד, אָדער די וואַרעמע הימלישע פאַנטאַזיע, וועלכע זיצט אין מיין הארצען, מאַכט עס אַלעס וואָס אַרום מיר אַזוי פּאַראַדיזיש אויסקוקען. דאָ איז פאַראַן גלייך דערביי אַ ברונען, צו וועלכען איך פיהל זיך צוגעבונדען אַזוי ווי מעלוזינע מיט איהרע שוועסטער. — אַרונטערגעהענדיג אַ קליין בערגעל געפינט מען זיך פאַר אַ געוועלב, פון וואַנען עס לאָזען זיך אַרונטער בּאַ צוואַנציג טרעפּען צו אַ פּלאַץ, וואו עס קוועלט דאָס קלאָהרסטע וואַססער אַרויס פון אַ מאַרמאָר־פעלזען. די קליינע וואַנד וועלכע צאַמט אַרום דעם פּלאַץ פון אויבען, די הויכע בוימער וועלכע באַדעקען דעם גאַנצען אָרט אַרום, די קיהל־קייט וועלכע וויקעלט דאָרט אַלעס אַרום — דאָס אַלעס האָט אין זיך עפּעס אַנציהענדעס, עפּעס שוידערליכעס. עס געהט ניט אַוועק איין טאָג, דאָס איך זאָל דיזען אָרט, כאָטש אויף איין שטונדע ניט בעזוכען. דאָרט קומען דאַן אַהין די מיידלעך פון שטאָדט צו שעפּען דאָס וואַסער פון ברונען, דיזער אונשולדיגער נוטיגער געשעפט, וועל־כען די טעכטער פון קעניגע פלעגען עס פּאַרצייטען אַליין בעטרייבען. ווען איך זיץ מיר אַזוי דאָ, לעבּט פאַר מיר אויף די אידעע פון די פּאַטריאַרכאַלישע צייטען, און מיר דאַכט זיך, דאָס איך זעה ווי אונזערע אור־עלטערן שליססען בעקאַנטשאַפט ביי'ם ברונען, און אויך

פראַוועך דאָרט חתונות ביים קוואַל, און איך פיהל, ווי עס שוועבען די וואָהלטהעטיגע גייסטער אַרום די קוועלען און ברונענס. דעריעניגער וועלכער קען דאָס אַלעס ניט מיטפיהלען, קען ניט פיהלען דעם ריכ־טיגען טעם פון די אמת'ע ערקוויקונג נעבען אַ קיהלען פאָנטאַן, נאָך אַ הייסען זומערטאָגס וואַנדערונג.

13טער מאַי.

דו פרעגסט, אויב דו זאָלסט מיר מיינע ביכער אַהער שיקען? מיין ליעבער פריינד, איך בעט דיר אום גאָטעס ווילען לאָז מיר צורוה מיט זיי!—איך וויל ניט מעהר זיין געפיהרט, ערמונטערט און אויפגעוואַרעמט. עס ברויזט און קאָכט מיין הארץ שוין גענוג פון זיך אַליין. איך דאַרף נאַר שלאָף־ליעדער, וויעגען־געזאַנג, און די האָב איך איבערגענוג אין מיין האָמער געפונען. ווי אָפט וויעג איך אַליין איין מיין אונרוהיגעס בלוט און ברענג עס צו רוה; דו האָסט נאָך אַזאַ אונבעשטימטע, אַזאַ ניט־געאָרדענטע זאַך ווי מיין הארץ ניט גע־זעהען. מיין פריינד! דאַרף איך עס דיר נאָך זאָגען, דו וועלכער האָסט אַזוי אָפט געהאַט אויסצושטעהן ליידען, מיר צוקוקענדיג ווי איך גיב אַ שפּרונג פון טיפען קומער צו די אונגעצוימטע לוסטיגקייט, און פון זיסע מעלאַנכאָליע צו פערדערבליכע ליידענשאַפט? איך אַליין האַלט מיין הארץ פאַר אַ קראַנקעס קינד; אַלעס ערלויב איך איהם. זאָג עס ניט ווייטער; עס זיינען דאָ מענשען וועלכע וועלען מיר דאָס שלעכט פערדענקען.

15טער מאַי

די אײנפאַכע לײטע פון דאַנען קענען מיר שױן און האָבען מיר ליעב, איבערהױפּט די קינדער. אַלס איך האָב אין אנפאַנג אנגעהױבען צו זיך קאמפּאַנירען, געפרעגט איבער דאַס און יענעס גאַנץ פרײנדליך, האָבען װעלכע פון זײ געגלױבט, דאַס איך װיל בלױז נאַר מאַכען שפּאַס פון זײ, און פלעגען מיר אָבּפערטיגען מיט אַ קורצען אױך אָפט אַ גראָבען ענטפער. עס האָט מיר אױך אױף זײ ניט פערדראָסען; איך האָב נאַר גוט געפיהלט דאָס װאָס איך האָב שױן אָפט פריהער בעמערקט: לײטע פון װעלכע עס איז פאָרנעהמליכע שטעללונג, האַלטען זיך אימער קאַלט, פון װײטען, פון דער מאַססע, ריכטיג װי זײ װאָלטען געגלױבט דאַס די צו־נאָהענטע מחותּנים'שאַפט מאַכט זײער װערטה קלענער; און דאַן זײנען װיעדער דאַ אַזעלכע װאָס לאָזען זיך אַרונטער צו דער מאַססע, אום מיט זײער גאוה און איבערמוטה יענע צו מאַכען שאַרפער פיהלען זײער צושטאַנד.

איך װײס דאַס מיר זײנען ניט גלײך, און מיר קעננען אױך ניט װערן גלײך; אָבער איך בין מיט דער מײנונג, דאַס יענער, װעלכער גלױבט צו האָבען פאַר נױטיג, אום צו קענען ערהאַלטען זײן רעספּעקט, זיך פון'ם המון װײט צו האַלטען, איז װערטה געטאַדעלט צו װערן, אַזױ װי אַ פײגלינג װאָס זוכט זיך צו בעהאַלטען פון זײן פײנד, װײל ער האָט פּשוט מורא איהם אונטערצוליגען.

לעצטענס בין איך געקומען צום ברונען און האָב דאָרט געטראָפען אַ יונגע דיענסטמײדעל, װעלכע האָט איהר קרוג װאַסער איבערגעלאָזען אױף'ן אונטערשטען טרעפּ, און זיך אַרומגעקוקט, אױב װער פון איהרע חברה'טעס װעט איהר קומען צו הילף, דעם קרוג װאַססער אױף'ן קאָפּ אַרױפצונעהמען. איך בין אַרונטער געגאַנגען און איהר אנגעקוקט. „זאָל איך אײך העלפען פרײלין?" האָב איך געפרעגט. — זי איז רױטה געװאָרען איבער די אױערן. „אָה, נײן

מיין הערר!" האט זי געזאגט — „גאר אהן צערעמאניעס, שטערט אייך ניט!" האב איך ווייטער געזאגט. זי האט זיך צורעכט געמאכט איהר קאפּ־טוך און איך האב איהר געהאלפען. זי האט בעדאנקט און איז די טרעפּ ארויף.

17טער מאי.

איך האב דא אלערליי בעקאנטשאפט געמאכט, איך האב נאך אבער קיינעם ניט געפונען מיט וועמען זיך צו קאמפּאנירען. איך ווייס ניט וואס עס איז אין מיר אזעלכעס וואס ציהט אזוי צו די מענשען צו מיר. זעהר פיעל זיינען מיר גערן און קלעפּען זיך צו מיר, אבער דא טהוט עס מיר אמת לייד, דאס אונזער וועג געהט בלויז א קורצע שטרעקע צוזאמען. דו פרעגסט מיר, ווי זיינען דא די מענשען? פונקט ווי אומעדום, מוז איך דיר ענטפערן. די גאנצע מענשהייט געפינט זיך אין איין און דערזעלבער לאגע. די מייסטען ארבייטען אב דעם גרעסטען טהייל פון זייער צייט, אום צו קעננען עקזיסטירען, און דאס ביסל צייט וואס זיי בלייבט איבער, מאכט זיי אזויפיעל ערגערנים, דאס זיי זוכען אויס אלערליי מיטלען ווי אזוי פון דעם לויז צו ווערן. אה? דער גורל פון'ם מענשען!

אבער דאס זיינען מענשען פון אמת גוטען סארט! ווען איך פערגעס זיך אליין אמאל, ווען איך געניס מיט זיי צוזאמען, פון די לעבענס־פריידען וועלכע זיינען נאך געבליבען פאר'ן מענשען, ביי א גוט־סערווירטען טיש, אונטערהאלטענדיג זיך מיט פולער אפענהערציגקייט; אדער ווען מיר געהען שפּאצירען צוזאמען; מיר אראנזשירען א טאנץ און דערגלייכען, דאס אלעס מאכט אויף מיר א גוטע ווירקונג. איך דארף נאר פערגעסען איין זאך, דאס עס לעבען אין מיר אזוי פיעל אנדערע כחות און אייגענשאפטען, וועלכע ווערען פערשמאכט פון ניט

בענוצט צו זיין, און וועלכע איך דארף פארזיכטיג בעהאלטען. אָה ? דאס פעראיינגט אזוי דאס גאנצע הארץ ! — און דאך ! צו ווערען מיספערשטאנען, דאס איז שוין דעם מענשענס שיקזאל.

אַ שאַד האָס מיין יוגענד־פריינדין איז שוין מעהר ניטא פאר מיר ! אַ שאַד וואס איך האב זי גאר ווען געקענט ! — איך וואלט אליין צו זיך געזאגט : „דו ביסט אַ נאַר ; דו זוכסט וואס דארט איז גאר ניט צו געפינען." אבער איך האב איהר דאך געהאט, איך האב דאך געפיהלט דאס הארץ, די גרויסע נשמה, אין וועמעס נאָהנטשאפט איך האב זיך אליין געדענקט פאר גרעסער ווי כ'בין אין אמת געווען, ווייל איך בין דאן אללעס געווען וואס איך האב נאר געקענט זיין. גוטער גאָטט ! איז ביי מיר דאן געוועזן איין איינציגער טייל פון מיין נשמה ניט בענוצט ? האב איך דען ניט געקענט ענטוויקלען פאר איהר דעם גאנצען וואונדערבארען געפיהל, מיט וועלכען מיין הארץ האט ארומגענומען די גאנצע נאַטור ? איז אונזער אומגאנג ניט געווען, אן אייביגעס וועבען און פלעכטען פון די פיינסטע עמפפינדונגען, פון די שארפסטע וויצען, וועלכע האבען געקענט אהן אויסנאהמע אלס זשעני־יאל בעטראכטעט ווערען ? און איצט ! אָה, איהרע אייניגע מעהר יאהרען האבען איהר פריהער צום קבר געפיהרט ווי מיר. איך וועל איהר קיינמאל ניט פערגעסען, איהר געזונדער פערשטאנד, און איהר געטליכע געדולד וועלען פאר מיר אייביג לעבען.

מיט עטליכע טעג צוריק, האב איך זיך געטראפען מיט אַ יונגען מאן, אַ געוויסען וו. זעהר אן אָפענע נאַטור און פון גליקליכען אויסזעהן. ער קומט נאר וואס פון דער אַקאַדעמיע. ער האלט זיך אפילו ניט פאר אַ צו־גרויסען חכם, אבער דאך דענקט ער, דאס ער וויים מעהר ווי אנדערע. עס שיינט מיר אויך דאס ער איז געווען פון די מתמידים. קורץ, ער בעזיצט אַ היבשע ביסל קענטניססע. אלס ער האט געהערט דאס איך האב זיך פיעל מיט צייכענען בעשעפטיגט,און פערשטעה גריי־כיש (צוויי וואונדער וועלכע טרעפען דא זעהר זעלטען), איז ער צו מיר געקומען און זיך פאנאנדערגעפּעקעלט מיט א היבשען בערג'ל פון

ידיעות, פון באַטטעאוס ביז וואוד, פון דע־פּילעס ביז ווינקעלמאַן, און האַט מיר פערזיכערט דאס ער האט דורכגעלעזען דעם ערשטען טהייל פון זולצער'ס טהעאָריע, און דאס ער בעזיצט אַ מאַנוסקריפּט פון הע־נען, איבער'ן שטודיום פון אַנטיקען. זאל זיין אזוי, האב איך זיך געקלעהרט.

איך האב דא געמאכט די בעקאַנטשאַפט פון נאך איינעם, זעהר א בראַווען מענשען, דעם קרייז־ריכטער. אַן אָפענער און טרייהערצי־גער מאַן. מ'זאָגט אז עס איז פּשוט א פערגניגען אנצוקוקען איהם צווישען זיינע קינדערלעך, פון וועלכע ער פערמאָגט גאַנצע ניין; איבער־הויפּט מאַכט מען א גאַנצען ווּעזען פון זיין עלטערע טאָכטער. ער האט מיר איינגעלאַדען צו זיך, און איך וועל איהם בעזוכען די קומענדע טעג. ער וואָהנט אין א פירשטליכען יאַגד־הויף אַנדערטהאַלב שטונדען גאַנג פון דאַנען. ער האט געקריגען די ערלויבניס אהין איבער צו ציהען, נאָכהער אז זיין פרוי איז איהם געשטאָרבען, און איהם איז דאס פער־בלייבען אין דער זעלבער הויז און די זעלבע שטאדט, געווען צו שמערצליך.

זאָנסט האב איך דא געטראָפען נאך אַנדערע בעגעגעניסען, זאָ־גענאַנטע אָריגינאַלען, פון וועלכע עס איז אונמעגליך אויסצושטעהן, איבערהויפּט זייערע פריינדשאַפטליכע בעציהונגען.

לעב וואָהל! דיזער בריעף וועט דיר געפעלען; ער איז גאַנץ היסטאָריש.

22טער מאי.

אז דאס לעבען פון מענשען איז בלויז א פוסטער חלום, האבען שוין אסך דערפון געטראַכט, און אויך אין מיר לעבט שטענדיג די־זער געדאַנק. ווען איך בעטראַכט די בעשרענקונג אין וועלכע עס זיינען בעגרעניצט די טהעטיגע און פאָרשענדע קראַפט־טהיילען פון

מענשען; ווען איך זעה ווי אלעווירקזאמקייט און אנשטרענגונג ציעלט נאר אהין, אום זיך די בעפרידיגונג פון אונזערע בעדירפניסע צו פער־שאפען, וועלכע האבען ווידער קיין אנדער צוועק, זוי נאר צו דערלענ־גערן אונזער ארעמען עקזיסטענץ; און נאך דאן ווען איך גיעב א טראכט, דאס אונזער בערוהיגונג און צופרידענשטעלונג איבער געוויסע פונקטען פון אונזער פארשען, איז נאר א פער'חלום'טע רעזיגנאציאן, אין דער צייט ווען מיר בעמאלען די ווענט פון דער טורמע וואו מיר זיצען געפאנגען, מיט שעהנע בלומען און ליכטיגע ביל־דער — ווען איך דענק פון אללעם דעם, ווילהעלם, בלייב איך שטום. איך קעהר זיך צוריק צו מיר אליין און געפין א וועלט! און ווידער, מעהר פיהלענדיג און בעגעהרענדיג און טאפענדיג אין דער פינסטער, אלס אין קלאהרער פארשטעללונג און לעבענדיגע קראפט. און דאן שווימט אלעס פאר מיין זין און איך שמייכעל ווייטער טרוימענד אין דער וועלט אריין.

אלע גיבען צו, דאס קינדער ווייסען ניט ווארום זיי וויללען. אבער, דאס אויך ערוואקסענע, פונקט אזוי ווי קינדער טומלען זיך ארום אויף דיזען ערד־באדען, און ווי יענע, ווייסען ניט פון וואנען זיי זיינען געקומען און וואוהין זיי געהען, ווי יענע, שטרעבען אזוי וועניג נאך אמת'ע צוועקען, ווי יענע, ווערן געפיהרט און רעגיערט דורך ביסקיטס און קיכלעך א. ד. ג. דאס וויל קיינער גערן ניט צרגעבען, און מיר דאכט זיך דאס דער אמת איז דא אזוי בולט, דאס מ'קען איהם מיט די הענד אנגעהמען.

איך גיעב עס צו — דען איך וויס וואס דו וואלסט מיר דערויף געזאגט — דאס די יעניגע זיינען די גליקליכסטע, וועלכע קענען אזוי ווי די קינדער לעבען, אזוי ווי יענע די פופען ארומשלעפען, זיי אנטהאן און אויסטהאן ווען עס געפעלט זיי, אזוי ווי יענע, מיט רעספעקט צום שופלאד זיך צרשארען, וואו די מאמע האט די נאשרייען באהאלטען, און ווען עס גליקט זיי צו געפינען, שטאפען זיי אן דערפון פולע באקען און שרייען פאר נאך! — דאס זיינען גליקליכע בראים. אויך איז

יענע וואויל, וועלכע זוכען זיך אויס פרעכטיגע טיטולען צו זייערע לומ־פען־בעשעפטיגונגען, אדער גאר ליידענשאפטען, און פערשרייבען עס דער מענשהייט אלס גוואלדיגע אויפטהואכצען, צו איהר וואהל און בעסטען. וואויל איז יענעם דער וואס קען זיין אזוי, אבער דעריעניגער וועלכער דענקט נאך עניוות'דיג וואוהין דאס אלעס פיהרט; וועלכער קען איינזעהן, ווי שעהן און ארטיג דער בירגער קען פערוואנדלען זיין גערט'ל אין א גן עדן, און קוקט צו ווי דער אונגליקליכער שלעפט זיך זיין וועג אונטער דער משא אהן פערדרוס, און בעמערקט ווי אללע האבען נאר איין גלייכען אינטערעס: צו קענען אנקוקען נאך א מינוט די ליכט פון דער זון; יא, דער וואס זעהט דאס אלעס, איז רוהיג און בילדעט זיין וועלט פאר זיך אליין אויס, און פיהלט זיך אויך גליקליך מיט דעם וואס ער איז א מענש, און דאן, ווי איינגעשרענקט ער איז, האט ער נאך אימער דעם זיסען געפיהל פון פרייהייט אין הארצען, דאס ער קען אימער פערלאזען דעם געפענגניס ווען ער וויל נאר.

26טער מאי.

דו קענסט דאך מיר שוין פון אמאל, דאס וואו איך קום האב איך ליעב אויסצוזוכען א רוהיגען אנציהענדען ארט, צו שאפען זיך א מקום מנוחה וועלכער זאל מיר זיין אין גאנצען צום הארצען. אויך דא האב איך איצט געפונען אזא פלאץ וועלכער האט מיר אנגעצויגען.

אונגעפעהר א שטונדע גאנג פון שטאדט געפינט זיך אן ארט וואס רופט זיך וואלהיים. עס געפינט זיך אויף א בארג אין א זעהר אינטערעסאנטע לאגע, און ווען מ'הויבט אן צו געהן מיט דער סטעזשקע וואס פיהרט צום דארף, דערזעהט מען מיט א מאל דעם

גאנצען טהאל אונטען. א גוטהערציגע פרוי, וועלכע איז זעהר פרעה־ליך און אויפגעראמט נאך איהר עלטער, האלט דארט א רעסטאָ־ראַן וואו זי פערקויפט קאפע און ביער; וואס עס מאכט דעם פּלאַץ אם מייסטען אינטערעסאַנט, איז די צוויי לינדענבוימען, וועלכע פּערדעקען מיט זייערע אויסגעשפּרייטע צווייגען דעם קליינעם פּלאַץ וואס פאר דער קירכע, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט הייזער, שייער'ן און הויפען. אזא פערטרוייליכען פלאַץ האב איך קיין מאל נאך ניט געפונען. און דארט לאז איך מיר מיין טיש'ל און שטוהל פון רעסטאָראַן ארויסטראגען, טרינק דארט מיין קאפע און לעז מיר מיין האָמער. אלס איך בין צום ערשטען מאל, צופעליג, אהין אין א שעהנעם נאָכמיטאג געקומען, האב איך דעם פּלאַץ געפונען זעהר איינזאם. אללע זיינען ביי דער ארבייט אין פעלד געוועןן; א יונג'ל פון אונגעפעהר פיער יאהר, איז געזעסען אויף ד'רערד, און געהאל־טען אן אנדערן פון א האלב יאהר צווישען זיינע פיס, מיט די הענד האט ער איהם ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיין ברוסט, אזוי ווי ער וואלט פאר איהם געדיענט אלס אָרם־שטוהל, און אונ־געאכטעט די פרעהליבקייט וואס שלאגט ארויס פון זיינע שווארצע אויגען, איז ער זיך גאנץ רוהיג געזעסען. מיר האט דיזער אנבליק פערשאפט פערגניגען. איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף א פלוג, וואס איז געגענאיבער געשטאנען, און האב געצייכענט דיזע ברידער־ליכע פּאָזיציאָן מיט גרויס פערגניגען. איך האב נאך צוגעגעבען צום בילד, דעם נעקסטען צאם, א טויער פון א שייער און עטליכע צר־בראכענע רעדער פון א וואָגען, אלעס ווי עס האט זיך דא צוזאַ־מענגעפונען, און נאך א שטונדע ארבייט, האב איך בעמערקט, דאס איך האב א גוט געאָרדענטע זעהר אינטערעסאנטע צייכנונג געמאכט, אהנע עפּעס פון זיך אליין צו־צוגעבען. דאס האט מיר געשטארקט אין מיין בעשלוס, אין די צוקונפט נאר אן די נאטור זיך צו האל־טען. זי אליין איז אונענדליך רייך און זי אליין בילדעט דעם גרויסען קינסטלער. מ'קען אפילו זאגען צו גונסטען פון די רעגעלן,

אונגעפעהר וויפיעל מען קען זאגען צו גונסטען פון די בירגערליכע געזעלשאפט. א קינסטלער וועלכער היט זיי אָב, קען קיין שלעכטעס און אונגעלומפערטעס ניט שאפען, אזוי ווי דער בירגער וועלכער לאזט זיך פאָרמירען דורך וואהלשטאנד און געזעצע, קען קיינמאל א אונטרעגליכער שכן אדער אן אויסגעפרעגטער פערברעכער ניט ווערן. דאגעגען אבער, מ'קען זאגען וואס מ'וויל, צושטערען די רעגעלן דעם אמת'ן געפיהל פון נאטור און איהר ריינעם אויסדרוק! דו קענסט זיך זאגען, „דאס קלינגט צו הארט! די רעגעלן בעשרענקען נאר וואו ס'איז נויטיג, זיי שניידען נאר ארום די אונגויטיגע צווייגלעך א. ז. וו.“ גוטער פריינד, זאל איך דיר געבען א משל? עס איז מיט דעם פונקט אזוי ווי מיט די ליעבע. א יונגער, הארציגער מאן איז פערליעבט אין א מיידעל און איז צו איהר אין גאנצען איבערגעגעבען. ער פערברענגט מיט איהר אללע שטונדען פון טאג, פערשווענדעט אללע זיינע קרעפטען, זיין גאנצען פערמעגען, אום איהר יעדען אויגענבליק אויסצודריקען דאס ער בעלאנגט אין גאנצען צו איהר. און דאן קומט צו איהם א מאן פון א גאנץ יאהר, א מאן וואס פערנעהמט אן עהרענפלאץ אין דער געזעלשאפט און זאגט צו איהם: „שעהנער יונגער מאן! ליעבען איז טענשליך, דעריבער מוזט איהר נאר מענשליך ליעבען! טהיילט איין אייער צייט: א טהייל גיט אוועק פאר ארבייט, פאר געשעפט, און די איבעריגע, די ערהאָלונגסשטונדען קענט איהר זיך פערברענגען מיט אייער געליעבטע. בערעכענט אייער פערמעגען, און וואס איהר וועט זעהען דאס איהר קענט אָבשפארען פון אייערע נויטיגע הוצאות, קענט איהר זיך מאכען א פרעזענט צו אייער מיידעל, נאר ניט צו אָפט, צו איהר געבורטסטאג א. ד. ג. קענט איהר זי וואס געבען.“ פאלגט דער יונגער מאן צו דיזע עצות, דאן לאזט זיך פון איהם א ברויכבארער מענש מאכען, און איך וואלט אליין יעדען פירשט געראטהען אזא איינעם א שטעלע צו געבען, אבער מיט זיין ליעבע איז עס אויס, און אויב עס האנדעלט זיך אום א קינסטלער, איז א סוף צו זיין קונסט. אָה,

מײנע פרײנד, װאָרום ברעכט אױס דער שטראָם פֿון זשעניע אַזױ זעל־טען, װאָרום צוגיסט ער אַזױ זעלטען זײן הױכע פֿלוטה און צוטרײ־סעלט אײערע שטױנענדע נשמות? מײן ליעבער פֿרײנד, די גלאַסע־נע הערערן װאָהנען אױף די ברעגעס פֿון בײדע זײטען פֿון דיזען שטראָם, און אױס מורא טאָמער װעלען זײערע גאַרטען־הײזלעך, בלומען־בײטלעך און גרינס־פֿעלדער חלילה ניט צושטערט װערן פֿון דיזען געפֿעהרליכען שטראָם, מאַכען זײ בעצײטענס גראָבענס און קאַנאַלען אום די גע־פֿאַהר צו פֿערהיטען.

27טער מאַי.

װי איך זעה בין איך פֿערפֿאַלען אין אַ מין דביקות, כ'האָב זיך פֿערנומען מיט משלים און פֿערקראָכען אין התפּעלות, און האָב אין גאַנצען פֿערגעסען צו דערצעהלען דעם סוף מיט די קינדער.

איך בין געזעסען אױף'ן פּלוג פֿערטיעפֿט אין מאָלערישע עמפּ־פֿינדונג געװױס באַ צװײ שטונדען. געגען אָבענד איז אַ יונגע פֿרױ צו־געקומען צו די קינדער װעלכע האָבען זיך פֿון אָרט ניט גערירט, מיט אַ קערב'ל אונטער'ן אָרעם, און זײענדיג נאָך פֿון װײטען, האָט זי אױסגערופֿען: „פֿיליפּס דו ביזט אַ בראַװער יונג.“ זי האָט זיך בע־גריסט צו מיר; איך האָב איהר בעדאַנקט, זיך אױפֿגעשטעלט און צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהר, און געפֿרעגט אױב זי איז דאָס די מוטער פֿון דיזע קינדער? זי האָט מיר געענטפֿערט אַז יע, און האָט צו דער זעלבער צײט געגעבען אַ האַלבען קוכען דעם עלטערען, און דעם קלײנעם אױף די הענד גענומען און עס געקושט מיט מוטער־ליכער ליעבע. — „איך האָב,“ זאָגט זי צו מיר, „מײן פֿיליפּס, דעם קלײנעם געגעבען צו צו־האַלטען, און בין מיט מײן עלטסטען אין שטאָדט געגאַנגען, אום װײסברױט, צוקער און אַ לעהם'ן פֿענ־

דיל צו קויפען. — איך האב עס אלעס אין דעם קערב'ל פון וועלכען דאס דעקעל איז ארונטערגעפאלען, בעמערקט. — איך וויל מיין האנס (דער נאמען פון איננסטען) קאכען א זופּ פאר נאכט־עסען; דער הפקר יונג, דער גרויסער האט נעכטען דאס פענדיל צובראכען, ארומרייסענדיג זיך מיט פיליפּס'ען פאר א ביסל זופּ וואס איז דארט געבליבען." איך האב זי געפרעגט וואו דער עלטססטער איז, און נאך עהדער זי האט מיר אוספּייעט צו ענטפערן, דאס ער יאגט זיך ארום אויף'ן לאנקע מיט א פּאאר גענז, איז דער בעל דבר אליין געקומען צולייפען מיטבריננענדיג פאר פיליפּס'ען א ווידען־צווייגעל.

איך האב זיך אזוי ווייטער אונטערהאלטען מיט דער פרוי, ביז איך האב ערפאהרען דאס זי איז א טאכטער פון א שול־לעהרער, און דאס איהר מאן איז נאך די שווייץ אוועק געפאהרען, אום א ירושה פון א פעטער אבצונעהמען. — „זיי האבען עס איהם געוואלט בעשווינדלען," האט זי געזאגט, „און איהם אויף זיינע בריעף גאר ניט געענטפערט; דאן איז ער אליין אהין אוועק. ווען איהם איז נאר קיין אונגליק הלילה ניט געשעהען; איך הער פון איהם גאר ניט." — מיר איז געוועזען שווער פון דער פרוי אוועק צו געהן. כ'האב געגעבען צו יעדען פון די קינדער צו קרייצער, איך האב איהר אויך איינס פאר דאס קליינע געגעבען, אום צו קויפען איהם א קוכען צו די זופּ, ווען זי וועט ווידער אין שטאדט זיין, און אזוי זיינען מיר זיך צוגאנגען.

איך פערזיכער דיר מיין פריינד, ווען מיינע געדאנקען זיינען איבערפולל און ווילען אין די ענגשאפט מעהר ניט אויסהאלטען, דאן בערוהיגט זיי דער אנבליק פון אזא רוהיגע בעשעפעניס, וועלכע שפּרייזט דורך מיט א גליקליכע געלאססענהייט דעם קרייז פון איהר וועלט'ל, וויים זיך ווי דורך צרהעלפען פון איין טאג צום צווייטען, זעהט צו ווי די בלעטטער הויבען אן ארונטערצופאלען און דענקט דערביי ניט מעהר ווי: דער ווינטער קומט.

זינט דאן געפין איך זיך דארט זעהער אָפּט. די קינדער זיינען צו מיר אין גאַנצען צוגעוואהנט, זיי קריגען צוקער צו נאַשען ווען איך טרינק מיין קאפע, אין אבענד קריגען זיי א טייל פון מיין ברויט־און פּוטער און זויער־מילך. זונטאג קריגען זיי שטענדיג דעם קרייצער, און ווען איך בין דארט ניטאָ אין אבענד נאך דער געבעט־שטונדע, האט שוין די ווירטין מיין אָרדער דאס אויסצוצאהלען.

זיי זיינען זעהר פערטרויט צו מיר, זיי דערצעהלען מיר אַללערליי מעשיות, בעזאנדערס אמוזיר איך זיך, בעאָבאכטענדיג זייערע ליידענ־שאפטען און איינפאכע בענעהמונגען ווען עס פערזאמלען זיך מעהר קינדער פון'ם דאָרף.

עס האט מיר פיעל מיה געקאסט, ארויס צו־שלאגען די דאגה פון דער מוטטער'ס קאָפּ, דאס: „די קינדער קעננען נאך דעם הערען אונבעקוועם מאכען.“

30טער מאַי.

וואס איך האב דיר ניט לאנג צוריק געשריבען וועגען מאַלעריי, פאסט זיך געוויס אויך צו צו די דיכטקונסט. מ'דארף נאר ערקעננען דאס פּאָרטרעפליכסטע און עס וואגען אויסצושפּרעכען, און זעלבסט־פערשטענדליך, אין ווניג ווערטער פיעל צו זאגען.

איך האב היינט געהאט אַ סצענע, וועלכע ווען מ'וואלט ריכטיג אבגעשריבען וואלט פארגעשטעלט די שעהנסטע אידיליע אין דער וועלט; דאך, צו וואס דיכטונג, סצענע און אידיליע? מוזען מיר דען אימער קונסט בענוצען, ווען מיר נעהמען אנטהייל אין וועלכע נאַטור־ערשיינונג?

אויב דו ערוואַרטעסט ביי דיזער הקדמה פיעל גרויסעס און פּאָרנעהמעס צו הערען, נארסט דו זיך מיאוס אָב. עס איז ניט מעהר ווי אַ בויערן־יונג וואס האט מיר אזוי שטארק פּעראינטערעסירט. —

איך וועל ווי געוועהנליך, שלעכט ערצעהלען, און דו וועסט מיר ווי געוועהנליך, דענק איך, האלטען פאר איבערטרייבענד; עס איז ווידער וואלהיים, און אימער וואלהיים וועלכע ברענגט פאר דיזע זעלטענהייטען.

א קאמפאניע האט זיך דארט אונטער די לינדען פארקליבען, קאפע צו טרינקען, און אזוי ווי זי איז מיר ניט געווען אין גאנצען געפעלען, בין איך מיט אן אויסרייד צוריק געבליבען.

א בויערן־יונג איז ארויסגעקומען פון א נאהנטע הויז, און זיך גענומען צום פלוג, וועלכען איך האב ניט לאנג צוריק געצייכענט, אין איהם עפעס צורעכט צו מאכען, און וויל ער איז מיר געפעלען געוואָרען בין אוך צו איהם צוגעגאנגען, זיך פאנאנדער גערעדט, און איהם אויסגעפרעגט איבער זיינע אומשטענדען: מיר זיינען גלייך געווארען בעקאנט, און אזוי ווי מיר געהט אימער מיט די סארטען לייטע, זיינען מיר אויך גלייך געווארען פערטרויט. ער האט מיר דערצעהלט דאס ער דיענט ביי אן אלמנה, וועלכע האלט איהם זעהר ארענטליך. ער האט פון איהר אזוי פיעל גערעדט און איהר אזוי פיעל געלויבט, דאס איך האב גלייך געקענט בעמערקען אז ער איז צו איהר צוגעבונדען מיט לייב און לעבען. „זי איז שוין מעהר ניט יונג,“ האט ער דערצעהלט, „זי איז פון איהר ערשטען מאן שלעכט בעהאנדעלט געווען, זי וויל מעהר ניט הייראטען,“ און פון זיינע רייד האט אזוי בולט ארויסגעקוקט, ווי שעהן, ווי רייצענד זי מוז פאר איהם זיין, ווי שטארק זיין וואונש איז, זי זאל מיט איהם חתונה האבען, אום אויסצולעשען די עראיננערונגען פון איהר ערשטען מאן'ס שלעכטע בעהאנדלונגען. איך האב דיר געדארפט איבערגעבען זיינע רייד ווארט פאר ווארט, כדי דיר קלאהר צו מאכען די עכטע נייגונג, די ריינע ליעבע און טריישאפט פון דיזען יונגען מענשען. יא, איך האב געדארפט בעזיצען דעם טאלאנט פון גרעסטען דיכטער, אום אויך צו קעננען לעבענדיג פארשטעלען פאר דיר, דעם אויסדרוק פון זיינע תנועות, די הארמאניע פון זיין שטימע און דעם בעהאלטענעם פייער פון זיינע בליקען. ניין, מ'קען מיט קיינע

װערטער שילדערן, די צערטליכקײט װאס האט זיך אָפּגעשפּיעלט פון זײן גאנצען װעזען און אויסדרוק; אלעס װאס איך װאלט נאר געקענט בעשרײבען װאלט געװען האמאטנע, איבערהױפּט האט מיר גערידהרט זײן מורא האבען, טאמער װעל איך פון זײנע רײד לערנען א פאל־שען פּשט איבער זײן פערהאלטען זיך צו איהר, און װארפען א חשד אויף איהר גוטע אויפפיהרונג. װי רײצענד איז דאס געװען, װען ער האט גערעדט פון איהר געשטאלט, פון איהר קערפּער, װעלכע האבען איהם, גאר אהן דעם יוגענדליכען חן, צו זיך צוגעצױגען און אזױ שטארק צוגעשמידט. דאס קען איך נאר אין די טיפעניסען פון מײן נשמה איבער'חזר'ן. איך האב אין מײן לעבען ניט געזעהן, דאס דרינגענדע בעגעהרען און די הײסע לײדענשאפטליכע פערלאנגען אין אזא מין רײנקײט, יא, איך קען בעשטימט זאָגען, אין דיזער רײנקײט עס קײנמאל ניט גערדאכט און גע'חלום'ט. איך בעט דיר, פערדאם מיר ניט, װען איך װעל דיר זאגען, אז בײ די ערזאיננערונג פון דיזער אונשולד און אמת, ברענט עס אין די טיפעניסען פון מײן נשמה, און אז דאס בילד פון דיזער טרײהײט און צערטליכקײט, פערפאלגט מיר אומעדום, און װי פון דעם אָנגעצונדען, בעגעהר איך און בענק א פערשמאַכטעטער.

איצט װעל איך זוכען אויך איהר אם שנעלסטען צו זעהן. אדער, אפשר איז עס בעסער, װען איך זאל זיך גוט איבערלײגען און דאס אויפגעבען. עס איז בעסער װען איך זעה איהר װי זי קוקט אויס אין די אויגען פון איהר געליעבטען; פיעלײכט אין מײנע אויגען װעט זי ניט אויסזעהן, אזױ װי זי שטעהט פאר מיר איצט, און װארום זאל איך דאס שעהנע בילד צושטערען?

16טער יוני.

„ווארום איך שרייב דיר ניט" — פרעגסט דו דאס, און דו האלסט זיך נאך עפּעס פאר אַ געלעהרטען. דו האסט געדאַרפט פער־שטעהן אַז איך בין געזונד,און אַז — קורץ און גוט, איך האָב אַ בע־קאַנטשאַפט געמאַכט וועלכע שטעהט מיר נעהנטער צום הארצען. איך האָב — איך ווייס ניט וואס —

צו דערצעהלען דיר אין אָרדנונג, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען ביי מיין בעקענען זיך מיט איינע פון די ליעבענסווירדיגסטע פרויען־צימער, דאס וועט פאר מיר צו שווער זיין, איך בין צופרידען און גליקליך, איך קען אבער ניט זיין קיין גוטער ערצעהלער.

אַ מלאך ! — פּפוי ! דאס זאגט דאך יעדער איינער פון די זייניגע. און דאָך בין איך ניט אין שטאַנד דיר צו זאגען אין וואס איהר פאלקאמענהייט בעשטעהט, און ווארום זי איז פאלקאמען ; עס איז גענוג, דאס זי האט אַללע מיינע חושים געפאַנגען.

אַזוי איינפאך ביי אַזוי פיעל פערשטאַנד, אַזוי גוט ביי אַזוי פיעל פעסטקייט פון כאַראַקטער, און די זעעלענרוהיגקייט ביי'ם אמת'ן לעבען און טהעטיגקייט ! —

וואס איך זאג דא אַל פון איהר איז ניט מעהר ווי פּלאַפּלעריי, פּוסטע אַבסטראַקציאָנען, וועלכע דריקען ניט אויס קיין איינציגען צוג פון איהר פּערזאָן. אַן אַנדערס מאל — ניין, ניט אַן אַנדערס מאל, איצט, גלייך איצט וועל איך דיר עס דערצעהלען. ווארום, טהו איך דאס ניט איצט וועל איך עס קיינמאל ניט טהאָן. דען, צווישען אונז זאל עס בלייבען, זינט איך האָב אנגעפאַנגען דיר צו שרייבען, האָב איך שוין דריי מאל געוואלט די פּען אוועקלעגען, הייסען אנזאַטלען מיין פערד און ארויס צו פאהרען. און דאך, איך האָב זיך היינט פער־שווארען ניט אַרויסצופאהרען, פון דעסטוועגען לויף איך יעדען אויגענ־בליק צום פענסטער, צו זעהן ווי הויך די זון שטעהט נאך — — —

איך האב זיך ניט געקענט צוריקהאלטען, כ'האב געמוזט צו איהר ארויספאָהרען.

דאָ בין איך שוין צוריק, ווילהעלם. איך וועל מיין אבענד־ברויט עססען און צוגלייך אויך צו דיר שרייבען. אך, וואס פאר א פערגניגען עס איז פאר מיין נשמה, זי אין דעם קרייז פון איהרע אכט שוועסטער־לעך און ברידערלען אנצוקוקען!

ווען איך זאל אזוי מיט מיין שרייבען ווייטער אָנגעהן, וועסט ד צום סוף פונקט אזוי פיעל וויסען ווי ביי'ן אָנהייב! איך וועל מיך צווינגען דיר די איינצעלהייטען איבעצוגעבען.

איך האב דיר ניט לאנג צוריק געשריבען ווו אזוי איך האב זיך בעקאנט געמאכט מיט'ן קרייז־ריכטער ס. און ווי אזוי ער האט מיר איינגעלאדען, איהם אין זיין איינזאמען ווינקעל, אדער בעסער געזאגט, אין זיין קליינע מלוכה'לע, צו בעזוכען, איך האב דאס אבער פערנאכ־לעסיגט, און וואלט אהין פיעלייכט קיינמאל ניט געקומען, ווען ניט א צופאל וואלט מיר געפיהרט, צו ענדעקען דעם אוצר וואס איז דארט געווען באהאלטען אין'ם שטילען פלאץ.

אונזערע יונגע לייט האבען אררא‏נזשירט א באלל אויסער'ן שטאדט, צו וועלכען איך בין אויך צוגעשטאננען. איך האב אויסגע־קליבען א מיידעל וועלכע איז געווען גוט און שעהן אבער אויסערדעם אהן בעדייטונג, פאר א פארטנערין צום טאנץ. און עס איז אבגע־מאכט געווארען, איך זאל נעהמען א קארעטע, אום מיט מיין טענ־צערין און איהר קוזינע צום בעשטימטען פלאץ צו פאהרען, און פאה־רענדיג, אָבצוטערטען אויף'ן וועג און מיטנעהמען פריילין שארלאָטטע ס. — „איהר וועט דארט זעהן א שעהנע פרויענצימער,“ האט מיר בעמערקט מיין פארטנערין, ווען מיר זיינען דורך'ן שעהן אויסגעהאקטען וואלד צום יאגד־הויז געפאהרען. „פאסט זיך נאר גוט אויף איהר זאלט זיך ניט פערליעבען!“ האט די קוזינע צוגעלעגט. „ווארום?“ האב איך געפרעגט, — „זי איז שוין פערלאָבט,“ האט יענע געענט־פערט, „צו א זעהר בראווען מאן וועלכער איז אוועקגעפאהרען געשעפטען

אין אררנונג צו ברייננען נאך'ן טוידט פון זיין פאטער. די נאכריכט איז מיר געוועזן אין גאנצען גלייכגילטיג.

די זון האט זיך אנגעהויבען ארונטער צו לאזען הינטערן בארג, ווען מיר זיינען צוגעפאהרען צום טויער פון הויף. די לופט איז געווען פארנע, און די פרויענצימער זיינען געווען בעזארגט: דאס עס וועט נאך א שטורעם אויסברעכען, פון די קליינע ווייס־גראהע מוטנע וואלקענדלעך, וועלכע האבען זיך געקליבען ארום האריזאנט. איך האב זייערע זארגען געוואלט פאנאנדערשלאגען דורך כלומר'שטע ידיעות פון וועטער־פראפעצייאונג, כאטש איך האב אליין אנגעהויבען צו פיהלען דאס אונזער פערגניגען וועט זיין א פערשטערטער.

איך בין פון קארעטע ארויס. א דיענסט וועלכע איז צום טויער ארויסגעקומען האט אונז געבעטען אביסל אויפציהען; „פריילין לאטטע וועט „גלייך קומען.“ איך בין דורך'ן הויף צוגעקומען צו א גוט געבויטעס הויז, און ווען איך בין די טרעפלעך ארויף און זיך אין טיהר געשטעלט, האט זיך פאר מיינע אויגען פארגעשטעלט דאס שעהנסטע בילד וואס איך האב ווען געזעהן. אין'ם פארזאאל האבען זעקס קינדער, אין עלטער פון עלף ביז צוויי יאהר, ארומגערינגעלט א שעהן־אויסזעהענדע מיידעל פון מיטעלן וואוקס. זי האט געטראגען א ווייסע קלייד מיט בלאס־רויטע שלייפען אויף'ן ברוסט און ארעם — זי האט געהאלטען א שוואץ־ברויט און געשניטען פאר יעדען זיין חלק, נאך די פראפארציע פון יאהרען און אפעטיט, און האט עס יעדען מיט אזא פריינדליכקייט דערלאנגט, און יעדער איינער האט מיט א אונגעקינסטעלטען דאנק בעצאהלט, וועהרענד ער האט נאך געהאלטען די הענטלעך אין דער לופטען אויסגעשטרעקט, ווארטענדיג ביז זיין חלק איז אבגעשניטען, און נאכהער לויפט ער אוועק, אדער געהט זיך רוהיג מיט זיין אבענד־עססען, יעדער נאך זיין אייגענעם כאראקטער, צום טויער צו, אום אנצוקוקען די פרעמדע און די קארעטע אין וועלכע זייער לאטטע געהט מיטפאהרען. — „איך בעט אייך צו פערצייהען,“ האט זי געזאגט, „דאס איהר האט זיך צוליעב

מיר געדארפט אהער בעמיהען, און די פרויען דארפען דארט צוליעב מיר ווארטען. איבער'ן אנטהאָן זיך, און אללערליי קלייניגקייטען אין הויז צו פערזארגען, פאר די צייט וואס איך געה אוועק, האב איך פערגעסען מיינע קינדער זייער אבענד־ברויט צו געבען, און זיי ווילען פון קיין אנדערען, דאס ברויט ניט האבען געשניטען, ווי נאָר פון מיר אליין."

— איך האב איהר געמאכט אַ וועלכען אונבעדייטענדען קאָמפּלימענט, אבער מיין נשמה איז געווען אין גאנצען צו איהר צוגעצויגען ; איהר געזיכט, איהר שטימע, איהר בענעהמען זיך, האבען מיר ווי בעצויבערט, און ווען זי איז צו זיך אין צימער אריינגעלאפען, אום איהרע האנדשוה און פאָכער צו נעהמען, האב איך עטוואס צייט געוואונען צו ערהאָלען זיך פון מיין איבעראשונג. די קליינע האבען מיר פון ווייטען בעטראכט. איך בין צוגעגאנגען צו דאס אינגסטע, אַ קינד מיט די גליקליכסטע געזיכטסציגע. עס האט זיך פון מיר אבגערוקט, נאר ווען לאָטטע איז צום טיהר ארויסגעקומען און געזאגט: „לואיס גיעב דעם קוזין אַ האנד," האט ער עס גאנץ פריימיטהיג געטאָהן, און איך האב, טראָץ זיין פערראָצטעס נעזעל, זיך ניט געקענט איינהאלטען, איהם ניט הערצליך צו קושען. — „קוזין ?" האב איך איבערגעזאגט און האב איהר גערייכט מיין האנד, „גלויבט איהר איך בין ווערטה דעם גליק מיט אייך פערוואנדט צו זיין?" „אָה !" האט זי געזאגט מיט אַ לייכטפערטיגען שמייכעל, „איך האב אַסך קוזינס, און עס וואלט מיר לייד געטהאָן ווען איהר וואלט געווען דער ערגסטער צווישען זיי." געהענדיג, האט זי סאָפיע'ן, איהר נעקסט אינגערע שוועסטער, אַ מיידעל פון עלף יאהר, געגעבען אַן אָרדער אויפצופאַסען אויף די קינדער און איבערצוגעבען איהר גרוס צום פאטער, ווען ער וועט צוריק קומען פון שפּאַציר־רייט. די קליינע, האט זי אנגעזאגט, זיי זאלען פאלגען סאָפיע'ן פונקט אזוי ווי איהר אליין, און אייניגע פון זיי האבען עס אויסדריקליך פערשפּראָכען, אַ קליינע זעקס־יאהריגע בלאנדינקע האט זיך אָבער אויסגערופען: „סאָפיע איז אבער ניט דו, לאָטטכען ! מיר האבען דאך דיך ליעבער."

די צוויי עלטערע אינגלעך האבען אויף'ן קארעטע ארויפגעקלעטערט,

און דורך מיין שתדלנות האט זיי לאָטטע ערלויבט מיטצופאהרען ביז'ן וואלד, אויף זייער צוזאג צו זיין רוהיג און זיך פעסט אנהאלטען.

מיר האבען זיך נאר וואס איינגעזעצט, די פרויענצימער האבען קוים וואס אוספייעט זיך צו בעווילקאמען, וועלכע בעמערקונג צו מאכען איבער די קליידער און היט, און וואס אנצומערקען איבער די געזעל־שאפט וואס מ'וועט דארט טרעפען ביי'ם באלל, אלס לאָטטע האט דעם קוטשער געהייסען זיך אפשטעלען אום די ברידער ארונטערצולאָ־זען. אראפגעהענדיג, האבען זיי פערלאנגט לאָטטע'ס האנד נאך אמאל צו קושען. דער עלטערער האט עס אזוי צערטליך געמאכט, ווי עס האט שוין געפאסט פאר א פופצעהן־יעהריגען בחור. דער צווייטער האט דערביי ארויסגעצייגט העפטינקייט און לייכטזינן. זי האט נאך אמאל געלאזט גריסען די קליינע, און מיר זיינען ווייטער געפאהרען.

די קוזינע האט געפרעגט לאָטטע'ן אויב זי איז שוין פערטיג מיט'ן בוך וואס זי האט איהר געשיקט ניט לאנג צוריק. „ניין,“ האט לאָטטע געזאגט, „דאס בוך געפעהלט מיר ניט, דו קענסט עס צוריק האבען, דאס פאריגע בוך איז אויך ניט בעסער.“ ווען איך האב פון איהר ער־פאהרען אום וועלכע ביכער דא האנדעלט זיך, בין איך ערשטוינט גע־ווארען. — איך האב געפונען אזוי פיעל כאראקטער אין אלעס וואס זי האט געזאגט, מיט יעדען ווארט האב איך ענדעקט נייע רייצע, נייע שטראהלען אין איהרע געזיכטסציגע, און וועלכע האבען זיך נאך מעהר פאנאנדערגעוויקעלט פיהלענדיג אין טיר דאס איך פערשטעה איהר.

„ווען איך בין געווען אינגער,“ האט זי געזאגט, „האב איך קיין זאך אזוי ניט געליעבט ווי ראָמאנען. איין גאָטט ווייס, ווי איך האב געפיהלט, ווען איך פלעג זיך אוועקזעצען א זונטאג אדער א יום־טוב אין א ווינקעל, און מיט'ן גאנצען הארצען טיילנעהמען אין דעם גליק אדער שלים־מזל פון א אויסגעטראכטע יאָהאנא. איך לייקען ניט, דאס דער ראמאן האט נאך אויך היינט פאר מיר וועלכע רייצע, אָבער ווייל איך קריעג א בוך אזוי זעלטען, וויל איך כאטש עס זאל זיין נאך מיין געשמאק, און יענער פערפאסער איז מיר אם ליעבסטען, אין וועמעס

בוך איך קען מײן װעלטיל, װי אויך יענע, פון די װאס זײנען ארום מיר, װידער געפינען, און יענע געשיכטען זײנען מיר אינטערעסאנט און הערצליך, װעלכע זײנען עהנליך צום לעבען װאס איז אין מײן אײגען הויז, און כאטש עס איז װײט פון צו זײן א גן עדן, איז עס דאך פאר מיר אן אונזאגליכער קוואל פון גליק."

איך האב זיך בעמיהט מײנע התפעלות צו באהאלטען, װעלכע דיזע װערטער האבען אין מיר ארויסגערופען. דאס איז אבער װײט ניט געגאנגען; דען, הערענדיג איהר ריכטיגען אורטהײל איבער דעם „פרעדיגער פון װײקפעלד" איבער „. . . . . ." בין איך אזוי נשתומם געװארען, דאס איך האב זיך שוין מעהר ניט געקענט אײנהאלטען און איך האב איהר אלעס געזאגט װאס איך האב איבער דיזען געגענשטאנד געװאוסט, און ערשט דאן, אז לאָטטע האט זיך געענדעט צו די אנדערע צװײ פרויענצימער, װעלכע זײנען געזעסען מיט אָפענע אײגען און צוגעהערט דעם געשפּרעך, האב איך זיך אן זײ דערמאנט, אז זײ זײנען אויך דא מיט אונז צוזאמען. די קרזינע האט מיר מעהר װי אײן מאל אנגעקוקט מיט א איראָנישען בליק, װאס עס האט מיר אבער זעהר װעניג געקימערט.

דער געשפּרעך האט זיך צו אלעמענס צופריעדענהײט איבערגעדרעהט און מען האט גערעדט װעגען טאנצען. „אויב די לײדענשאפט פון טאנצען קען בעטראכטעט װערן אלס זינד," האט לאָטטע געזאגט, „דאן מוז איך צוגעבען דאס איך בין א גרויסע בעל־עבירה'ניצע. איך װײס פון קײן בעסערען פערגניגען װי דיזער. װען עס װערט מיר עפּעס אונרוהיג אין קאָפּ, זעץ איך זיך אװעק בײ'ם קלאװיר, שפּיעל זיך פאָר א קאָנטרע־טאנץ און דאן װערט אלעס װידער גוט."

אָה, װי האב איך מיך, אין צײט פון געשפּרעך, אין איהרע שװארצע אויגען אײנגעגעסען! װי שטארק האבען איהרע לעבעדיגע ליפּען און פריש־מונטערע באַקען, מײן גאנצע נשמה צו־געצויגען! װי טיעף בין איך געװען פערזונקען אין דעם זינן פון איהרע

ווערטער, דאס איך האב איבערדעם פיעל מאל די ווערטער א ליין ניט געהערט! — דו קענסט עס זיך פאָרשטעלען, ווייל דו קענסט מיר. קורץ, איך בין ארויס פון קארעטע א פער׳חלום׳טער, און בין אזוי געווען פערלארען אין חלומות אין דער דונקעל־ווערענדער וועלט, דאס איך האב קוים די מוזיק בעמערקט וועלכע האט אונז פון ליכ־טיגען זאאל אנטקעגען געשטראָמט.

די צוויי הערען, אודראן און א געוויסער נ. נ. (ווער קען עס אללע נעמען אויסגעדענקען), וועלכע זיינען געווען די טאנץ־פּארטנערס פון לאָטטע און די קוזינע, האבען אונז מקבל פּנים געווען, יעדער הערר האט זיך זיין דאמע גענומען, און איך האב זיי מיט מיינער נאָכגענאנגען.

מיר האבען אנגעהויבען דעם באלל מיט א מינועט. איינע נאָך די אַנדערע האבען זיך מיינע דאמען געביטען, און אפילו די אונערטרעגליכסטע האט מען ניט געקענט ענטזאגען. לאָטטע און איהר טענצער האבען אנגעהויבען אַן ענגלישען טאנץ, און דאס מעגסט דו זיך פאָרשטעלען, ווי איך האב געפיהלט, ווען עס איז איהר אויסגעקומען צו בייטען פיגורען מיט אונז. טאנצען מוז מען איהר זעהן! מיט׳ן גאנצען הארצען, מיט דער גאנצער נשמה איז זי דערביי, איהר גאנצער קערפּער איז איין הארמאניע, אזוי זאָרג־לאָז, אזוי פריי, פּונקט ווי דאס וואלט פאר איהר געווען די גאנצע וועלט, אזוי ווי זי וואלט פון קיין אנדער זאך ניט געדענקט און גע־פיהלט; און אין דעם אויגענבליק עקזיסטירט פאר איהר געוויס קיין אנדער זאך ניט.

איך האב איהר געלאַדען צום צווייטען קאָנטרע־טאנץ, און זי האט מיר דעם דריטען צוגעזאגט, און מיט די ליעבענסווירדיגסטע פריימיטהיגקייט האט זי מיר פערזיכערט, דאס זי טאנצט זעהר גערן דעם וואַלץ, און דא איז די מאָדע דאס יעדעס פּאָארל היט זיך אָב, דעם וואַלץ צוזאמען צו טאנצען. „נאר,“ האט זי ווייטער גע־זאגט, „אַזוי ווי מיין הערר טאנצט שלעכט דעם וואַלץ, וועט ער

מיר דאנקבאר זיין ווען איך וועל איהם פון דעם אויסלעזען. אייער דאמע איז אין דעם אויך ניט קיין בריה, און אין ענגלישען טאנץ האב איך בעמערקט דאס איהר וואלצט י א גוט. אויב איהר ווילט זיין מיין פארטנער, דאן מוזט איהר זיך ערלויבען ביי מיין הערר, און איך וועל געהן זיך ביי אייער דאמע ערלויבען. —" איך האב איהר געדריקט די האנד צום צייכען פון דאנק, און מיר האבען אבגעמאכט, דאס אין דער צייט וואס מיר וועלען ביידע טאנצען, זאל זיך איהר הערר אונטערהאלטען מיט מיין דאמע.

נון האט זיך עס אנגעהויבען, און מיט די גליקליכסטע געפיהלען, האבען זיך א ווילע אונזערע ארעמס געשלאסען. אה, מיט וואס פאר א רייץ, מיט וואס פאר א לייכטקייט זי בעוועגט זיך ! ווען עס איז געקומען צום וואלצען, און מיר האבען זיך אנגעהויבען ווי די רוחות איינע ארום די אנדערע צו דרעהען, איז פון אנפאנג צוגעגאנגען א ביסל געפלאנטערט, ווייל די מעהרסטע האבען ניט געוואוסט ווי עס צו מאכען. מיר זיינען גענוג קלוג געווען, און געלאזט האבען דעם עולם דאס זייערע, און ערשט דאן, ווען די אונגעשיקטע טענצער האבען פארלאזען דעם פלאץ, האבען מיר צוריק אריינגעוואלצט, און מיט נאך א פאאר'ל, אודראן און זיין פארטנערקע, אויסגעהאלטען ביז'ן ענד. עס איז מיר נאך קיינמאל אזוי לייכט ביי'ם טאנץ ניט געגאנגען, איך בין ניט געווען מעהר קיין מענש. צו האבען אזא ליעבענסווירדיגען געשעפף אין די ארעמס און מיט דעם ארומצופליהען אזוי ווי א ווינד ביז אלעס ארום ווערט פערשוואונדען, און — אה, ווילהעלם, איך האב זיך דאן פערשווארען: דאס די מיידעל וועלכע איך וואלט געליעבט און אויף איהר אנשפריכע געהאט, זאל מיט קיין אנדערען וואלצען ווי נאר מיט מיר אליין, און ווען אפילו איך וואלט צוליעב דעם דארפען צו גרונדע געהן. דו פערשטעהסט מיר, ווילהעלם !

מיר זיינען עטליכע מאל דעם זאאל דורכגעגאנגען און א ביסל דעם אטהעם אבגעכאפט.

לאטטע האט זיך אוועקגעזעצט, און די אראנזשען וועלכע איך

האב מיט מיר מיטגעבראכט האבען אונז ערקוויקט. נאָר, יעדע שטי־
קעל וואס זי פלעגט אָפּשניידען און עס צו וועמען פון די מיט־זיצענדע
אוועקגעבען, פלעגט עס מיר אין הארצען א שטאָך טהאָן.

ביי'ם דריטען ענגלישען טאנץ זיינען מיר געווען דאס צווייטע
פּאָאר. ווען מיר האבען די רייהע דורכגעטאַנצט, און (גאָטט ווייס
מיט וואס פאַרא פערגניגען) מיינע אויגען זיינען געווען איינגעגעסען אין
איהר ארעם, און בליק, וועלכער האט אויסגעדריקט דעם ריינסטען
גליקליכסטען פערגניגען, זיינען מיר פארבייגעקומען א פרוי, וועלכע איז
מיר געווען אויפפאַלענד מיט איהר ליעבענסווירדיגע מינע אויף איהר ניט
מעהר יונגען פנים, זי האט אנגעקוקט לאָטטע'ן מיט א שמייכעל, אנ־
געצייגט געגען איהר מיט'ן פינגער אזוי ווי סטראַשענדיג, און דערביי
דערמאנט דעם נאמען „אלבערט" צוויי מאל.

„ווער איז דאס דער אלבערט," האב איך לאָטטען געפרעגט,
„אויב עס איז פון מיר ניט קיין העזה צו פרעגען?" זי האט געוואלט
ענטפערן, אבער אין דעם אויגענבליק האבען מיר זיך געמוזט פאנאַנ־
דערשיידען, אום א פיגור דורכצולאזען (די גרויסע אכטע), און איהר
פערבייגעהענדיג אין דעם מארשרוט, האב איך בעמערקט אן איהר
שטערען, ווי זי וואלט עפּעס נאכגעדענקט. — „פארוואָס זאל איך לייי־
קענען פון אייך," האט זי געזאגט געבענדיג מיר די האנד צום פראָמע־
נאַדע; „אלבערט אין א בראווער מענש, און איך בין אזוי גוט ווי
פערלאָבט צו איהם. —"

אייגענטליך איז דאס ביי מיר גארניט געווען קיין נייעס (די מייד־
לעך האבען עס מיר נאך אויף'ן וועג דערצעהלט), און דאך האט עס
מיר געקלונגען גאנץ ניי, ווייל איך האב עס נאך ניט געהערט וועגען
ד י, וועלכע איז מיר אין אזוי ווייניג מינוטען אזוי טהייער געווארען.
גענוג, איך בין געווארען צוטומעלט און האב אריינגעקראכען צו די ניט־
ריכטיגע פּאָאר און אנגעמאכט א גאנצע מישענינע, און ערשט לאָטטע'ס
גאנצע געגענווארט, און איהר שלעפּען און ציהען מיר, האבען געקענט
עס גיך ווידער אין אָרדנונג ברענגען.

דער טאנץ איז נאך ניט געווען צו ענד, אלס די בליצען וועלכע מיר האבען שוין לאנג פריהער בעמערקט, האבען זיך אנגעהויבען צו פערשטארקען און פערמעהרען, און די דונערן האבען פערהילכט די מוזיק. דריי דאמען זיינען ארויסגעלאפען פון די רייהען און זייערע הער־רען זיינען זיי נאכגעלאפען; די אונארדנונג איז געווארען אלגעמיין, און די מוזיק האט אין גאנצען אויפגעהערט. עס איז נאטירליך, אז ווען עס טרעפט אן אונגליק אין צייט פון א שמחה, מאכט עס אויף אונז א פיעל שטארקערען איינדרוק ווי ווען עס טרעפט אין א געוועהנליכע צייט. מעגליך, צוליעב דעם דירעקטען געגענזאץ וועלכער לאזט זיך שארפער פיהלען, און מעגליך, און פיעלייכט נאך מעהר צוליעב דעם, וויל ווען אונזערע חושים זיינען אנגעשפאנט און אונזערע געפיהלען זוייט אפען אריינצונעהמען אין זיך די איינדריקע, זיינען מיר מעהר פעד־היג צו עמפפינדען יעדען איינדרוק אין אלגעמיין. צו דיזע אורזאכען מוז איך צושרייבען די וואונדערבארע גרימאסען וואס די מייסטע פון די פרויען האבען בעת מעשה געמאכט. די קליגסטע פון זיי האט זיך פארזעצט אין א ווינקעל מיט'ן פלייצע צום פענסטער און האט זיך פערשטאפט די אויערן. א צווייטע האט זיך נעבען איהר געזעצט און דאס פנים אין איהר שויס באהאלטען. א דריטע האט זיך צו די צוויי צוגעטוליעט און מיט טרעהרען אין די אויגען האט זי איהרע שוועסטער ארומגענומען. אייניגע האבען געוואלט אהיים געהן; אנדערע, וועלכע האבען נאך וועניגער ווי די געוואוסט וואס זיי טהוען, האבען אזוי פער־לארען די בעזינונגסקראפט, דאס זיי האבען ניט געוואוסט מיט וואס צו בעזייטיגען די העלדישע יונגען, וועלכע זיינען געווען שטארק בעשעפ־טיגט, אראפצוקושען פון זייערע ליפען, די תפלות וועלכע זיינען געווען פאר'ן הימעל בעשטימט. אייניגע פון אונזערע הערדען האבען אויסגע־נוצט די צייט, צו פערברויכען רוהיג זייער פייף, און די איבעריגע האבען זיך אנגעכאפט אן דער בעל־הבית'טעס איינפאל, איבערצוקלייבען זיך אין א צימער וואס האט לאדענס און גארדינען. קוים זיינען מיר אללע אין צימער אריין, איז לאטטע גליך געווארען בע־

שעפּטינט, אויסצושטעלען די שטוהלען אין קרייז, און ווען אללע האבען זיך צוזעצט, האט זי פאָרגעשלאגען אין עפּעס צו שפּיעלען.

איך האב בעמערקט ווי מאנכע האבען שיין פערשפּיצט די מייּלער און די גליעדער אויסגעצויגען מיט דער האפנונג צו כאפּען א גוטען פאַנד. — „לאמיר שפּיעלען אין צעהלענים,“ האט לאָטטע אויסגערופען, „נון זאלט איהר אכטונג געבען! איך וועל ארומגעהען אין קרייז פון רעכטס צו לינקס, און יעדער זאל, ווען איך וועל איהם פערביינגעהן אויסרופען זיין נומער, און דאס מוז געהן שנעל ווי א פייער, און ווער עס וועט ניט ענטפערן אין צייט אָדער מאכען א טעות, דער קריעגט א פּאַטש, און אזוי זאל געהן ביז טויזענד. —“ נון איז דאס געווען שעהן אנצוקוקען. מיט אויסגעשטרעקטע הענד האט זי אנגעהויבען אין קרייז צו געהן. „איינס,“ האט דער ערשטער אנגעהויבען צו צעהלען; דער צווייטער, „צוויי“; דער דריטער, „דריי,“ און אזוי ווייטער אלץ שנעלער. דאָ האט איינער א טעות געמאכט, פּאַטש! און איבער'ן געלעכטער וואס איז געווארען, האט דער צווייטער זיך אויך צוטומעלט, וויעדער פּאטש! און וואס ווייטער איז דאס אלץ שנעללער געגאנגען. איך אליין האב צוויי פּעטש געכאפּט, און האב געגלויבט צו בעמערקען מיט איננערליכען פערגניגען, דאס זיי זיינען געווען שטארקער פון די וואס זי האט אלעמען געטיילט. מיט א טוטעל און געלעכטער האט זיך די שפּיעל געענדיגט נאך עהדער זי האט אבגעצעהלט טויזענד. די גאנצע מאססע האט זיך פערטהיילט אין פּאארלעך. די דונערן און בליצען האבען אויפגעהערט, און איך בין נאכגעגאנגען לאָטטע'ן אין זאאל אריין. געהענדיג, זאגט זי צו מיר: „איבער די פּעטש האבען זיי דונער און בליץ פערגעסען!“ איך האב איהר גארניט געקענט ענטפערן. — “איך האב זיך אליין געשראקען מעהר ווי אללע,“ האט זי פאָרטגעזעצט, „און ווען איך האב זיך אנגענומען מיט הארץ אנדערע מוטה צו געבען, בין איך דערווייל אליין אויך מוטהיג געווארען.

מיר זיינען צום פענסטער צוגעגאנגען.

דער דונער האט זיך נאך אַביסל געלאזט הערען פון ווייטען אַרונ־טערלאזענדיג זיך און דער הערליכער רעגען האט געשמיסע איבער'ן פעלד, און דער ערקוויקענדסטער ריח האט אונז פון די ווארעמע לופט אנטקעגען געשטראָמט. זי איז געשטאנען אנגעשפארט אויף איהר על־בויגען; איהר בליק האט דורכגענומען דעם געגענד, געקוקט צום הי־מעל און אויף מיר; איך האב בעמערקט טרעהרען אין איהרע אויגען. זי האט ארויף געלעגט איהר האנד אויף מיינע און אויסגערופען: „קלאָפשטאָק!“ — איך האב זיך גלייך דערמאָהנט אן דער הערליכער אָדע פון דיזען דיכטער וועלכע איז איהר אויף'ן געדאנק געקומען, און בין פערזונקען אין אַ שטראָם פון עמפפינדונגען, וועלכען זי האט אין מיר מיט דיזען סיגנאַל אויפגעוועקט. כ'האב עס ניט געקענט איבער־טראגען. איך האב זיך אריבערגעבויגען אויף איהר האנד און עס געקושט מיט ענטציקונגס־טרעהרען, און דאן ווידער אין איהרע אויגען געקוקט. — דו ארעמער קלאָפשטאָק! וואלסטו כאטש געקענט זעהן דיין פערגע־טערונג אין איהר בליק! און איך וואלט ניט מעהר געהערט ווי דיין נאמען ווערט אזוי אָפט געטאַדעלט!

19טער יוני.

וואו איך בין מיט מיין לעצטען בריעף געבליבען געדענק איך ניט מעהר; איך ווייס נאר דאס עס איז געווען צוויי אוהר פארטאָג, ווען איך בין געגאנגען שלאפען, און ווען איך וואלט עס דיר געקענט אי־בערדערצעהלען אנשטאט דעם שרייבען, וואלט איך דיר געהאלטען ביז אין דער פריה.

ווי עס איז צוגעגאנגען ביי'ם אהיים פאהרען האב איך דיר נאך ניט דערצעהלט, איך האב נאך אויך היינט ניט די צייט דערפאר.

עס איז געווען דער הערליכסטער זונען־אויפגאנג. טריפענדער וואלד און ערפרישענדע פעלדער ארום אונז. אונזערע קאָמפּאַניאנקעס

זיינען אין וואגען איינגעשלאפען. לאָטטע האט מיר געפרעגט, אויב איך וויל אויך ניט האלטען קאמפּמניע, פון איהרטוועגען זאל איך זיך ניט קימערן. — „אזוי לאנג ווי איך זעה נאך דיזע אויגען אָפען,“ האב איך געזאגט, איהר פעסט אָנקוקענדיג, „איז נאך קיין געפאהר ניטא פאר מיר איינצושלאפען.“ — און מיר האבעןביידע אויסגעהאלטען ביז'ן סאַמע טויער. די דיענסט האט עס לייז אויפגעעפענט, און האט פערזיכערט לאָטטע'ן אויף איהרע פראגען, דאס אין הויז איז אַלעס אין בעסטען אָרדנונג; דאס דער פאטער און די קליינע זיינען אין גוטען געזונד און שלאפען נאך אללע רוהיג. דאן האב איך איהר פערלאזען און געבעטען ערלויבניס, איהר, דעם זעלבען טאג צו קענען ווידער זעהן; זי האט צוגעשטימט, און איך האב ניט פערפעהלט צו קומען, און זינט יענער צייט, מעגען זיך די זון לבנה און שטערען טרייבען רר היג זייער ווירטהשאפט, איך וויים ניט ווען ס'איז נאכט און ווען ס'איז טאג, די גאנצע וועלט ארום מיר פערליערט זיך פון מיינע אויגען.

21טער יוני.

איך לעב דורך אזעלכע גליקליכע טעג ווי גאָטט לאזט עס נאר זיינע הייליגע פערגינינען, און עס מעג מיט מיר שפעטער ווערען וואס עס וויל, קען איך ניט זאגען, דאס איך האב די פריידען, די ריינסטע פריידען פון לעבען ניט גענאָססען. — דו קענסט מיין וואלהיים! דארט בין איך איצט כמעט ווי א תושב; דען פון דארט האב איך בלויז א האלבע שטונדע גאנג צו לאָטטע'ן, און דארט פיהל איך זיך אליין און דאס גאנצע גליק וואס א מענש קען דערלעבען.

האב איך עס גאר געקענט דענקען, ווען איך האב אויסגעקליבען וואלהיים צום מיטעלפונקט פון מיינע שפּאצירען, דאס עס ליעגט אזוי נאָהענט פון הימעל! ווי אָפט האב איך דאס יאגד־הויז אין וועלכע עס זיינען איצט אַללע מיינע ווינשע איינגעשלאָססען, אויף מיינע וויטע

שפאציערגאנגען, אמאל פון בארג און אמאל פון גלייכען פעלד איבער'ן טייך געזעהען?

ליעבער ווילהעלם, איך האב שוין אללערליי געדאנקען דורכגעדאכט, איבער דעם בעגעהר אין'ם מענשען זיך פאנאנדערשפרייטען, ארומצוטרייבען זיך און נייע ענדעקונגען צו מאכען, און דאן וויעדער, איבער'ן אינערליכען טריעב, זיך מיט'ן אייגענעם ווילען די בעשרענקונג אונטערצרווארפען, אויף'ן וועג פון די געוואנהייט זיך ארומצופיהרען, און זיך אום א האאר ניט קימערן וואס עס קומט פאר אין א זייט פון איהם.

עס איז וואונדערבאר. ווען איך בין צום ערשטען מאל אהער געקומען, און פון שפיץ בארג אין דעם שעהנעם טהאל אדונטערגעקוקט, ווי האט מיר אלעס אנגעצויגען! — דארט דער וועלד'ל אה, וואלט איך אין זיין שאטען געקענט זיצען! — דארט, די שפיצען פון בארג! אה, וואלט איך פון דארט געקענט אויף'ן ווייטען געגענד אריבערקוקען! — דאן, די אזוי ווי אין א קייט איינגעפלאכטענע בערג און די פערטרויליכע פרעכטיגע טהאלען! — אה, ווי וואלט איך אין זיי זיך געוואלט פערליערען! — — כ'האב אהין געלאפען און בין צוריק געקומען און האב ניט געפונען דאס וואס איך האב געהאפט. מיט די וויטקייט איז עס פונקט אזוי ווי מיט דער צוקונפט! א גרויסע טונקעלע גאנצקייט ציהט זיך אויס פאר אונזער נשמה, אונזער געפיהל ווערט אין דעם פערשוואונדען אזוי ווי אונזער אויג, און מיר פיהלען א בענקשאפט, א פערלאנגען אונזער גאנצען וועזען אוועקצוגעבען, אום זיך צו לאזען אויספילען פון דעם איינציגען, גרויסען און הערליכען געפיהל, — און אה! ווען מיר קומען שוין צו דעם, ווען דער דארט ווערט שוין פאר אונז א דא, דאן שטעהט אלעס וויעדער פאר אונז פון ווייטען, און מיר בלייבען ביי אונזער ארעמקייט, ביי אונזער בעשרענקטקייט, און אונזער נשמה שמאכטעט נאך דעם פערלארענעם גליק.

אזוי בענקט אויך דער אונרוהיגער וואַנדערער צום סוף צוריק נאך זיין פאַטערלאנד, און געפינט צולעצט אין זיין ארעם הייזעל, אין דעם בוזים פון זיין פרוי, אין'ם קרייז פון זיינע קינדער, אין'ם גע־שעפט וועלכער איז איהם נאך פארבליבען זיי צו ערנעהרען, דעם גאנ־צען גליק און פערגניגען וועלבע ער האט נאר אומזיסט אַרומגעזוכט אין דער ברייטער וועלט

ווען איך געה פריהמארגענס מיט זון־אויפגאנג ארויס צו מיין וואַלהיים, און רייס מיט מיינע אייגענע הענד, אין גארטען, די צוקער־אַרבעס וואס איך קריעג נאכהער צום עסען; ווען איך זעץ מיך אַנידער די שויטען אויסצושעהלען, און לעז מיר דערווייל מיין האָמער; ווען איך זוך מיר דאן אויס אין דער קליינער קיך אַ טאָפ, און טהו די שויטען און פוטער אין איהם אריין, שטעל עס אוועק צום פייער, דעק עס צו, און זעץ מיך דערביי, אום עס אָפט דורכצוטרייסלען, דאן פיהל איך אזוי לעבהאפט, ווי די איבערמיטהיגע חתנים פון פענעלאָפע שלאכ־טען די אָקסען און חזירים, שינדען און בראטען זיי אויף'ן אַרט. קיין זאך קען מיר אזוי ניט אויספיהלען מיט'ן אמת'ן שטילען געפיהל, אזוי ווי דאס פאַטריארכאלישע לעבען, וועלכען איך קען, גאָטט זיי דאנק, אזוי רוהיג נאכמאכען.

ווי גוט איז מיר, דאס מיין הארץ איז פעהיג צו פיהלען די פשוט'ע איינפאכע הנאה, וועלבע דער בויער פיהלט, געניסענדיג די פראָדוקטען פון זיין פעלד. יענער, ווען ער האט דאס קעפ'ל קרויט פאר זיך אויף'ן טיש, לעבט נאך אמאל דורך די אַללע פריידען וואס ער האט דורכגעמאכט, פון דעם ערשטען פריהמארגען ווען ער האט עס פערפלאנצט; פון די אבענדען ווען ער פלעגט עס בעגיססען, און פון זיין שטענדיגע פריידע פון זיין וואקסען און געראטען. דאס לעבט ער אַלעס אין דיעזען אויגענבליק נאך אמאל דורך, און פיהלט די גרעסטע הנאה.

29טער יוני.

פאַרגעסטערן איז דער דאָקטאר פון שטאדט געװען בײ'ם קרײז־דיכטער צו בעזוך, און ער האט מיר געפונען אויף ד'ערד מיט לאַמטע'ס קינדער זיך שפּיעלענדיג. אײניגע האבען זיך ארום מיר ארומגעהאנגען און די אַנדערע האבען זיך מיט מיר געררײצט, איך האב זײ געקיצעלט און עס איז געװען א געװאלדיגע מהומה. דער דאָקטאר װעלכער איז װי אַן אנגעצװיגענע פּופּע, און װען ער רעדט האלט ער אי־מער זײנע מאנזשעטען אין פעלדלעך אויסצולעגען, און האלט אין אײן ארויסשלעפּען א קרײזעל פון זײן בוזים־העמד, האט עס געפונען פאר זעהר ניט פּאַסיג פאר אַ געשײטען מענשען צו טהאָן װאס איך האב געטהאָן. דאס האב איך אָן זײן נאז בעמערקט, איך האב זיך אבער גארניט געלאזט שטערען, כ'האב איהם געלאזען גאנץ רוהיג זײנע װיכ־טיגע געשעפטען צו פערהאנדלען, און אלײן האב איך מיר װײטער מײן ארבײט פאַרגעזעצט און פון ס'נײע אויפגעבויט די קארטען־הײזלעך װעלכע די קינדער האבען חרוב געמאכט. אין שטאדט האט דער דאָק־טאר אומעדום צוטראגען, „דעם דיכטער'ס קינדער זײנען אַזױ אויך גע־נוג שלעכט ערצויגען, אבער דער 'װערטהער' פיהרט זײ אין גאנצען איבער.“

יא, מײן ליעבער װילהעלם, קײן זאך אין דער װעלט איז מיר ניט אזױ נאָהענט, אַזױ ליעב, װי די קינדער. װען איך בעטראכט זײ גוט און דערזעה אין זײ די סימנים פון קראפט און טוגענד װעלכע זײ װעלען עס אמאל אַזױ נויטיג האבען; װען איך בעמערק אין זײערע עקשנות, די שפּעטערדיגע פעסטקײט און בעשלאססענהײט פון כאראקטער, אין זײערע קאפּריזען, דעם גוטען הומאָר און די לײכטקײט, אום די שפּע־טערע געפאהרען פון דער װעלט צו קעננען אויסמײדען, װען איך זעה דאס אַלעס אַזױ אונפערדארבען, אַזױ גאנץ! דאן חזר איך שטענדיג פאר מיר איבער די װערטער פון'ם גרויסען לעהרער: „װען איהר װעט

ניט ווערען אזוי ווי איינער פון דיזע !" מיין פריינד, און זיי, די וועלכע זיינען מיט אונז גלייך, די, וועלכע מיר דארפען אלס מוסטער בעט־ראכטען, בעהאנדלען מיר ווי שקלאפען, ווי אונטערטהאנען. זיי טארען ניט וועלען דאס וואס זיי ווילען ! האבען מיר דען אונזער ווילען ניט ? וואו איז דא דער יושר, וועלכען פאררעכט האבען מיר ? צו דען ווייל מיר זיינען עלטער און האבען מעהר דורכגעמאכט ? גוטער גאָטט אין הימעל ! ד ו זעהסט דאך ניט מעהר בלויז ווי קינדער, אלטע און יונגע, און ווייטער נישט, און מיט וועלכע דו ביזט מעהר צופריעדען האסטו שוין דיין נביא לאנג געזאגט, אָבער די מענשען גלויבען אין איהם און וואס ער זאגט הערען זיי ניט — ס'איז שוין אן אלטע געשיכטע — און ערציהען קינדער אזוי ווי זיי זיינען אליין און —.

בלייב וואָהל, ווילהעלם, איך גלויב עס איז גענוג דערפון צו רעדען.

1טער יולי.

וויפיעל עס איז וויכטיג פאר א קראנקען די געגענווארט פון לאָטטע'ן, דאס קען איך אין מיין אייגענע ארעמע הארץ פיהלען, וועלכע ליידעט פיעל מעהר, פון איהר אבוועזענהייט, ווי יענע וואס ליי־גען אויף'ן קראנקען־בעט. זי איז אין שטאדט אוועק, זי וועט דארט עטליכע טעג צובריינגען, ביי א גוטע קראנקע פרוי, וועלכע דער דאָק־טאר האט דאס לעבען אָבגעזאגט, און ווינשט, אין איהרע לעצטע טעג לאָטטע'ן ביי זיך צו האבען.

לעצטע וואך בין איך געגאנגען מיט לאָטטע'ן דעם לאנד־פרעדי־גער פון ס. . . צו בעזוכען, אן אָרט וועלכער ליעגט אן א זייט אויף'ן בארג א שטונדע גאנג פון דאנען. ארום פיער אוהר זיינען מיר אהין אנגעקומען. לאָטטע האט געהאט איהר צווייטע שוועסטער מיט זיך מיטגענומען. אז מיר זיינען צוגעקומען צום הויף'ל וועלכער ליעגט אין

שאטען פון צוויי גרויסע נוסבוימען, איז דער אַלטער גוטער מאַן אויף אַ באַנק נעבען הויז־טיהר געזעססען, און ווי ער האט לאָטטע'ן דערזעהן, האט ער אַזוי ווי אויפגעלעבט, האט פערגעסען זיין סוקעוואַטען שטע־קען און געוואָלט איהר אַנטקעגען לויפען, זי איז אבער צו איהם צו־געלאפען, און איהם געהאלפען זיך צוריק אַנידערזעצען. זי האט זיך נעבען איהם געזעצט, האט איהם איבערגעגעבען פיעל גריססען פון איהר פאטער, און האט געלאַשעצט זיין צושטויבערטען שמוציגען מיזיניק'ל, דער טרויסט פון זיין עלטער. דו האסט געדאַרפט זעהן ווי אַזוי זי האט דעם אַלטען אונטערהאַלטען, ווי אַזוי זי האט איהר שטי־מע אַנגעשטרענגט אום אין דעם אַלטען'ס טויבליכע אויערן אריינצו־דרינגען, ווי זי האט איהם דערצעהלט פון געזונדע יונגע מענשען וואס זיינען פאר דער צייט פון דער וועלט אַוועק; פון די גרויסע וויכטיג־קייט פון קארלסבאד, און ווי זי שעצט און לויבט זיין בעשלוס, אַהין דעם קומענדען זומער צו פאהרען; ווי זי האט איהם דאַסמאל אין אַ פיעל בעסערען אויסזעהען און פיעל פרעהליכער געפונען, ווי דאס לעצ־טע מאל וואס זי האט איהם געזעהן, דו האסט דאס אַלעס געדארפט זעהן. — איך האב זיך דערווייל צוניץ געמאכט מיט מיינע העפליכ־קייטען געגען דעם אַלטען'ס פרוי. דער אַלטער האט זיך זעהר אויפגע־מונטערט, און אַלס איך האב אויסגעדריקט מיין בעוואונדערן איבער די נוסבוימען, אין וועמעס שאטען מיר זיינען אַללע געזעססען, האט ער, אפילו מיט אַביסל שווערינקייט פון אָנהויב, אנגעהויבען צו דערצעהלען זייער היסטאריע. — „דער גאַנץ אלטער,‟ האט ער אנגעהויבען, „ווייסען מיר ניט ווער עס האט איינגעפלאַנצט; אייניגע זאגען אז דער, אנדערע, אז יענער גלח. דער אינגערער אבער דארט הינטען, איז פונקט אַזוי אַלט ווי מיין פרוי זאל לעבען, פופציג יאהר אין אָקטאָבער. איהר פא־טער האט עס אין פריהמארגען איינגעפלאַנצט, ווען אין דעמזעלבען טאג אבענדצייט איז זי געבארען געווארען. מיין זעליגער שווינערפאטער האט דא פריהער פערנומען מיין שטעללע, און איך קען אייך גארניט זאגען ווי ליעב דער בוים איז איהם געוועזן; מיר איז ער אויך געוויס

ניט ווייניגער ליעב. ווען איך בין מיט זיבענאונדצוואנציג יאהר צוריק
אהער געקומען, אלס ארעמער סטודענט, האב איך מיין פרוי גע־
טראפען דאן זיצענדיג אויף א קלאָץ אונטער דיזען בוים פערטיעפט
אין שטריקען. —״ לאָטטע האט זיך נאכגעפרעגט נאך זיין טאכטער
און ערפאהרען, דאס זי איז ארויס צו די ארבייטער אויף׳ן לאַנקע
מיט הערן שמידט. דער אלטער האט פאָרגעזעצט זיין מעשה ; ווי
אזוי זיין פאָרגענגער האט איהם ליעב געקריגען, און אויך דערצו
זיין טאכטער, און ווי אזוי ער איז זיין בעהעלפער געווארען, און דער־
נאך זיין נאכפאלגער. — די געשיכטע האט זיך נאר וואס געענדיגט,
אלס די פריילין פרעדיגער איז דורך׳ן גערטיל מיט דעם זאגענאנטען
הערן שמידט צוריקגעקומען. זי האט געגעבען לאָטטע׳ן א הערצ־
ליכען ווילקאָמען, און איך מוז צוגעבען, זי האט מיר ניט שלעכט
געפאלען ; א פלינקע שעהן־געוואקסענע ברונעטקע, וועלכע קען איי־
נעם אויף זיין זומער־ערהאָלונג זעהר גוט אונטערהאלטען ; איהר גע־
ליעבטער (אלס זעלכער האט מיר הערר שמיט אויסגעוויזען), א רוהיגער
שטילער מענש, וועלכער האט זיך אין אונזער געשפרעך ניט געוואלט
ארייננמישען, כאָטש לאָטטע האט איהם אלץ געזוכט אין דעם אריינ־
ציהען. מיר האט געשיינט צו בעמערקען אין איהם, אז דאס וואס
האלט איהם אָב פון די קאָמפאניע, איז ניט מאנגעל אן פערשטאנד
און פעהיגקייט, נאר עס איז די שלעכטע שטימונג, און דאס האט
מיר שטארק פערדראססען. שפעטער איז מיר די זאך ליידער צו־
קלאהר געווארען: דען ווען מיר זיינען שפעטער אויף א שפאציער
ארויסגעגאנגען, און פרעדעריקע (אזוי האט דעם פרעדיגערס טאכטער
געהייסען), איז מיט לאָטטען און מיר צוזאמען געגאנגען און געשמועסט,
האב איך בעמערקט, ווי זיין פנים וואס איז אויסערדעם געווען פון א
ברוינליכען קאליר, האט זיך אזוי שטארק פערדונקעלט, דאס לאָטטע
האט מיר געמחט געבען צו פערשטעהן, ביי ציהען מיר פאר׳ן ארבעל,
אז איך בין געווען צו העפליך צו פרעדעריקע׳ן. נון פערדריסט מיר
קיין זאך ניט אזי פיעל ווי דאס וואס מענשען זוכען! צו פלאגען זיך

איינע די אנדערע, און אם מייסטען, ווען יונגע לייט, אין רעכטען בליהען פון לעבען, ווען זיי קענען אם פרייסטען אללע פריידען פון לעבען אין זיך ארייננעהמען, פערדארבען זיך איינע די אנדערע דאס פערגניגען מיט פוסטע ויכוחים, און ערשט צו שפעט האבען זיי איבער דאס ניט צוריקכאפענדע חרטה. מיר האט עס אזוי אויפגערעגט, אז ווען מיר האבען צוריקקומענדיג פון שפאציר זיך געזעצט צום מילכיגען נאכטעסען, און עס האט זיך ענטוויקעלט א געשפרעך איבער די פריידען און ליידען פון מענשען אויף דער וועלט, האב איך ווידער דעם זעלבען פאדעם אנגעקניפט, און פון גאנצען הארצען פערדאמט די שלעכטע שטימונג.

„מיר מענשען בעקלאגען זיך אפט,“ האב איך אנגעהויבען, „דאס אונזערע גוטע טעג זיינען אזוי ווייניג און די שלעכטע אזוי פיעל, און ווי מיר דאכט בעקלאגען מיר זיך מייסטענטיילס מיט אונרעכט. ווען מיר וואלטען שטענדיג געהאט אן אפענע הארץ און א פרייען געמיטה, דאס גוטע וואס גאט גרייט אונז יעדען טאג צו, צו געניסען און פערדייען, דאן וואלטען מיר געוועזען אויך גענוג שטארק, דאס שלעכטע ווען'ס קומט צו פארטראגען.“ — „מיר האבען אבער אונזער געמיטה ניט אין אונזער האנד,“ האט די אלטע בעמערקט; וויפיעל ווענט זיך עס אן קערפער! ווען איינער איז ניט אין גאנצען געזונד, איז איהם אין ערגעץ ניט גוט.“ — איך האב איהר דאס צוגעגעבען. „אלזא דארפען מיר עס“ האב איך ווייטער פארגעזעצט, „אלס א קראנקהייט בעטראכטען, און פרעגען, אויב עס איז דערצו ניטא קיין מיטעל? — „דאס לאזט זיך הערען“ האט לאטטע געזאגט; „איך ווענינסטענס גלויב דאס פיעל הענגט אב אן אונז אליין. איך וויים עס אן מיר. ווען עס ערגערט מיר עפעס און מאכט מיר אונרוהיג, דאן שפרינג איך גלייך אויף און זינג מיר פאר א קאנטרע־טאנץ, ארומלויפענדיג הין און צוריק אין גארטען, און אלעס ווערט ווידער גוט.“ — „דאס איז וואס איך האב געוואלט זאגען,“ האב איך ווידער גענומען דאס ווארט; „מיט דער שלעכטער שטימונג איז פונקט אזוי ווי מיט די פוילקייט. אונזער נאטור ציהט

זעהר צו דעם, אבער דאך, ווען מיר האבען איינמאל די קראפט זיך צר זאמענצונעהמען, געהט ביי אונז די ארבייט לייכט פון די הענד, און מיר געפינען אין די טהעטיגקייט אן אמת'ן פערגניגען." — פרעדעריקע האט זעהר אויפמערקזאם צוגעהערט, און דער יונגער מאן האט גע־מאכט א בעמערקונג: דאס מ'איז ניט קיין בעל־הבית איבער זיך אליין, און אם ווענינגסטען קען א מענש זיינע אייגענע עמפפינדונגען בע־הערשען. „דא איז די פראגע פון א אונאנגענעהמע עמפפינדונג" האב איך ווייטער געזאגט, „פון וועלכע יעדער איינער איז גערן פטור צו ווערן; און קיינער ווייס ניט ווי ווייט זיינע קרעפטען דערלאנגען, ביז וואנען ער פרובירט זיי אויסצונוצען. געוויס, ווער ס'איז קראנק, וועט אויספרעגען ביי אלע דאָקטוירים און קיין מעדיצין וועט פאר איהם ניט זיין צו־ביטער, אום זיין געזונדהייט צוריק צו געווינען." איך האב בעמערקט דאס דער אלטער האט זיין אויער אָנגעשטרענגט צו צוהע־רען אונזער געשפרעך, איך האב דעריבער מיין שטימע העכער אויפגע־הויבען און צו איהם ווענדענדיג זיך גערעדט: „מען פרעדיגט געגען אזוי פיעל זינד, איך האב נאך אבער קיינמאל ניט געהערט, דאס מען זאל פון דער בימה געגען דיזע זינד פראָטעסטירען." — „דאס דאר־פען די שטאדט־גלחים טהאָן," האט דער אלטער געזאגט, „די בויערן ווייסען ניט פון קיין שלעכטע שטימונג; דאך וואלט עס אמאל ניט געשאדט, עס וואלט געווען א גוטע לעקציאָן פאר מיין ווייב ווי אויך פאר'ן קרייזדריכטער." די געזעלשאפט האט זיך פאנאנדער געלאכט, און ער האט אויך מיטגעלאכט ביז ער האט זיך צוהוסט און אבגעברא־כען אונזער געשפרעך אויף א היבשע צייט. — דאן, האט דער יונגער מאן ווידער אנגעפאנגען: „איהר רופט אן די שלעכטע שטימונג זינד, און ווי מיר דאכט זיך איז דאס איבערטריעבען." — „מיט א האָאר אויך ניט" האב איך געענטפערט, „דאס וואס ברענגט אונז שאדען ווי אויך אונזער נעקסטען, פערדיענט געוויס דיזען נאמען. איז ניט גענוג וואס מיר קענען זיך איינע די אנדערע ניט גליקליך מאכען, דארפען מיר נאך דעם פערגניגען פערביטערן, וואס איינער קען פון זיך

אליין געניסען ? און צייגט מיר אן איין מענשען וועלכער איז שלעכט געשטימט און האט גענוג קוראַזש עס צו באהאלטען, עס אליין פאר זיך צו טראגען, אום די פריידע ארום זיך ניט צו שטערען ! אָדער, איז די שלעכטע שטימונג ניט אַן אינערליכער אונמוטה, איבער אונזער איי־גענע ניטווירדיגקייט, אַ מיסגעפאַלען אן אונז אליין, וועלכע איז שטענ־דיג פערקניפּט מיט קנאה וועלכע ווערט אויפגעהעצט דורך פּוסטע נארישקייט ? מיר זעהען גליקליכע מענשען וועלכע נ י ט מ י ר מאכען זיי גליקליך, און דאס קענען מיר ניט איבערטראגען." — לאָטטע האט מיר בעטראכט מיט אַ שמייכעל זעהענדיג מיט וואס פאַרא בעוועגונג איך האב גערעדט, און אַ טרעהר וועלכען איך האב בעמערקט אין פרעדעריקע'ס אויג האט מיר נאך מעהר אויפגעוואַרעמט. — „וועה איז יענעם" האב איך פאַרטגעזעצט, „וועלכער בענוצט זיך מיט די מאכט וואס ער האט איבער אַ וועלכע הארץ, פון איהר די פרייד צו רויבען, וועלכע קומט פון איהם אליין ארויס ! אַללע מתנות, אַללע טובות אין דער וועלט קענען אונז ניט צוריק געבען איין רגע פער־גניגען, וועלכע איז פערגאַלט געווארען פון די קנאה און גריזאָטע פון אונזער טיראַן."

רעדענדיג דאס איז מיין גאנצע הארץ פול געווארען ; זכרונות פון פערגאנגענע טעג האבען זיך צו מיין נשמה געטראגען און טרעהרען האבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען.

„מיר דארפען צו זיך אליין זאגען יעדען טאג" האב איך אויס־גערופען : „דו קענסט דיין פריינד ניט בעסער דיענען, ווי איהם זיין א י י ג ע נ ע פרייד איבערצולאזען, און זיין גליק צו פערגרעסערן מיט דעם, וואס דו געניסט עס מיט איהם צוזאמען. דען, קענסטו איהם עפּעס העלפען ווען זיין אינערליכע נשמה ווערט פון בעדריקענדער ליידענ־שאפט געפייניגט און פון קומער צוטרייסעלט ? —

„און ווען די לעצטע פערצעהרענדע קראַנקהייט איבערוועלטיגט די פערזאָן, וועמעס געזונד דו האסט אין די בליהענדע יאהרען אונטער־נעגראבען, און דא ליגט זי איצט אין אַ רחמנות'דיגען צושטאנד און

האלט בײ׳ם אויסגעהן, די אויסגעלאשענע אויגען פעררײסען צום הי־מעל, דער טוידטען־שווײס שווימט אָפּט ארוים אויף איהר בלאַסען שטערן, און דו שטעהסט בײ׳ם בעט ווי א פערדאמטער, מיט׳ן קלאָהרען בעוואוסטזײן, דאס דו קענסט מיט דײן גאנצען פערמעגען גאר ניט העלפען, און עס קראמפּפט אין דיר די אַנגסט, און וואלסט אַלעס אוועקגעגעבען אום די אונטערגעהענדע כאָטש א האָאר שטארקונג, אײן פונק מוטה קענען אײנפליססען!״

די ערצײנערונג פון אַזא סצענע װעלכע איך האב אַמאל בײגעוואָהנט, האט מיר בײ דיזע ווערטער מיט איהר גאנצע מאכט בעפאלען. איך האב מײן געזיכט אין טאשענטוך באהאלטען און האב פארלאזען די געזעלשאפט, און בין ערשט דאַן צוריק צו מײן בעוואוסטזײן געקומען, ווען איך האב געהערט לאָטטע׳ס שטימע רופענדיג: „עס איז צײט מיר זאָלען אַהײם געהן!״ און וואס פאר א פּאָרציע האט זי מיר געגעבען אויף׳ן וועג געהענדיג אַהײם, פאר מײן צו־ווארעמען אַנטהײל נעהמען אין אַלעס! „איהר וועט נאך צוליעב אײער נאַטור רואינירט ווערן!״ „איהר דארפט זיך שוינען!״ האט זי געזאגט. — אָה, דו מלאך! פון דײנעטוועגן מוז איך לעבען.

6טער יולי.

זי איז נאך אַלץ בײ איהר קראנקע פרײנדין, און זי איז נאך אי־מער די זעלבע ליעבליכע בעשעפּעניס דאס וואו נאר זי קומט, ווערען שמערצען פערלײכטערט און גליקליכע געמאכט. לעצטען אבענד איז זי געגאנגען שפּאַצירען מיט מאריאַנע׳ן און דער קלײנער מאַלכען; איך האב פון דעם פריהער געוואוסט און האב זײ אנגעטראפען, און מיר זײנען צוזאמען געגאנגען. נאך א שפּאַציר פון אַנדערטהאַלבען שטונדען האבען מיר זיך אומגעקעהרט, און האבען זיך אָפּגעשטעלט בײ׳ם ברונען, וועלכער איז מיר אימער אַזוי טהײער, און איצט נאך טויזענד

מאל טהייערער געווארען. לאַטטע האט זיך געזעצט אויף'ן ווענטיל און מיר זיינען ארום איהר געשטאַנען. איך האב זיך ארומגעקוקט ארום, און עס האט פאר מיר ווידער אויפגעלעבט די צייט ווען מיין הארץ פלעגט דאָ אַליין ארומוואַנדלען. „ליעבער ברונען,“ האב איך געזאגט צו זיך אליין, „פון דאן אן האב איך זיך מיט דיין קיהלקייט ניט מעהר געקוויקט, כ'האב אין איילענדיגע פאראיבערגעהן דיר פיעל מאל גאר ניט בעמערקט.“ — איך האב ארונטער געקוקט און געזעהן ווי מאַלכען איז געווען זעהר בעשעפטיגט ארויפצוקומען מיט אַ גלאז וואַסער אין האנד. איך האב אנגעקוקט לאַטטע'ן און געפיהלט אַלעס וואס זי איז פאר מיר ווערטה. דערווייל איז מאַלכען אַנגעקומען מיט'ן גלאז וואַסער; מאַריאַנע האט עס פון איהר געוואלט צו־נעהמען. „ניין!“ האט דאס קינד אויסגערופען מיט'ן זיסעסטען אויסדרוק, „ניין, פאר לאַטטע'ן! דו ווילסט טרינקען צוערשט!“

איך בין געווען אַזוי ענטציקט פון די וואַרהייט, פון די גוטסקייט וואס איז געלעגען אין איהר אויסדרוק, דאס איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטען, מיין געפיהל ניט אויסצודריקען. איך האב זי אויפגעהויי־בען צו זיך און זי מיט ענטציקען געקושט. זי האט עס ניט געוואלט ליידען און האט זיך שטארק צו־וויינט. —

„איהר האט ניט ריכטיג געטהאָן“ האט לאַטטע צו מיר געזאגט.

— איך האב זיך געפונען שולדיג.

„קום מאַלכען!“ האט זי צו דער קליינער געזאגט, און האט זי אנגענומען ביי'ם הענט'ל און ארונטערגעפיהרט די טרעפ צום ברונען; „וואַש זיך נאר ארום ביי'ם פרישען קוואַל, געשווינד, נאר געשווינד! ניש'קשה, ס'איז ניט קיין בייז.“ איך בין געשטאַנען און צוגעקוקט מיט וואס פאַר אַ חשק די קליינע האט מיט איהרע נאסע הענטלעך זיך די באַקען געריבען, גלויבענדיג דאס דער וואונדער־קוואַל טהוט אַלע שמוץ אַבוואַשען, און עס איז ניטא מעהר קיין סכנה פאר איהר, אַ שמוצי־גען באָרד צו קריגען. לאַטטע האט זיך אָבגערופען: „ס'איז גענוג, מאַלכען!“ אבער דאס קינד האט זיך נאך אַלץ געהאלטען אין איין

וואַשען, אזוי ווי זי וואלט געגלויבט, אז וואס מעהר איז אַלץ בעסער.— איך גיעב דיר מיין וואָרט, ווילהעלם! איך האָב נאך קיינמאל ניט ביי־ געוואָהנט אַ טויף־סצענע מיט אַ גרעסערען רעספּעקט; און ווען לאָטטע איז ארויפגעקומען, האָב איך געפיהלט ווי צו איהרע פיס זיך ווארפען, ווי פאר אַ נביא וואס האט אָבגעווישט די שולדען פון זיין גאנצע נאציאָן.

אין אבענד, האָב איך זיך ניט געקענט איינהאלטען, דיזען פאַל, צו אַ מאַן צו דערצעהלען, וועלכער האט מיר געשיינט צו בעזיצען מענ־ שען־זינן און געפיהל, ווייל ער איז קלוג און פערשטענדיג; אבער, איך האָב מיך גענאַרט. ער האט געזאגט, דאס עס איז געווען זעהר ניט ריכטיג פון לאָטטע'ן; מ'זאל ניט זוכען די קינדער קלוג צו מאכען; דאס קען ברענגען צו פערשיעדענע טעות'ן אין אָבערגלויבענס, פון וועל־ כע מ'דאַרף די קינדער אָבהיטען פון פריהער יוגענד. דאָ האָב איך זיך געראָדע דערמאנט, אז דער זעלבער מאַן האט ערשט מיט אַ וואָך צוריק זיינס אַ קינד געלאזט טויפען. איך האָב איבער דעם ניט מעהר גערעדט, אבער אין הארצען האָב איך גוט געפיהלט די וואַרהייט: מיר זאלען מיט די קינדער האנדלען אזוי ווי גאָטט האנדעלט מיט אונז, מיר פיהלען אם גליקליכסטען, ווען ער לאזט אונז, זיך אין אונשולדיגען פריינדליכען וואַהנזין ארומטומלען.

8טער יולי.

אַך, ווי קינדעריש איז דער מענש! ווי איז ער אזוי גערן נאך אַ בליק! אַך ווי קינדעריש איז דער מענש!

מיר זיינען נאך וואלהיים געגאנגען. די פרויענצימער זיינען אין אַ קאַרעטע געפאהרען. און שפּאַצירענדיג, האָב איך געגלויבט צו זעהן אין לאָטטע'ס שווארצע אויגען — איך בין אַ נאַרר, פערצייה ס'מיר! דו האסט געדאַרפט זעהן, דיזע אויגען! נאַר, כ'וועל מאכען קורץ דאס

מאל (װײל מײנע אױגען קלעפּען זיך פון שלאָף), הער נאר צו. די פּרױענצימער זײנען אין קאַרעטע אַרײן, אַהײם צו פאַהרען. דערבײ זײ־נען געשטאַנען דער יונגער װ. זעעשטאַדט, אודראן און איך, און מען האט נאך אַביסל געפּלױדערט דורך דאס טיהר'ל פון קאַרעטע. די יונגע לײטלעך זײנען געװען זעהר אױפגעראַמט — איך האב לאָטטע'ס אױגען געזוכט; אָה! זײ היפּען פון אײנעם צום צװײטען! אבער אױף מיר! מיר! װעלכער איז דאָ געשטאַנען נאר צוליעב איהר אַלײן, אױף מיר זײנען זײ ניט געפאַלען! מײן הארץ האט איהר טױזענד מאל אַדיע צו־געגערופען, און זי קוקט מיר ניט אָן! די קאַרעטע איז פאַר איבערגעפאהרען און אין מײנע אױגען האבען זיך טרעהרען געשטעלט. איך האב נאָכגעקוקט און געזעהן װי לאָטטע'ס דעק־טוך איז איבער'ן װענטיל פון קאַרעטע אַריבערגעפאַלען און זי האט זיך אַרומגעקוקט אױף הינטען. — אָה! איז עס געװען נאך מיר? מײן פרײנד, אין דיזער אונ־געװיסהײט שװעב איך ארום; דאס איז מײן נחמה; פיעלײכט האט זי זיך נאך מיר אַרומגעקוקט! פיעלײכט! — גוטע נאַכט! אָה, װאס פאַר אַ קינד איך בין!

10טער יולי.

דו האסט געדאַרפט זעהן װאס פאַר אַ נאַרישען פּנים איך מאך װען מ'רעדט פון איהר אין געזעלשאַפט! און װען מען פרעגט מיר נאך װי זי געפעלט מיר? — געפעלט! דעם װאָרט האס איך צום טױדט. װאס פאַר אַ מענש קען דאס יענער זײן װעמען לאָטטע געפעלט, װעמען זי פילט ניט אױס אַללע חושים זײנע און אַללע זײנע געפיהלען? — געפעלט! ניט לאַנג צוריק האט מיר אױך אײנער געפרעגט, װי מיר אָססיאַן געפעלט!

11טער יולי.

פרוי מ. האלט זעהר שמאל; איך בין מתפלל פאר איהר לעבען, ווייל לאָטטע'ס ליידען זיינען אויך מיינע. איך זעה איהר זעלטען, ביי מיינער א פריינדין, און היינט האט זי מיר דערצעהלט די וואונדערבארסטע פאססירונג. — דער אלטער מ. איז א מיאוס'ע קארגע בריאה, און האט זיין פרוי, זינט ער קען זי, שוין א היבש ביסל צרות אויסגעטהיילט; דאָך האט זי אימער געדולדעט און זיך געמאטערט צו העלפען מיט וואס זי האט נאר געקענט. מיט עטליכע טעג צוריק ווען דער דאָקטאר האט איהר דאס לעבען אָבגעזאגט, האט זי גערופען דעם מאן צו זיך רופען (לאָטטע איז דאן דערביי געווען), און האט צו איהם געזאגט: „איך מוז זיך פאר דיר מודה זיין מיין מאַן, פאר א זאך וואס וואלט נאך מיין טוידט געקענט אנמאכען פערדרוס און פערווירונג. איך האב ביז היינט געפיהרט די הויז אזוי אָרענטליך און שפארזאם ווי נאר מעגליך, דאָך, וועסטו מיר מוחל זיין, וואס איך האב דיר די גאנצע דרייסיג יאהר גענאַרט און בעשווינדעלט. גלייך נאך אונזער חתונה, האסטו בעשטימט זעהר א קליינע סומע מיט דעם צו פיהרען דו הויז־הוצאה. ווען עס האט זיך שפּעטער די הוצאה גע־מוזט פערגרעסערען, ווען אויך אונזער געשעפט האט זיך פערברייטערט, האב איך ביי דיר ניט געקענט פועל'ן, דו זאלסט דערלעגען עפּעס צו מיין וועכענטליכע שכירות, אום צו קענען פיהרען די הוצאה נאך די אומשטענדען; קורץ גערעדט. — דו ווייסט גאנץ גוט, אז אין די צייטען וואס עס האט זיך געפאדערט אם מעהרסטען, האסטו פון מיר פערלאנגט, איך זאל אויסקומען מיט זיעבען גולדען א וואָך. — איך האב זיך מיט דיר דערפאר ניט געקריגט, נאר איך האב געמוזט נעהמען פון דיין קאַססע אויף צו־דערלעגען וואס עס האט מיר צו־געפעהלט, און קיינער האט מיר ניט חושד געווען אז איך האלט דיר שטענדיג אין איין בע'גנב'נען. איך האב גאָרניט פערשווענדעט,

און כ'װאָלט אַפילו זיך ניט מודה־זײַענדיג, רוהיג און זיכער דער עװיג־קײט אַנטקעגען געגאַנגען, װען איך װאָלט נאָר געװאוסט אַז די יעניגע װעלכע װעט נאָך מיר מײַן פּלאַץ פאַרנעהמען, װעט װיסען װי צו האַנדלען, אום דו זאָלסט איהר ניט דאַרפען אַרױפטראַגען: דאָס דײַן ערשטע װײַב האָט יאָ געקענט אױסקומען מיט דאָס געלד.

איך האָב גערעדט מיט לאָטטע'ן איבער די פּערבלענדקײט פון'ם מענשליכען זינן, דאָס אײנעם זאָל ניט אײַנפאַלען חושד צו זײַן אין אַזאַ פאַל, װאו מ'קען דײַטליך זעהן, אַז מיט זיעבען גולדען אַ װאָך קען מען ניט קױפען קײן העלפט פון דאָס װאָס מען מוז האָבען אין הױז. איך אַלײן האָב אָבער געזעהן מענשען, װעלכע האָבען גאָר אָהן פּערװאונ־דערונג געגלױבט צו בעזיצען דעם נביא'ס אײביג־דױערנדען קריגעל־אױל בײַ זיך אין הױז.

13טער יולי.

נײן, איך נאַר מיך ניט אָב! איך לעז אין איהרע שװאַרצע אױ־גען אמת'ע טהײלנאַמע אין מיר און מײַן שיקזאַל. יאָ, איך פיהל עס, און אין דעם דאַרף איך מײַן האַרץ גלױבען, װעלכע זאָגט מיר — אָה, דאַרף איך, קען איך אױפדעקען דעם גאַנצען הימעל, דורך דיזע הײלי־גע װערטער? — דאָס זי ליעבט מיך!

מיך ליעבט! — און װיפיעל טהײערער װער איך בײַ זיך אַלײן, װי איך — דיר מעג איך דאָס זאָגען װײַל דו קענסט אַזאַ זאַך פּער־שטעהן — װי איך פאַרגעטער זיך אַלײן, זינט זי ליעבט מיר!

איז דאָס געװאַגט, אָדער דאָס איז דער געפיהל פון די ריכטיגע פּערהעלטניסע? — איך װײס פון קײנעם ניט, װעלכער קען זײַן אַ סכנה צו מיר אין לאָטטע'ס האַרץ; און דאָך — װען זי רעדט פון איהר חתן, רעדט מיט אַזױ פיעל װאַרעמקײט און ליעבע — דאַן פיהל איך זיך װי אײנער, בײַ װעמען מ'רײסט אַרונטער זײַנע עהרען־צײכענס, און מען נעהמט בײַ איהם צו דעם שװערד פון האַנד.

16טער יולי.

אָה, ווי עס לויפט מיר דורך אללע אָדערן, ווען מיין פינגער בע־ריהרט זיך מיט איהרען ניט ווילענדיג, ווען אונזערע פיס בעגעגנען זיך אונטער'ן טיש און שלאגען זיך אָב איינע אן די אַנדערע! איך ציה זיך צוריק ווי פון אַ פייער, און אַ געהיימע קראפט ציהט מיר צוריק פאָרווערטס. — מיר כאפט אזוי שווינדלען אין אללע חושים! — אָה, און איהר אונשולד, איהר ריינע פרייע נשמה פיהלט ניט, וויפיעל דיזע קליינע פערטרויליכקייטען פייניגען מיר! אמאל בעת'ן געשפרעך, ווען זי לעגט ארויף איהר האנד אויף מיינע, און נאך ווען דער געשפרעך פאָדערט עס, רוקט זיך נעהנטער צו מיר צו, און דער הימלישער אָטהעם פון איהר מויל קען מיינע ליפען בעריהרען. — איך פיהל ווי פון דונער געטראפען צוזאמענזינקען! — און, מיין פריינד! אז איך זאל זיך אַמאל דארפען וואגען דיזען הימעל, דיזען פערטרויען — דו פער־שטעהסט מיך. — ניין, מיין הארץ איז ניט אזוי פערדארבען! שוואך! שוואך גענוג! — אבער, איז דאס דען ניט פערברעכען?

זי איז פאר מיר אַ הייליגע זאך. אין איהר גענענוואָרט שווייגען אין מיר אַללע פערלאַנגען. איך ווייס קיינמאל ניט ווי מיר איז, אין דער צייט וואס איך בין מיט איהר; אַזוי ווי די נשמה וואלט אַלע מיינע נערווען אויסגעפילט. — זי האט אַ מעלאָדיע וועלכע זי שפיעלט אויף'ן קלאוויר מיט אַ מלאך'שען קראפט, אזוי איינפאך און אזוי פול מיט גייסט! דאס איז איהר ליעבלינגס-ליעד און מיר פערהיילט עס אַלל די שמערצען, ווען זי פאנגט נאר אן דעם ערשטען טאָן.

איך צווייפעל ניט אההאָר אין די אלטע צויבערקראפט פון די מוזיק; ווי דער אי'נפאכסטער געזאנג גרייפט מיר אן! און ווי זי ווייס עס ריכטיג ווען צו בענוצען; גאנץ אָפט ווען איך פיהל ווי זיך אַ קויל אין קאָפּ ארייניאגען! — די פינסטערנים און צוטומעלט־קייט אין מיין נשמה לאזען זיך פאנאנדער און איך אטהעם ווידער פריי אויף.

18טער יולי.

ווילהעלם, וואס פאר א ווערטה האט די וועלט פאר אונזער הארץ אָהן ליעבע! וואס פאר א ווערטה האט א צויבערלאַנטער־נע אָהן ליכט! אָבער קוים איז דאס לעמפּ'ל אנגעצונדען און דו ברענגסט עס צו זיך אין צימער אריין, דאַן שיינען פאר דיר אויף דער ווייסער וואנד, בילדער אין די שעהנסטע קאָלירען! און ווען ליעבע זאל אפילו מעהר ניט זיין, ווי פאַרבייגעהענדע פּהאַנטאַסמען, מאכט עס אונז דאך גליקליך פיהלען, ווען מיר שטעהען דערביי ווי פרישע יונגען און זיינען ענטציקט פון די וואונדערערשיינונגען.

איך האב היינט ניט געקענט אהינגעהן צו לאָטטע'ן; געזעלשאַפט, פון וועלכע איך האב זיך ניט געקענט בעפרייען האט מיר אָבגעהאלטען. וואס האב איך געוואלט טהאָן? איך האב מיין בע־דיענטען אהין געשיקט, אום כאָטש איינעם ביי זיך צו האבען, וועלכער איז היינט נאָהענט געבען איהר געווען. מיט וואס פאַרא אונגע־דולד האב איך איהם ערווארטעט, מיט וואס פאַרא ענטציקען האב איך איהם בעגעגענט! ווען איך וואלט זיך ניט געשעמט, וואלט איך איהם גערן אנגענומען ביי'ם קאָפּ און געקושט.

מען דערצעהלט פון באָנאָנישען שטיין, דאס ווען מען לעגט איהם בייטאג אנטקעגען דער זון, ציהט ער אין זיך איין איהרע שטראַהלען און קען נאך ביינאכט אביסל פון זיך אליין לייכטען. אזוי איז עס מיר געווען מיט'ן יונג. דער געפיהל, דאס איהרע אויגען האבען אויף זיין געזיכט גערוהט, אויף זיינע באַקען, אויף די קנעפּ און אויף'ן קאָלנער פון זיין ראָק, האט מיר דאס אלעס אזוי הייליג געמאכט, אזוי טהייער! איך וואלט אין דער מינוט דעם יונג'ען פאר טויזענד טאלער ניט אוועקגעגעבען. עס איז מיר געווען אזוי גוט איז זיין געגענוואַרט.— בעהיט עס דיר גאָט, ווען דו לאַכסט פון דעם, ווילהעלם!

אָה, זיינען עס בלויז פּהאַנטאַסמען וואס מאכען אונז גליקליך?

19טער יולי.

„איך וועל איהר היינט זעהן!“ רוף איך אויס אין דער פריה און קוק ערפרישט מיט די גרעסטע הייטערקייט די שעהנע זון אנטקעגען; „איך וועל איהר היינט זעהן!“ און האב שוין פאר׳ן גאנצען טאג זיך ניט מעהר וואס צו ווינשען. אלעס, אלעס נעהמט דיזער וואונש אין זיך אריין.

20טער יולי.

עס האלט נאך ווייט דערפון דאס איך זאל צושטימען מיט אייער וואונש און זאל געהן מיט׳ן קאנסול נאך. . . איך ליעב די אונטערוואָרפענהייט איבערהויפט זעהר וועניג און האב פיינד זיך צו לאזען פיהרען, און מיר אללע וויסען נאך אויך דערצו, דאס דער מאן איז זעהר ניט קיין אנגענעהמער. — דו זאגסט, מיין מוטער וואלט זעהר גערן געוועזן מיר צו זעהן אקטיוו, טהעטיג; דאס האט מיר געמאכט צו לאכען. בין איך אויך איצט ניט אקטיוו? און איז אין גרונד ניט אלץ איינס, צו איך צעהל ארבעס אָדער לינזען? אלעס אין דער וועלט שטרעבט דאך צו איין לומפעריי, און א מענש וואס ארבייט פאר געלד אָדער כבוד נאך׳ן ווילען פון אנדערע, און ניט נאך זיין אייגענעם וואונש און ליידענשאפט, דער בלייבט שטענדיג א נארר.

24טער וולי.

ווייל דו אינטערעסירסט זיך אזוי פיעל אין מיין צייכענען, און דיין גאנצער וואונש איז, איך זאל עס ניט פערנאכלעססיגען, היפ איך אלעס איבער און הויב גלייך מיט דעם אן. איך מוז דיר אָבער זאגען דאס איך האב שוין זעהר א לאנגע צייט אין דעם כמעט ווי גאָרניט געטהאָן.

איך בין נאך קײנמאל ניט געװען אזױ גליקליך װי הײנט, נאך קײנמאל זײנען מײנע עמפּפינדונגען אן דער נאַטור, ביז אױף׳ן קלענסטען שטײנדעלע, ביז אױף׳ן קלענסטען גרעזעלע, געװען פוללער און טיעפער װי איצט; און דאָך — איך װײס ניט װי איך זאל מיך אױסדריקען — מײן פאַרשטעלענדע קראַפט איז אזױ שװאַך, אלעס שװימט און װאַקעלט אזױ פאר מײן נשמה, דאס איך קען ניט גרײפען נאך װעלכען א בעשטימטען אומריס פאר א צײכנונג; איך בילד זיך אבער אײן, דאס װען איך װאלט געהאַט לעהם אָדער װאַקס, װאלט איך פון דעם שױן װאס ארױסגעבראַכט. אױב עס װעט מיט מיר אזױ לענגער אנהאלטען, װעל איך זיך פערשאַפען לעהם און דערפון קנעטען — און װעלען עס אביסל ארױסקומען קוכענס!

איך האב דרײ מאל אנגעהױבען לאָטטע׳ס בילד צו מאלען, און בין דרײ מאל פערקראָכען, און עס מאכט מיר נאך מעהר פערדרוס, װײל גראדע די לעצטע צײט בין איך געװען מזל׳דיג אין צו־טרעפען. כ׳האב נאכהער אָבער געצײבענט איהר פראָפיל, און דאס זאל מיר דערװײל זײן גענוג.

25טער יולי.

יא, ליעבע לאָטטע! איך װעל אלעס בעשטעלען און בעזארגען; גיבט מיר נאָר מעהר אָרדערס, װאס מעהר אָפטער, איך בעט אײך, נאָר איך בעט אײך אײן זאַך: מעהר ניט צו שיטען קײן זאמד אױף די צעטעלעך װאס איהר שרײבט מיר. הײנט האב איך געכאַפּט אײער צעטעלע האסטיג צו די ליפּען, און די צײהנער האבען מיר געקנאַקט.

26טער יולי.

איך האב מיר שױן אײניגע מאל פאָרגענומען, זי ניט מעהר אזױ אָפט צו זעהן. יא, װער קען עס אבער האלטען? יעדען טאָג אונטערליעג איך דעם נסיון, און פאַרשפּרעך עס הײליג: „מארגען װעל איך

דארט ניט זיין," און ווען דער מארגען קומט, געפין איך דאך ווידער א אונגוויידערשטעהליכע אורזאכע, און עהדער איך קוק זיך נאר ארום, בין איך שוין ביי איהר. ענטוועדער זי האט אין אבענד ביי מיין אוועק־געהן געזאגט: „איהר קומט דאך מארגען?" און ווער וואלט עס געקענט פערפעהלען צו קומען? אדער זי האט מיר וועלכען אָרדער געגעבען, און איך געפין עס אם בעסטען, אליין דעם ענטפער צו ברענ־גען; אָדער דער טאג איז אַ צו שעהנער, איך געה ארויס נאך וואל־היים, און אז מ'איז שוין דאָרט, איז אין גאנצען אַ האלבע שטונדע גאַנג צו איהר! — איך בין צרנאָהענט אין דער אַטמאָספערע — צוק! און איך בין שוין דארט.

מיין באָבע פלעגט דערצעהלען א מעשה פון א מאַגנעט־בארג: ווען אַ שיף קומט צו נאהענט צו איהם, ציהט דער בארג אללע נעגעל און אייזען פון איהם ארויס, און די מענשען פאלען אין ים אריין צוזאַ־מען מיט די צופאַללענע ברעטער.

30טער יולי.

אַלבערט איז אנגעקומען, און איך וועל מוזען געהן. און ווען ער וואלט דער בעסטער, דער עדעלסטער מענש געוועזן, און איך וואלט זיך אליין פיעל קלענער געשעצט אַלס איהם, וואלט עס פאר מיר געווען דאך אונערטרעגליך צו־צוקוקען, ווי ער בעזיצט אַזאַ פאָלקאָמענהייט— בעזיצט! — גענוג ווילהעלם, דער חתן איז דאָ! אַ בראווער, ליעבער מענש, צו וועלכען מ'מוז זיין גוט. גליקליכערווייזע בין איך ביי זיין אָנקומען ניט געוועזן; דאס וואלט דאך מיין הארץ צוריסען! אויך איז ער אזוי עהרליך און האט לאָטטע'ן אין מיין געגענוואָרט נאך קיין איין מאל ניט געקושט. זאל איהם גאָטט דערפאר בעלאָהנען! צוליעב דעם רעספּעקט וואס ער האט פאר לאָטטע'ן, מוז איך איהם שוין ליעבען. ער קלעבט זיך צו מיר, און איך בין חושד, אז דאס איז לאָטטע'ס ארבייט מעהר ווי זיין אייגענע עמפפינדונג. צו דעם

זיינען די פרויען פעהיג, און ס'איז אויך גאנץ ריכטיג. ניט אימער קענען זיי, צווי פערעהרער צווישען זיך אין גוטער שטימונג האלטען, אבער ווען זיי קענען עס יא, איז די טובה אימער זייערע.

דערווייל קען איך מיין אבטונג צו אלבערט'ן ניט ענטזאגען. זיין געלאסענע נאטור שטעכט אזוי פיעל אב פון מיין אונרוהיגען כאראקטער, דאס יעדער איינער קען עס זעהן. ער האט אסך גע־פיהל, און ווייס וואס ער פארמעגט אין לאטטע'ן. ער שיינט צו בע־זיצען זעהר וועניג פון די שלעכטע שטימונג, פון די זינד, ווי דו ווייסט עס, וועלכע איך האס אין מענשען מעהר פון אללע אנדערע.

ער האלט מיר פאר א מענש מיט פערשטאנד; און מיין אנ־הענגליכקייט צו לאטטע'ן, מיין ווארעמע פריידע וואס איך האב פון אללע איהרע האנדלונגען, פערגרעסערען זיין טרומפף, און ליעבט זי נאך מעהרער דערפאר. אויב ער פייניגט איהר ניט אמאל מיט איי־פערזוכט, וויל איך איצט וועגען דעם ניט רעדען; ווענינגסטענס, וואלט איך אויף זיין ארט ניט געוועזען אין גאנצען פריי פון דיזען טייוועל.

עס מעג זיין וואס עס וויל! מיין פרייד, ביי לאטטע'ן צו זיין, איז צושטערט. זאל איך עס אנרופען נארעשקייט אדער פערבלענדע־ניס? צו וואס דארף עס גאר אין גאנצען א נאמען! די זאך אליין דערצעהלט דאך! — איך האב אלץ געוואוסט, עהדער אלבערט איז געקומען, דאס וואס איך ווייס איצט; איך האב געוואוסט דאס איך דארף ניט האבען קיינע פרעטענציעס אויף איהר, כ'האב אויך קיינע געמאכט, עס הייסט, אזוי וויט ווי עס איז מעגליך ניט צו מאכען, ביי אזוי פיעל ליעבענסווירדיגקייטען וואס איך האב ארויסגעצייגט. און איצט שטעה איך דא ווי א נארר, מיט גרויס־אויפגעעפנטע אויגען, ווען דער אנדערער איז טאקע אין אמת'ן געקומען און פון מיר דאס מיידעל צוגענומען.

איך פערבייס מיינע צייהן און לאך איבער מיין אייגענעם עלענד, און דאפעלט און דריי־פאך לאך איך פון די וואס קעננען מיר זאגען, איך זאל זיך ענטזאגען, איך זאל רעזיגנירען, ווייל דא איז אנדערש ניטא

וואס צו מאכען. — אָה, בעפרייעט מיר פון דיזע שטרויענע מענשען! איך לויף ארום איבער די וועלדער, און ווען איך קום צוריק צו לאָטטע'ן און געפין אלבערט'ן נעבען איהר, אין גארטען אונטער דער לויבע זיצען, קען איך עס ניט אריבערטראגען. איך ווער אויסגעלאסען נאריש און הויב אן משוגע'נע שטיק. — „אום גאָטטעס ווילען!“ זאגט מיר היינט לאָטטע, „איך בעט אייך, מאכט ניט מעהר אזעלכע סצענעס ווי נעכטען אבענד! איהר זייט שרעקליך ווען איהר ווערט מיט אמאל אזוי לוסטיג.“ — צווישען אונז זאָל דאס בלייבען. איך היט אימער אָב די צייט ווען אלבערט איז בעשעפטיגט, דאן הוטש! בין איך דארט, און עס איז מיר נאך אימער גוט ווען איך געפין זי נאר אליין.

8טער אגוסט.

גלויב מיר ליעבער ווילהעלם, עס איז געווים געווען ניט דיר געמיינט, ווען איך האב פערדאמט די מענשען אלס אונערטרעגליך, ווען זיי פערלאנגען פון אונז ערגעבונג אין א צייט וואס איז פאר אונז אונמעגליך. איך האב געווים דערפון ניט געדאכט אז אויך דו קענסט זיין מיט אזא מיינונג. און אין גרונד ביסטו גערעכט, נאר איין זאך ערלויב מיר מיין בעסטער! אין דער וועלט פיהרט מען זיך וועניג מיט'ן ע נ ט ו ו ע ד ע ר א ד ע ר, עס זיינען דאָ מעהר ווי צ ו ו י י פערשיעדענהייטען; די עמפפינדונגען און האנדלונגסווייזען שאטירען זיך אזוי פיעלזייטיג, און אזוי פערשיעדען, פונקט ווי פיעל פערשיעדענע נעזער עס גיבען, פון קורצען פלאצינגען ביז'ן לאנגען הארבאטען.

דו וועסט אלזא ניט פאראיבעל האבען אויף מיר ווען איך לאז דיר איבער מיט דיין ארגומענט, און זוך מיר דאָך צווישען דעם ע נ ט ו ו ע ד ע ר א ד ע ר זיך דורכצו'גנב'ענען.

„ענטוועדער“ זאגסט דו, „דו האסט האָפנונגען אויף לאָטטען, אָדער דו האסט קיינע. גוט! אין ערשטען פאל, זוך זיי דורכצופיהרען,

זוך צו קענען פערווירקליכען די ערפילונג פון דיינע וואונשען; אין אנ־דער פאל, נעהם זיך גוט צוזאמען און זעה פטור צו ווערן פון א טרויער־דיגע עמפפינדונג וועלכע מוז אללע דיינע קרעפטען פערצעהרען!״ — מיין בעסטער! דאס איז גוט געזאגט, און — לייכט געזאגט.

אבער קענסטו פערלאנגען פון דעם אונגליקליכען, וועמעס לעבען עס האלט אין איין אבשטארבען פון א פערצעהרענדע קראנקהייט, קענסטו פון איהם פערלאנגען, ער זאל זיך א מעסער אין הארץ אריינ־שטעכען און מיט איין מאל א ענדע מאכען צו אללע זיינע צרות? און רויבט פון איהם די קראנקהייט אליין ניט אוועק, דעם געזונד און דעם מוטה אזא זאך אויסצופיהרען?

דו קענסט מיר אפילו מיט א צונעפאסטען משל ענטפערן: „ווער וועט זיך עס ניט לאזען א האנד אבשניידען, אום זיך פון לאנגזאמען זיכערען טוידט צו ראטעווען?״ — איך וויים ניט! — און מיר וועלען זיך בעסער צורוה לאזען מיט משלים. גענוג! יא, ווילהעלם, גאנץ אפט בעזיץ איך פאר אן אויגענבליק דעם נויטיגען מוטה, און דאן ווען איך וואלט נאר געוואוסט וואוהין, איך וואלט פון דאנען געוויס אנטלאפען.

אין אבענד.

עס איז מיר היינט ווידער אריינגעפאלען אין האנד מיין טאגע־בוך וועלכען איך האב פערנאכלעסיגט די לעצטע צייט. איך בין ער־שטוינט צו זעהן, ווי אזוי וויסענדיג דאס אלעס אזוי קלאהר, בין איך טראט פאר טראט אריינגעקראכען; ווי איך האב אימער אזוי קלאהר מיין צושטאנד געזעהן, און דאך ווי א קינד געהאנדעלט; נאך אפילו איצט זעה איך אזוי דייטליך און זעה קיין וועג צו בעסערונג.

10טער אגוסט.

איך האָב געקענט פיהרען דעם בעסטען, גליקליכסטען לעבען, ווען איך וואָלט ניט אַזאַ נאַרר געוועז. ניט אַזוי אָפט פּאַסען זיך אומ־שטענדען צוזאַמען, וועלכע קענען אַ מענשען ערפרעהען, אין וועלכע איך געפין זיך איצט. אָה! עס איז אַזוי געוויס, דאָס נאַר אונזער אייגען הארץ קען אונז גליקליך מאַכען. — צו זיין אַ מיטגליעד פון דיזער ליעבענסווירדיגסטער פאַמיליע; פון אַלטען אַזוי ווי אַ זוהן געליעבט צו ווערען, פון די קליינע, ווי אַ פאָטער; און פון לאָטטע'ן! — און דאָן דער עהרליכער אַלבערט! וועלכער שטערט מיין גליק קיינמאל ניט מיט זיין לוינע, וועלכער בענעהמט זיך מיט מיר מיט הערצליכע פריינד־שאַפט, ביי וועמען איך בין נאָך לאָטטע'ן, דאָס ליעבסטע אויף דער וועלט! — ווילהעלם! עס איז אַן אמת'ער פערגניגען צו הערען אונז רעדען וועגען לאָטטע'ן, ווען מיר געהען שפּאַצירען צוזאַמען; יאַ, אַ מעהר לעכערליכע זאַך ווי אונזער פערהאַלטען זיך, איז נאָך אין דער וועלט ניט ערפונדען געוואָרען, און דאָך קומען מיר אָפט טרעהרען אין די אויגען.

ער דערצעהלט מיר פון איהר זעליגער מוטער, ווי זי האָט פאַר איהר טוידט איבערגעגעבען צו לאָטטע'ן די אויפּפּאַסונג איבער'ן הויז און איבער די קינדער, און לאָטטען אַליין, צו איהם אַנפּערטרויט; ווי זינט יענער צייט, איז לאָטטע גאַר אַ גאַנץ אַנדערע געוואָרען; ווי די דאגות פון הויז האָבען איהר געמאַכט פאַר אַן אמת'ע מוטער; ווי עס געהט ביי איהר קיין מינוט ניט אַוועק, אין וועלכע, איהר ליעבע צו די קינדער און די אַרבייט אין הויז, זאָל אויף דאָס מינדעסטע פערנאַכלעסיגט ווערען, אין דאָך האָט איהר די מונטערקייט און לייכטער זינן פאַר די גאַנצע צייט קיינמאַל ניט פערלאָזען. — איך געה אַזוי מיט איהם, פליק מיר בלומען אויף'ן וועג, פלעכט זיי אויס אין בוקעטען און וואַרף זיי אין דעם פאַרביילויפענדען שטראָם, און קוק זיי נאָך ווי זיי

ווערען לאנגזאם פערשוואונדען. — איך ווייס ניט צו איך האב דיר שוין געשריבען, דאס אלבערט וועט דא פערבלייבען. ער האט אנגענומען א שטעללע מיט א גוטען געהאלט, פון די רעגיערונג, ביי וועלכער ער איז אזוי בעליעבט. אין ארדנונג און פלייסיגקייט אין געשעפט, האב איך וועניג זיין גלייכען געזעהן.

12טער אגוסט.

גענויס, אלבערט איז דער בעסטער מענש אויף דער וועלט. איך האב נעכטען געהאט מיט איהם א וואונדערבארע סצענע. איך בין צו איהם געקומען אבשייד נעהמען, דען מיר האט זיך פערגלוסט אין די בערג צו פאהרען, פון וואנען איך שרייב דאס דיר איצט דיזע צייל[ע]ן. אז איך בין ביי איהם אין צימער הין און הער אומגעגאנגען, האב איך בעמערקט די פיסטאלעטען וואס זיינען אויף'ן וואנד געהאנגען. „לייה זיי מיר צו מיין רייזע," האב איך צו איהם געזאגט. „פון מיינטוועגען" האט ער געענטפערט, „ווען איהר ווילט זיך נעהמען אליין די מיה זיי אנצולאדען, דען ביי מיר הענגען זיי נאר פון פארמע וועגען." איך האב איינעם ארונטערגענומען, און ער האט ווייטער געזאגט: „זינט מיין פארזיכטיגקייט האט מיט מיר אזא שפאס געטריבען, וויל איך ניט מעהר האבען צו טהאן מיט פיסטאלעטען." איך בין געווען נייגעריג צו הערען די געשיכטע, און ער האט מיר דערצעהלט: — „מיט א פערטיל־יאהר צוריק האב איך זיך ביי מיינעם א פריינד אויף'ן לאנד אויפגעהאלטען. איך האב ביי זיך געהאט א פאאר אונגעלאדענע פיסטאלעטען און האב מיך גאנץ רוהיג געשלאפען. איינמאל, אין א רעגענדיגען נאכמיטאג, ווען איך בין מיר אזוי געזעסען, איז מיר איינגעפאלען א געדאנק, איך ווייס ניט ווי אזוי, דאס מ'קען אונז נאך בעפאלען, און דאס די פיסטאלעטען וואלטען אונז דארפען צוניץ קומען, און וואלטען טאקע אויך געקענט — איהר

ווייסט דאך ווי עס איז, ווען מ'לאזט זיך אריין אין גריבלען. — איך האב זיי געגעבען דעם דיענער, זיי אויסצורייניגען און אנצולאָדען. דער דיענער האט זיך געריצט מיט די דיענסט און האט איהר געוואלט איבערשרעקען, און, גאָטט ווייס ווי עס איז פארגעקומען, דאס גע־וועהר שיעסט אויס ווען דער לאָדע־שטאָק איז נאך אין דרינען געווען, און דער לאָדע־שטאָק איז ארויסגעשפרונגען און דאס מיידעל אין האנד געטראפען און איהר דעם גראבען פינגער צושמעטערט, דא האב איך געהאט אויסצושטעהן פון די יללות, און געדארפט דעם דאָקטאר און פאר רפואות בעצאהלען. זינט דאַן לאז איך מיינע פיסטאָלעטען אונ־געלאדען. דען וואס איז פאָרזיכטיגקייט ? די געפאהר לאזט זיך גאר ניט אויסלעהרנען ! כ אָ ט ש —" נון ווייסט דו דאך דאס איך האב די מענשען ליעב ביז זייער כ אָ ט ש, דען פערשטעהט עס זיך אליין ניט, דאס יעדער אלגעמיינער זאַץ האט אויסנאהמען ? אבער ע ר איז אזוי קאָרעקט, אזוי איבערטריבען פינקטליך, אז ווען ער גלויבט, דאס ער האט עפּעס איבעראיילטעס, אַלגעמיינעס, האלבוואהרעס ארויסגעזאגט, אזוי הערט ער דיר ניט אויף צו פירוש'ן און צו ער־קלעהרען, ביז עס בלייבט צום סוף גאָרניט פון דער זאך אליין. אויך ביי דיזען פאַל איז ער פערקראָכען טיעף אין טעקסט ; ענדליך האב איך ניט מעהר צוגעהערט וואס ער האט גערעדט, בין פערקראָכען אין חלומות און מיט אַן אויפפאלענדע בעוועגונג, האב איך דעם מויל פון פיסטאָלעט צוגעשטעלט צו מיין שטערען איבער'ן רעכטען אויג. „פפוי !" האט אַלבערט אויסגערופען, ארונטערציהענדיג מיין האנד מיט'ן פיסטאָלעט, „וואס רופט איהר דאס אן ?" — „ער איז דאך ניט געלאָדען," האב איך געזאגט. — „און אז אפילו אזוי, וואס זאל דאס הייסען ?" האט ער געזאגט אונגעדולדיג, „איך קען זיך ניט פאָר־שטעלען ווי אַ מענש קען זיין אזוי דום, זיך דאס לעבען צו נעהמען. דער געדאנק אליין מאכט מיר אויפטרייסלען."

„אבער ווארום איז דאס אזוי !" האב איך אויסגערופען, דאס איהר מענשען, רעדענדיג איבער אַ זאַך, האט איהר גלייך צו בעמערקען:

דאס איז נאַריש, דאס איז קלוג, דאס איז גוט, דאס איז שלעכט! און וואס זאל דאס אלעס הייסען? פאָרשט איהר דען אויס די אינערליכע פערהעלטניסע פון א האנדלונג? ווייסט איהר מיט בעשטימטהייט צו ענטוויקלען די אורזאכען, ווארום זי געשעהט, ווארום זי האט געמוזט געשעהן? ווען איהר וואלט אזוי געטהאָן, וואלט איהר ניט געווען אזוי גאייַלט מיט אייערע אורטיילע.“

„איהר וועט מיר צוגעבען“ האט אַלבערט געזאגט, „אז געוויסע האנדלונגען בלייבען פערברעכעריש, זיי מעגען אפילו געשעהן צוליעב וועלכע אורזאכען עס וויל.“ איך האב צוגעגעבען אציה־טהאָנדיג מיט די אַקסלען.

„אבער דאך מיין פריינד,“ האב איך ווייטער געזאגט, „זיינען אויך דאָ פאררהאָן אויסנאַהמען. עס איז אמת, אז גנבה איז א פערברעכען; אבער ווען א מאן לאזט זיך צו ווערען א רויבער אדער א גנב, אום די אויסגעהענדע נשמות פון זיין ווייב און קינדער צו ערהאלטען, וואס קומט איהם, מיטלייד אדער שטראָף? ווער וועט עס וואגען צו ווארפען דעם ערשטען שטיין אויף א מאן, וואס האט אין זיין גערעכטען צאָרן, זיין אונטרייע ווייב און איהר נידערטרעכטיגען פערפיהרער דער'הרג'עט? אדער אויף דאס מיידעל, וועלכע האט זיך אין א גליקליכע גענוספאָלע מינוט, אין די אונאויפהאלטענדע פריידען פון דער ליעבע פערלארען? אפילו אונזערע געזעצע אליין, דיזע קאלטבליטיגע פעדאַנטען, לאזען זיך אין אזעלכע פעללע ריהרען און האלטען די שטראָף צוריק.“

„דאס איז גאנץ וואס אַנדערש,“ האט אַלבערט געזאגט, „וויל א מענש וואס ווערט הינגעריסען פון די ליידענשאפטען, פערליערט אַלע בעזינונגסקראפט, און ווערט בעטראכטעט אלס א שכור אדער א משוגע'נער.“

„אָה, איהר פערנינפטיגע מענשען!“ האב איך אויסגערופען מיט א געלעכטער, „ליידענשאפט! שכרות! משוגעת! איהר שטעהט זיך דא אזוי געלאַסען, אזוי אהן טהיילנאמע, איהר זיטליכע מענשען! איהר פערדאַמט דעם שכור, פעראַבשויעט דעם אונזיניגען, איהר געהט זיי וו

דער פריסטער פערביי, און ווי דער פרוש דאנקט איהר גאָטט, וואס ער האט איך ניט בעשאפען ווי איינער פון די. — איך בין שוין מעהר ווי איינמאל אויף מיין לעבען שכור געווען. מיינע ליידענשאפטען זיינען אימער געווען ניט וויט פון משוגעת, און ס'פערדריסט מיר ניט אויף ביידע; דען איך האב געלערענט צו בעגרייפען דורך מיין אייגענע ער־פאהרונג, דאס מענשען, וועלכע האבען אויסערגעוועהנליכע און אונ־מעגליך שיינענדע זאכען געשאפען, זיינען אלס שכורים און וואהנזיניגע פערשריען געווארען. — אָבער אויך אין'ם אלטעגליכען איינפאכען לע־בען פון פריוואטען מענשען, איז עס אונערטרעגליך, צו הערען אָנרופען יעדען איינעם וואס בעווייזט אַ האלב־פרייע, עדעלע, אונערוואַרטעטע טהאט, דאס, דער איז בעטרונקען, דער איז א נאַרר! שעהמט זיך בלעבען איהר ניכטערנע! שעהמט זיך איהר חכמים!"

„דאס איז שוין ווידער פון אייערע טרוימערייען," האט אַלבערט געזאגט, „איהר איבערטרייבט אלעס, און דאָ אם ווענינסטענס האט איהר געוויס אונרעכט, וואס איהר פערגלייכט דעם זעלבסטמאָרד, פון וועלכען דא איז איצט די רייד, מיט גרויסע האנדלונגען, ווען מ'קען עס מעהר ניט האלטען ווי פאר אַ שוואכקייט, דען געוויס איז עס לייכטער צו שטארבען, עהדער א לעבען פון ליידען שטאנד־האפטיג צו פארטראגען."

איך האב דעם גאנצען ענין געוואלט אָבהאקען; דען קיין אר־גומענט ברענגט מיר ניט אזוי ארויס פון געדולד, ווי איינער וואס קומט מיט אונבעדייטענדע אלטבעקאנטע פשט'לעך, אין דער צייט וואס איך רעד פון מיין גאנצען הארצען. איך האב זיך דאך געפּאַסט, ווייל איך האב שוין אָפט געהערט און אָפטער זיך איבער אזעלבעס געערגערט, און האב לעבהאפט אויסגערופען: „איהר רופט דאס שוואכקייט! איך בעט אייך, לאזט זיך נאר ניט פערפיהרען פון שיין. ווען א פאָלק וואס ליידעט אונטער דעם יאָך פון א טיראן, דער יאָך ווערט וואס וייטער אונערטרעגליכער, דאס געדולד פּלאצט ביי איהם און ער הויבט זיך פלוצים אויף און צורייסט אויף זיך די קייטען, וועט

איהר דאס רופען שוואכקײט ? אַ מענש, װעלכער קוקט צו װי אַ פײער האט זײן גאנצע הױז ארומגעכאפּט און דראָהט אַלעס צו פערניכטען, פיהלט פּלוצים אַלע זײנע קרעפטען געשפּאַנט, ער שלעפּט ארױס אזעלכע משאות, װעלכע ער װאלט אין אַ רוהיגע צײט קױם פון אָרט געקענט ריהרען; אַ מענש, אין דער װאוטה פון טיעפער בעלײדיגונג, קען זיך מיט זעקס'ען שלאגען און זײ אַללע בײקומען, דארף מען די אנרופען שוואכלינגע ? און, מײן גוטער, אויב אַנשטרענגונג איז יא שטארקײט, טא װארום זאל איבערשפּאַנטקײט זײן דער גענענטײל ? —" אַלבערט האט מיר אָנגעקוקט און געזאגט: „האט אויף מיר קײן פּאַראַיבעל ניט, די בײשפּיעלע װאס איהר ברענגט דא געהערען דא גאר ניט אָן." — „עס קען זײן," האב איך געזאגט, „מ'האט מיר שױן אָפטער פארגעװארפען, אז מײן אַרט דיסקוטירען און קאמבינירען גרעניצט זיך אן פּלאפּלערײ. אָבער לאמיר זעהן אויב מיר קעננען זיך אויף אַן אנדער װעג ניט פּאָרשטעלען, װי יענעם מענשען איז צו מוטה, װען ער בעשליסט זיך, פון זיך אראָבצו־װארפען די זאנסט אַנגענעהמע לאַסט פון לעבען; דען נאָר װי װײט מיר קענען אַ זאַך מיט־עמפּפינדען, מעגען מיר פון דעם אזוי פיעל רעדען.

„די מענשליכע נאטור" האב איך פּאָרטגעזעצט, „האט איהרע גרענצען; זי קען פרײד, לײד און שמערצען ביז אַ געװיסען גראַד פארטראגען, און אזוי שנעל װי דער גראַד איז איבערשטיעגען מוז זי געהן צו גרונד. דא איז אַלזאָ ניט די פראגע אויב אײנער איז שטארק אדער שוואך! נאר, אויב ער קען די מאָס פון די לײדען איבערטראגען ? צו מאָראליש, צו קערפּערליך; און איך געפין עס פונקט אזוי װאונדערבאר, װען איך הער זאגען: „דער מענש װאס נעהמט זיך דאס לעבען איז אַ פײגלינג," װי מ'זאל אנרופען יענעם פײגלינג, װעלכער שטארבט אװעק פון אַ בײזען פיבער."

„פּאַראַדאָקס! זעהר פּאַראַדאָקס!" האט אַלבערט אױסגערופען.
— „ניט אזוי פיעל װי איהר דענקט," האב איך געזאגט. „איהר װעט מיר צוגעבען; מיר רופען עס אן אַ קראַנקהײט צום טױדט, װען מיר

זעהען די נאטור אָנגעגריפּען, ווען א טהייל פון איהרע קרעפטען ווערען פערצעהרט און אַ טהייל ווערט אונפעהיג און אויסער ווירקונג, און זי בלייבט אונמעכטיג זיך ווידער אויפצוהעלפען און אויף'ן געוועהנליכען לעבענס־וועג זיך ווידער צו שטעלען. נון מיין ליעבער, לאזט אונז דאס זעלבע אָנווענדען אויף'ן גייסט. קוקט אן דעם מענשען אין זיין בעשרענקטהייט, ווי אזוי עס ווירקען אויף איהם די איינדריקע פון דרויסען, ווי אזוי די אידעען ווערען ביי איהם פעסטגעזעצט, ענדליך ביז וואנען אַ וואקסענדע ליידענשאפט בעפאַלט איהם און בערויבט איהם די גאנצע זיננעסקראפט און מאכט פון איהם א תל. אומזיסט, וואס דער געלאַסענער פערנינפטוגער מענש בעטראכט דאס אַלעס פון דער זייט און זעהט דעם ריכטיגען צושטאַנד פון'ם אונגליקליכען, אומזיסט וואס ער וויל איהם איינרעדען! עס איז פונקט דאס זעלבע ווי ווען אַ געזונדער שטעהט ביים בעט פון קראנקען. ער קען איהם פון זיינע כחות ניט אוועקגעבען, און קען איהם אויף אַ האָאר ניט העלפען.“

אלבערט'ן האט עס אויסגעקומען צו אלגעמיין. איך האב איהם דערמאנט אן אַ מיידעל, וועלכע מ'האט ניט לאנג צוריק אַ דערטרונקענע אין וואסער געפונען, און האב איהם דערצעהלט איהר געשיכטע. —

„זי איז געוועזן א גוטע, רוהיגע יונגע מיידעל, אויפגעוואקסען אין ענגען קרייז פון שטענדיגע הויז־בעשעפטיגונג. זי האט ניט געהאט קיין אנדער געפיהל פון פערגניגען, אויסער ווי ארויסצוגעהן זונטאג מיט איהרע חברת'עס אונטערן שטאדט שפּאצירען צוגעפּוצט אין די ביסלעכווייז איינגעשאפענע קליידער, און פיעלייכט אַמאל, ווען ס'איז א גרויסער יום־טוב, זיך ערלויבען צו געהן זיך אביסל אויסטאנצען, און איבריגענס, אמאל א וואָסער שטונדע פערפלוידערן מיט א שכנה איבער וועלכע ניטוויכטיגע פּאסירונג אין שטעדטיל, — איהר פייערדיגע נאטור האט ענדליך אנגעהויבען צו פיהלען טיעפערע בעדירפניסע, וועלכע זיינען וואס ווייטער פארמעהרט געווארען דורך די חניפה'לעך פון די מעננער; אללע איהרע פריהעריגע פריידען ווערן

איהר אלץ ביסלעכווייז אָבגעשמאַקטער, ביז זי טרעפט ענדליך א מאן צו וועמען א אונבעקאנטער געפיהל האט איהר צו־געצויגען אונווידער־שטעהליך, אויף וועמען זי בויעט אללע איהרע האָפנונגען; די וועלט ארום זיך פארגעסט זי, זי הערט ניט, זעהט ניט, פיהלט ניט אויסער איהם, דעם איינציגען; בעגעהרט נאר נאך איהם אליין, דעם איינ־ציגען. און זייענדיג ריין, ניט פערדארבען דורך פוסטע פערגניגען פון די אונבעשטענדיגע נארישקייט, געהט איהר פערלאנגען דעם גלייכען וועג און ציעלט גראדע נאר צום צוועק; זי וויל זיינע ווערען, זי וויל אין אייביגער פערבינדונג געפינען דאס גאנצע גליק וואס איהר פעהלט, זי וויל די פעראייניגונג פון אללע פריידען געניססען צו וועלכע זי געהרט. פערשפרעכען נאך פערשפרעכען, וועלכע האבען די געוויסהייט פון איהרע האפנונגען פערזיכערט; געוואגטע ליעבקאָזונגען, וועלכע האבען איהר בעגעהרען פערשטארקט, האבען איהר גאנצע נשמה ארומ־גענומען; זי שוועבט אין א דונקעלען מוטנעם בעוואוסטזיין, אין א פאָרגעפיהל פון אללע פריידען; זי איז ביז אויף'ן העכסטען גראַד גע־שפאַנט. זי שטרעקט ענדליך אויס איהרע ארעמס אַרומצונעהמען אַל־לע איהרע ווינשע — און איהר געליעבטער פערלאזט איהר. — ערשטאַרט, אָהן זינן שטעהט זי פאר אַן אבגרונד; אַלעס ארום איהר איז פינסטער, קיין אויסזיכט, קיין טרויסט, קיין אהנונג, דען דער האט איהר פערלאזען, אין וועמען זי האט איהר גאנצען עקזיסטענץ געפיהלט. זי זעהט ניט די ווייטע וועלט וואס ליעגט פאר איהר, זי זעהט ניט די פיעלע וואס וואלטען איהר פערלוסט געקענט צוריק ערזעצען; זי פיהלט זיך אליין פערלאָזען פון דער גאנצער וועלט — און פערבלענדעט, אין די ענגשאפט געדריקט פון די שרעקליכע נויטה פון איהר הארצען, שטירצט זי זיך ארונטער, אום אין דעם טוידט, וועלכער נעהמט ארום פון אַללע זייטען, אַללע איהרע שמערצען צו דערשטיקען. — זעהט איהר אַלבערט, דאס איז די געשיכטע פון אסך אונגליקליכע מענשען! און זאגט, איז עס ניט דאס זעלבע ווי מיט אַ קראַנקהייט! די נאטור געפינט ניט קיין אויסוועג פון דעם לאַבירינטה פון פערפלאָנטערטע און

ווידערשפרעכענדע קרעפטען, זי קענ נימ מעהר אויסהאַלטען, און דער מענש מוז שטאַרבען."

„ווען איז יענעם ווען קען עס צרזעהן און זאגען: ס'אַרא נאַרר ער איז! וואלט זי געוואַרט, וואלט זי עס איבערגעלאזען צו דער צייט, איהר פערצווייפלונג וואלט זיך שוין בערוהיגט, עס וואלט זיך שוין אַן אַנדערער געפונען איהר צו טרויסטען. — עס איז אַלץ איינס ווען איינער זאגט: „דער נאַרר, ער איז פון פיעבער געשטאָרבען! וואלט ער געוואַרט ביז זיינע קרעפטען זאלען זיך שטאַרקען, ביז דער טומעל אין זיין בלוט זאל זיך האבען געזעצט, אַלעס וואלט גוט געווען, און ער וואלט נאך ביז היינט געלעבט."

אַלבערט'ן איז די פערגלייכונג נאך נימ געווען רעכט. ער האט נאך איינינעס איינגעווענדעט, אונטער דיזע אויך, דאס די מעשה וואס איך האב דערצעהלט, האט פּאַסירט מיט אַן איינפאַכע אונוויססענדע מיידעל, וועמעס טהאט מ'קען נאך פערצייהען; אבער דאס אַ מענש מיט פערשטאנד, וועלכער איז נימ אזוי בעשרענקט, און וועלכער קען מעהר פערהעלטניסע ארום זיך בעטראַכטען, זאל מען קענען ענטשול־דיגען פאַר אַזאַ טהאט, דאס קען ער נימ בעגרייפען. — „מיין פריינד!" האב איך אויסגערופען, „דער מענש איז נימ מעהר ווי מענש, און דאס ביסל פערשטאנד וואס איינער קען האבען מעהר, קומט גאַרנימ אין בעטראַכט, ווען די ליידענשאַפט שטורעמט און מאַכט דעם מענשען זיינע גרעניצען ענג. נאָכמעהר — „אַן אַנדערס מאל דערפון" האב איך געזאגט און האב גענומען מיין הוט אוועקצוגעהן. אָה, מיר איז געווען דאס האַרץ אזוי פול! און מיר זיינען זיך צו־גאַנגען, איינער דעם אַנדערען נימ צו האבען פערשטאַנען, ווי עס איז שטענ־דיג אויף דיזער וועלט. קיינער פערשטעהט נימ אזוי לייכט דעם צווייטען.

15טער אגוסט.

עס איז בעשטימט, דאס קיין זאך אין דער וועלט איז ניט אזוי נויטוועגדיג ווי די ליעבע. איך פיהל עס אן לאָטטע'ן, דאס זי פערליערט מיר אונגערען, און די קינדער האבען ניט קיין אנדער בעגריף ווי דאס איך וועל אימער מארגען ווידערקומען. היינט בין איך אהין געגאנגען לאָטטע'ס קלאוויר צו שטיממען, כ'האב צו דעם אבער ניט געקענט קומען, ווייל די קינדער האבען מיר ניט געלאזען צורוה איך זאל זיי דערצעהלען א מעשה'לע, און לאָטטע אליין האט אויך איינגעשטימט איך זאל זייער וואונש ערפילען. איך האב פאר זיי געשניטען דאס ברויט צום נאכטעסען, וואס איז ביי זיי פונקט אזוי ליעב ווי לאָטטע אליין וואלט עס געטהאָן, און האב זיי דערצעהלט די מעשה פון דער פרינצעסין וואס ווערט בעדיענט פון צווערגען. איך לערען דערביי זעהר פיעל, איך זאג עס דיר זיכער, און בין ערשטוינט צו זעהן וואס פאר איינדריקע עס מאכט אויף זיי. ווען איך ערפינד אמאל עפעס א פונקט אין א וועלכע פאסירונג, וועלכען איך פערגעס ביים צווייטען מאל צו דערצעהלען, זאגען זיי מיר גלייך: אז דאס ערשטע מאל איז געווען אנדערש. איצט געוועהן איך זיך איין, זיי די מעשה'לעך אונפערענדערט צו דערצעהלען. איך האב דערפון געלערנט, ווי פיעל א פערפאסער שאדעט זיין בוך, ווען ער גיט ארויס די צווייטע אויפלאגע מיט פערענדערונגען, כאָטש דאס בוך קען אסך געווינען פון פאָעטישען אָדער קינסטליכען שטאנדפונקט. דער ערשטער איינדרוק געפעלט אונז. דער מענש איז שוין אזוי געמאכט, דאס מ'קען איהם דאס אבענטוערליכסטע איינרעדען, עס קלעבט זיך אן פעסט אָן איהם, און ווער איז יענעם ווער עס וויל דאס צוריק פון איהם אויסראָטען און פארמעקען!

18טער אגוסט.

אָה, מוז עס דען אזוי שוין זיין. אז דאס וואס מאכט דעם מענ־
שען גליקליך, זאל נאכהער די קוואל פון זיין אונגליק ווערען ?

דער פולער ווארעמער געפיהל פון מיין הארץ, צו דער לעבעדי־
גער נאַטור, וועלכער האט מיר אזוי פיעל פערגניגען פערשאפט, וועלכער
האט פאר מיר די וועלט ארום פאר אַ גן־עדן געמאכט, הויבט איצט
אָן צו ווערען מיין פלאָגענדער גייסט, מיין אונערטרעגליכער פייניגער,
וואס פערפאלגט מיר אויף אַללע וועגען. ווען איך פלעג זאָנסט, פון
פעלזען, איבער׳ן פלוס ביז צו יענע בערג, דעם גאנצען שרעקליכען
טהאַל אריבערקוקען, און אַלעס ארום זיך געזעהן קוועלען און וואַקסען;
ווען איך פלעג בעטראכטען יענע בערג וועלכע זיינען פון פוס ביז׳ן סאַ־
מע שפּיץ מיט הויכע בוימער פארוואַקסען. און יענע טהאַלען, אין די
פערשיעדענע קרימונגען, פון די ליעבליכסטע וועלדער בעשאטענט, און
דער זאַנפטער טייכעל וואס שלינגעלט זיך צווישען די סוד׳ענדיגע אי־
איר, אין וועלכען די ליעבע וואָלקענס, געוויעגט פון זאַנפטע אבענד־
ווינטלאך שפיגלען זיך אָב ; ווען איך פלעג זיך דאַן צרהערען צום
פויגעל־געזאנג וואס פילט אָן דעם וואלד מיט לעבען, און די מיליאָנען
מחנות פון אינסעקטען וועלכע טאנצען מוטהיג ארום, אין די לעצטע
רויטע שטראַהלען פון דער זון, ווען לעצטער צוקענדער בליק וועקט
אויף די זשומענדע זשוקעס אין זייערע גראָזענע בעטען ; און דאס ווע־
בען און רעגען ארום מיר, פלעגט מיר אויפמערקזאם מאכען אויף׳ן
באָדען, און פלעג זעהן די מאָך, וואס ציהט איהר נאהרונג ארויס פון
מיין הארטען פעלז, און די קוסטעס וועלכע וואקסען דעם טרוקענעם
זאמדבאַרג פון אונטען ארויס, און ס׳פלעגט זיך מיר אויפדעקען דאס
אינערליכע, גליהענדע הייליגע לעבען פון דער נאַטור ; ווי האב איך
דאס אַלעס אין מיין ארעמע האַרץ אריינגענומען ! ווי האב איך זיך
געפיהלט פערגעטערט אין די פארשווענדענדע רייכקייט, און ווי האבען

די פֿראַכטפֿולע געשטאַלטען פֿון דער אינערליכער וועלט, זיך בעוועגט און אַלעס אין מיין נשמה בעלעבט! אונגעהויערע בערג האבען מיר ארומגערינגעלט; אבגרונדען זיינען צו מיינע פיס געלעגען מיט זייער טיעפֿקייט; וואַסערפֿעללע האבען געשטירצט און פֿליססע האבען אונטער מיר געשטראָמט; און וואַלד און בארג זיינען פֿול געווארען מיט קלאַנג; און כ'האב געזעהן די אונערגרינדליכע קרעפֿטען, אין דער ערד'ס טיעפֿעניסען איינער אין אַנדערן שאפֿען און ווירקען; און דאַן איבער איהר, און אונטער דעם הימעל, זיך ארומטומלען פֿערשיעדענע סאָרטען פֿון ברואים; אַלעס, אַלעס איז באפֿעלקערט מיט טויזענד־פֿאכע געשטאַלטען; און די מענשען פֿערקלייבען זיך אין זייערע הייזלעך, פֿארזיכערן זיך דארט און הערשען אין זייער געדאַנק איבער דער גאנצער וויטער וועלט! אָרעמער נאַרר! דו שעצט אַלעס אזוי קליין, וויל דו אליין ביזט קליין. — פֿון דעם העכסטען ווייטען באַרג אין דער וויסטע וואס קיין מענשענפֿוס האט נאך ניט בעטראטען, ביז די ענדע פֿון די אונבעקאנטע ימים, וועהט דער גייסט פֿון דעם אייביגשאפֿענדען, און פֿרעהט זיך מיט יעדען שטיקעל שטויב וואס פֿיהלט איהם און לעבט.

— אָה! דאמאלסט, ווי אָפֿט פֿלעג איך בייגקען און זיך ווינשען, צו קענען מיט די פֿליגלען פֿון אַ פֿויגעל, צום ברעג פֿון'ם אונערמעסליכען ים אריבערפֿליהען, אום פֿון דעם שוימענדען בעכער פֿון'ם אונענדליכען די קוועלענדע לעבענספריידע צו טרינקען, און כאָטש איין אויגענבליק, אין די בעשרענקטע קראַפֿט פֿון מיין הארצען, צו פֿיהלען אַ טראָפֿען פֿון'ם זעליגען וועזען וועלכער ברענגט אַלעס אין זיך און פֿון זיך ארויס.

מיין פֿריינד, נאָר די עראינערונג פֿון יענע שטונדען מאכט מיר פֿיהלען גוט. זאגאר די אַנשטרענגונג אליין, יענע אונאויסשפרעכליכע געפֿיהלען אין די עראינערונג צוריק צו־רופֿען, נאך אַמאל אויסשפרעכען, הויבט שוין אויף מיין נשמה איבער איהר אליין, און לאזט מיר מיין איצטיגען צושטאַנד דאָפֿעלט פֿיהלען.

עס האט זיך ווי אַ פֿאָרהאנג איבער מיין גייסט פֿערצויגען, און די ביהנע אויף וועלכע עס שפֿיעלט זיך אָב דאס אונענדליכע לעבען,

ווערט פאר מיר פערוואַנדעלט אין אַן אבגרונד פון אַ אייביג אָפענעם קבר. קען מען דען זאגען: עס איז! ווען אַלעס האלט אין איין פאראיבערגעהן? ווען אַלעס ראָלט פערביי אזוי שנעל ווי דער שטורם־ווינד, האלט אוים אזוי זעלטען די גאנצע קראפט פון זיין דאַזיין! אָה, אַלעס ווערט מיט'ן שטראָם אוועקגעשלעפט, אונטערגעטונקט און צו־שמעטערט אָן די פעלזען! עס איז ניטאָ קיין אויגענבליק אין וועלכען דו ווערסט ניט פארצעהרט, און אויך די דייניגע ארום. עס איז ניטאָ קיין אויגענבליק, אין וועלכען דו אליין ביזט ניט קיין צושטערער, אין וועלכען דו מוזט עס ניט זיין; דיין אונשולדיגסטער שפּאַצירגאַנג קאָסט טויזענדע ארעמע ווערמלעך דאס לעבען, און צוטרעטעסט אַ גאנ־צע קליינע וועלט אין פערניכטונג! אה! ניט די זעלטענע, גרויסע נויט פון דער וועלט, די פערפלייצונגען, וועלכע וואשען אָב אייערע דער־פער, ניט די ערדציטערניסען, וועלכע שלינגען אייערע שטעדט איין, ריהרען מיר אזוי שטארק. מיר אונטערגראבט דאס הארץ, די פאר־צעהרענדע קראפט וועלכע ליעגט פערבאָרגען אין דער גאנצער נא־טור, וועלכע האט נאך קיינמאל עפּעס ניט געבויט, אום דורכדעם זיין שכן און אפילו זיך אליין ניט צו צושטערען. אזוי טומעל איך זיך בע־טריבט ארום. הימעל, ערד און זייערע וועבענדע קרעפטען ארום מיר; איך זעה ניט מעהר ווי אַן אייביג־פערשלינגענדען, אייביג־ווידערקייענדען אונגעהויער.

21טער אגוסט.

אומזיסט שטרעק איך אוים מיינע ארעמס נאך איהר אין דער־פריה, ווען איך כאַפּ זיך אויף פון שווערע חלומות; אומזיסט נאר זוך איך איהר אין מיין בעט ארום, ווען אַ גליקליכער אונשולדיגער חלום נאַרט מיך אָב, און שטעלט מיר פאַר, ווי איך וואלט נעבן איהר אויף'ן לאָנקע געזעסען, איהר האנד אין מיינע געהאלטען און עס מיט טויזענד

קושען באדעקט. אָה! ווען איך טאַפּ און זוך נאך איהר ארום האלב צוטומעלט פון שלאף, און פיהל זיך פון דעם ערמונטערט — אַ שטראָם טרעהרען פּלאצט ארויס פון מיין פארפרעסטעס הארץ און איך וויין קוקענדיג אנטקעגען אַ פינסטערן טרויסטלאָזען צוקונפט.

22טער אגוסט.

עס איז אַן אונגליק, ווילהעלם! מיינע טהעטיגע קרעפטען זיינען געווארען פערקריפּעלט אין אַ אונרוהיגע מידקייט. איך קען ניט ליידיג געהן און קען אויך גארניט טהאָן. איך האב קיין פאָרשטעלונגסקראפט, קיין געפיהל פאר דער נאטור, און די ביכער עקלען מיר פשוט. ווען מיר פעהלען זיך אליין, דאן פעהלט דאך אַלץ פאר אונז. איך שווער דיר, אסך מאל ווינש איך זיך איך וואלט אַ לוין־ארבייטער געווען, נאר אום ביי'ם אויפשטעהן אין דער פריה, צו האבען עפּעס אַן אויסזיכט, אַ דראנג, אַ האָפנונג אויף'ן אָנקומענדען טאָג. אָפט בין איך מקנא אַלבערט'ן, וועלכער זיצט איבער די אויערן אין אַקטען און פּאַפּירען פערזונקען. איך בילד זיך איין, דאס איך וואלט אויף זיין אָרט גע־פיהלט גוט. עטליכע מאל שוין האב איך זיך צוזאמענגענומען און גע־וואלט דיר ווי אויך דעם מיניסטער, וועגען דער שטעלע אין קאָנסולאַט צו שרייבען, וועלכע, ווי דו האסט מיר פערזיכערט, וואלט מיר ניט ענט־זאגט געווארען. איך גלויב עס אויך זעהר. דער מיניסטער האט מיך שוין פון לאנג אַן ליעב. ער האט מיר שוין פון לאנג געוואלט באווע־גען, זיך צו וועלכען געשעפט צו נעהמען. און זאָגאר פאר אַ שטונדע ואלט עס מיר גוט געטהאָן. דערנאך אָבער, ווען איך בעדענק די זאך נאך אַמאל, און מיר פאלט איין די פאַבעל פון'ם פערד, וועלכען עס האט זיך צוגעגעסען די פרייהייט. ער לאזט זיך אין זאטעל און צוים איינשפּאַנען און ווערט געריטען ביז זיין סוף; — איך ווייס ניט וואס איך זאָל — און, מיין פריינד! איז פיעלייכט ניט דאס בענקען אין מיר און געהרען נאך אַ פערענדערונג אין מיין צושטאנד, אַ אינעווענינגסטע אונצופרידענע אונגעדולד, וועלכע וועט מיר פערפאָלגען אומעדום?

28טער אגוסט.

ווען מען וואלט נאר געקענט היילען מיין קראנקהייט, וואלטען דאס דיזע מענשען גאר אָהן צווייפעל געטהאָן. היינט איז מיין געבורטס־טאג, און שוין גאנץ פריה האב איך ערהאלטען פון אַלבערט'ן א פּאַ־קעט. ביי'ם עפענען עס, איז מיר גלייך אויפגעפאַלען א בלאס־רויטער שלייפעל, וועלכען לאָטטע האט אויף זיך געטראגען דאס ערשטע מאל ווען איך האב איהר דערקענט, און פאר וועלכען איך האב איהר זינט דאָן שוין איינינע מאל געבעטען. דאביי זיינען געלעגען צוויי ביכלעך, אין צוועלפטיל פאָרמאַט, די קליינע וועסטיין'שע אויסגאַבע פון האָמער, פאר וועלכע איך האב זיך אזוי פיעל מאל געוואונשען, אום זיך ניט דארפען ארומשלעפען אויף מיינע שפּאַצירגאנגען מיט די גרויסע ער־נעסטינישע אויסגאבע. זעה נאר, אָט אזוי זוכען זיי מיינע ווינשע צו ערפילען. אָט אזוי זוכען זיי אויס די אַלע קליינע פריינדשאפטליכע גע־פעליגקייטען, וועלכע זיינען טויזענד מאל מעהר ווערטה, פון יענע בלענ־דענדע פרעזענטען, דורך וועלכע, די קליינקייט און נאַרישקייט פון'ם גע־בער טהוען אונז ערנידעריגען. איך קוש דיזען שלייף טויזענד מאל, און מיט יעדען אָטהעמצוג שלינג איך איין ערינערונגען פון יענע גליקליכע מאָמענטען, מיט וועלכע יענע ניט צוריקקעהרענדע טעג פלעגען מיין נשמה אויספילען. אָט אזוי איז עס, ווילהעלם! איך בעקלאג זיך אויך ניט דעריבער; די בליהעכץ פון לעבען איז נאר ערשיינונגען! וויפיעל געהען פארביי הינטער זיך אפילו קיין שפור ניט איבערלאזענדיג! ווי זעהר ווענינ ענטוויקלען זיך און ברענגען פרוכט; און ווי ווענינ פון דיזע פרוכט דערלעבען עס צייטינ צו ווערען! און דאך זיינען נאך פאַר־האַן גענוג; און דאך — אָה, מיין פריינד! קענען מיר דען צייטיגע פרוכט פערנאכלעסיגען, פעראַכטען, און ניט געניסענדיג דערפון, עס לאזען פערפוילט ווערען?

לעבּ וואָהל, מיין פריינד! עס איז אַ הערליכער זומער. גאַנץ אָפט קלעטער איך ארויף אויף די פּרוכטבּוימען אין לאָטטע'ס גאַרטען. איך קלאַפּ די בּאַרען מיט אַ לאַנגען שטעקען פון שפּיץ בּוים אַרונטער, און לאָטטע שטעהט אונטען און כאַפּט זיי בּיי'ם אַרונטערפאַלען.

30טער אגוסט.

אונגליקליכער! ביסט דו ניט קיין נאַרר? נאַרסט דו זיך אַליין ניט אָב? און וואס איז דיזע לאַרמענדע ענדלאָזע ליידענשאַפט?

איך האָבּ ניט מעהר קיינע געבּעטע, ווי נאָר פאַר איהר אַליין; עס ערשיינט קיין אַנדער געשטאַלט פאַר מיין איינבּילדונגסקראַפט, ווי נאָר איהרע אַליין; און אַלעס אין דער וועלט זעה איך נאָר ווי וויים זיי שטעהען אין פערהעלטניס צו איהר, און דאָס בּרענגט מיר אָפט גליקליכע שטונדען — בּיז וואַנען איך מוז זיך פון איהר ווידער אַרויס־רייסען. אָה, ווילהעלם! צו וואָס דרענגט מיר ניט מיין האַרץ אַזוי אָפט! — ווען איך בּין בּיי איהר אַ צוויי דריי שטונדען געזעסען, און זיך געקוויקט מיט איהר געשטאַלט, איהר בּענעהמען, און דעם הימלי־שען אויסדרוק פון איהרע ווערטער, אַזוי ווערען אַלץ מעהר און מעהר אַללע מיינע חושים אַנגעשפּאַנט, עס ווערט מיר דונקעל פאַר די אויגען, קוים וואָס איך הער, און עס נעהמט מיר אַן פּאַר'ן גאָרגעל אַזוי ווי אַ מערדער, און דאַן זוכט מיין האַרץ, מיט אַ ווילדען קלאַפּען, צו מאַ־כען פּלאַץ פאַר מיינע פאַרדריקטע חושים, און פערוווירט זיי נאָך מעהר דורך דעם. — ווילהעלם, אָפט וויים איך גאַרניט צו איך עקזיסטיר גאָר אין גאַנצען אויף דער וועלט! און ווען מאַנכעס מאָל, אין אַזעלכע מינוטען, פיהל איך זיך געדריקט אונטער די שווערע וועהמוטה, און לאָטטע פערגינט מיר אויך ניט די אָרעמע טרויסט, מיין בּעקלעמונג, איהר אויף'ן האַנד אין טרעהרען אויסצוגיסען — דאַן מוז איך אַוועק, כ'מוז געהן! איך שלעפּ זיך אַרום אין די פעלדער; אויף אַ גלייכען בּאַרג צו קלעטערן, איז דאַן מיין פערגניגען; דורך אַ אונבּעטראַטענעם

וואַלד אַ וועג צו מאכען, דורך קוסטעס, וועלכע צרוואונדען מיר, דורך דערנער וועלכע צורייסען מיין פלייש, דאס איז דאן מיין פער־גניגען ! דאן ווערט מיר אביסל בעסער ! עטוואס ! און ווען איך בלייב אמאל אונטערוועגס פון מידקייט און דורשט ליגען, און ווען אמאל, אין דער טיעפער נאכט, ווען די לבנה שטעהט פול איבער מיר, קריך איך ארויף אויף אַ קרומגעוואקסענעם בוים, אום מיינע פער־וואונדעטע פיס אביסל אויסצורוהען, און דאן אין אַ מיעדע רוהינקייט, אין לבנה־שוין, ווער איך אנדרעמעלט ! אָה, ווילהעלם ! דאס איינזא־מע געצעלט פון'ם איינזידלער, זיינע גראבע הארטע קליידער און זיין גארטעל פון דערנער, וואלטען פאר מיר געווען אַ ערקוויקונג, נאך וועלכע מיין נשמה שמאכטעט. אדיע, מיין פריינד, איך זעה צו די־זען עלענד קיין אנדער סוף ווי נאר דעם קבר.

3טער סעפּטעמבער.

איך מוז אוועק ! איך דאנק דיר ווילהעלם, דאס דו האסט צוגעשטימט צו מיין הינקענדען בעשלוס. שוין צוויי וואכען אז איך געה ארום מיט'ן געדאנק איהר צו פערלאזען. איך מוז אוועק. זי איז ווידער אין שטאדט ביי אַ פריינדין. און אלבערט — און — יא, איך מוז אוועק.

10טער סעפּטעמבער.

דאס איז געווען אַ נאכט ! ווילהעלם ! נון קען איך אלעס איבערשטעהן. איך וועל איהר קיינמאל מעהר ניט זעהן ! אָה, וואלט איך געקענט דיר אויף'ן האלז ארויפפאלען, מיט טרעהרען און ענט־ציקען, די געפיהלען וועלכע שטורעמען אין מיין הארץ, אויסצודריי־קען ! דאָ זיץ איך טאפּענדיג נאך לופט. איך זוך מיך צו בערוהיגען,

איך ערוואַרטע דעם פריהמאָרגען, מיט זונען־אויפגאַנג דאַרפען שוין די פערד פאַר מיין הויז וואַרטען.

אָה, זי שלאָפט רוהיג און דענקט ניט דאָס זי וועט מיר קיינמאָל ניט וויעדערזעהן. איך האָב זיך אַרויסגעריסען, כ'בין געוועזן שטאַרק גענוג, אין אַ צוויישטונדיגען געשפּרעך מיין בעשלוס ניט צו פערראַטהען. און וואָס פאַרא געשפּרעך דאָס איז געוועזן! אָה, מיין אָטעם!

אַלבערט האָט מיר צוגעזאָגט צו זיין אין גאָרטען מיט לאָטען גלייך נאָך'ן נאַכט־עסען. איך בין אויף דער טעראַסע געשטאַנען, אונטער די הויכע קאַסטאַנענבוימען, און צוגעקוקט צו דער זון, וועלכע איז מיר צום לעצטען מאָל איבער דיזען ליעבליכען טהאָל אונטערגעגאַנגען. ווי אָפט בין איך דאָ מיט איהר געשטאַנען און צוגעקוקט דעם זעלבען הערליכען שוישפּיעל! און איצט — איך בין אין דער אַלעע, וועלכע איז מיר אַזוי ליעב געוועזן, הין און צוריק אַרומגעגאַנגען. אַ געהיימער סימפּאַטישער געפיהל, האָט מיר דאָ אַזוי אָפט אויפגעהאַלטען, נאָך עהדער איך האָב לאָטטען געקענט. און ווי האָבען מיר זיך נאָכהער געפרעהט אין אַנפאַנג פון אונזער בעקאַנטשאַפט, אויסגעפינענדיג, דאָס מיר האָבען ביידע געהאַט די זעלבע נייגונג צו דיזען פּלאַץ! וועלכער איז אין אמת'ן איינער פון די ראָמאַנטישסטע, וואָס איז ווען פון אַ קינסטלער פאַרגעשטעלט געוואָרען.

צו אַלעם ערשט, האָט מען פון צווישען די קאַסטאַנענבוימען דעם וויטען, וויטען איבערבליק — אָה, איך דערמאָן זיך, איך האָב דיר, דענק איך, דערפון שוין פיעל מאָל געשריבען. ווי הויכע בוקאָווע ווענט שליסען זיי איינעם איין, און דורך אַ וועלדיל וואָס איז גלייך דאַביי, ווערט די אַלעע אימער אַלץ דונקעלער, ביז וואַנען זי ענדיגט זיך צולעצט אין אַ איינגעשלאָסענעם בעזונדערען ווינקעל, וועלכען עס נעהמט אַרום דער גאַנצער פּחד פון די איינזאַמקייט. איך פיהל נאָך איצט ווי אַנגענעהם מיר איז געוועזן, ווען איך בין צום ערשטען מאָל, אין רעכטען מיטען טאָג אַהין אַריינגעטראָטען.

דאס הארץ האט מיר דאן אזוי ווי פאָראויסגעזאגט, וואס פארא שוי־פלאַץ פון גליק און פון שמערץ, דאס וועט נאך פאר מיר אמאל ווערען.

איך האב מיך ביי א האלבע שטונדע געקוויקט, מיט די שמאַכ־טענדע זיסע געדאנקען פון שיידען זיך און פון זיך ווידערזעהן, אלס איך האב זיי געהערט די טערראַסע ארויפקומען. איך בין זיי אנטקעגען גע־לאפען. מיט א ציטער האב געכאפט לאָטטע'ס האנד און געקושט. מיר זיינען די טעראַסע נאר וואס ארויפגעקומען, אלס די לבנה איז ארויסגעשוואומען פון הינטער'ן פארוואקסענעם באַרג; מיר האבען גערעדט פערשיעדענעס, און אזוי אונבעמערקט צום דונקעלן קאבינעט געקומען. לאָטטע איז אריין און האט זיך אנידערגעזעצט. אלבערט און איך האבען זיך געזעצט נעבען איהר; מיין אונרוהיגקייט אבער האט מיר לאנג ניט געלאזט זיצען; איך האב זיך אויפגעהויבען און זיך נעבען איהר געשטעלט; דאן בין איך ארומגעגאנגען הין און צוריק, און נאכ־הער זיך ווידער געזעצט; עס איז פאר מיר געווען א פיינפולער צושטאנד. זי האט אונז אויפמערקזאם געמאכט, אויף דעם גרויסאַרטיגען אפעקט פון דער לבנה־שיין וועלכע בעלייכטעט די גאנצע טערראַסע; א הערליכער אַנבליק, וועלכער האט נאך פיעל שטארקער אבגעשלאגען צוליעב די טיעפע דעמערונג וואס האט אונז ארום און ארום איינגעשלאסען. מיר האבען אלע געשוויגען. דאן האט זי אנגעהויבען: „מיר האט נאך קיינמאל ניט געטראפען, ווען איך געה מיר שפּאַצירען פאר'ן שיין פון דער לבנה, עס זאל זיך ניט ערוועקען אין מיר די עראינערונג פון מיינע פערשטאָרבענע בעקאנטע, און דער געפיהל פון טוידט, און די צוקונפט. „מיר זאלען נאך ווידער לעבען!“ האט זי ווייטער גערעדט מיט'ן קלאנג פון די הערליכסטע געפיהלען אין איהר שטימע; „אָבער, ווערטהער, וועלען מיר זיך נאך ווידער טרעפען? ווידער דערקענען? ווי פיהלט איהר? וואס זאגט איהר?“

„לאָטטע,“ האב איך געזאגט, דערלאנגענדיג איהר מיין האנד, און די אויגען זיינען מיר פערלאָפען מיט טרעהרען, „מיר וועלען זיך

ווידערזועהן! דאָ און דאָרט זיך ווידערזועהן!" — איך האב ווייטער ניט געקענט רעדען. — אָה, ווילהעלם, ווארום האט זי מיר דאס גע־מוזט פרעגען, אין דער צייט ווען איך האב דעם פיינפולען אבשייד געהאט אין מיין זינען?

„און, צי וויסען דען אונזערע ליעבע אבגעשיידעטע," האט זי פאָרגעזעצט, „און צו פיהלען זיי ווען אונז איז גוט און מיר דענקען פון זיי מיט ווארעמע ליעבע? אה! די געשטאלט פון מיין מוטער שוועבט אימער ארום מיר, ווען איך זיץ מיר אין שטילע אבענדען, מיט איהרע קינדער, מיט מיינע קינדער צוזאמען, און זיי קלייבען זיך ארום מיר אזוי ווי זיי פלעגען זיך ארום איהר פערקלייבען; ווען איך קוק דאן ארויף צום הימעל מיט אַ בענקענדע טרעהד, און ווינש זיך, דאס זי וואלט כאטש געקענט אריינקוקען, כאטש אויף איין מינוט, און זעהן ווי אזוי איך האלט מיין ווארט וואס איך האב איהר פאר'ן טוידט גע־געבען: צו זיין די מוטער פון איהרע קינדער! מיט וואס פאַרא גע־פיהל רוף איך אויס: „פערצייהע מיר מיין טהייערסטע, דאס איך קען פאר זיי ניט זיין דאס וואס דו ביזט פאר זיי געוועזן, אָה! איך טהו דאך אַלעס וואס איך קען; זיי זיינען דאך געקליידט און גענעהט, אָה! און וואס מעהר נאך, זיי זיינען געפּפלעגט און געליעבט, וואלסטו געקענט זעהן אונזער איינינגקייט, דו ליעבע הייליגע! דו וואלסט מיט'ן הייסעס־טען דאנק פערהערליכען דעם גאָטט, צו וועמען דו האסט מיט דיינע לעצטע ביטערע טרעהרען, פאר דעם גליק פון דיינע קינדער געבעטען—."

זי האט אזוי גערעדט! אָה, ווילהעלם, ווער קען דען איבער'חזר'ן אַלעס וואס זי האט גערעדט! ווי קען דער קאלטער טוידטער בוכשטאב, דיזע הימלישע בליהעכץ פון גייסט פאָרשטעלען! אַלבערט איז איהר זאַנפט אין די רייד אריינגעפאלען: „עס גרייפט אייך אָן צו שטארק, ליעבע לאָטטע! איך וויים, אייער נשמה נייגט זיך זעהר נאך דיזע אידעען, אבער איך בעט אייך —". „אָה, אַלבערט!" האט זי געזאגט, „איך וויים, איך וויים, דו פערגעסט ניט די אבענדען, ווען מיר זיינען צוזאמען ביי'ם קליינעם רונדען טישעל געזעסען, ווען דער פאטער איז

געוועזן אוועקגעפאהרען, און די קינדער האבען מיר געשיקט שלאפען; דו פלעגסט אפט האלטען א גוטען בוך, אבער עס איז זעהר זעלטען פארגעקומען דו זאלסט איהם אויפמאכען. — איז דען ניט געוועזן די געזעלשאפט פון דיזער הערליכער נשמה מעהר ווערטה פון אלעס? די שעהנע, זאנפטע, פרעהליכע און אימער טהעטיגע פרוי! גאט ווייס מיינע טרעהרען מיט וועלכע איך פלעג זיך אין בעט אריינווארפען, זיך ווינשענדיג: הלואי וואלט איך געוועזן אין איהר געראטהען."

„לאטטע!" האב איך אויסגערופען, זיך פאר איהר אנידערגע־ווארפען, און איהר האנד מיט טרעהרען באנעצט, „לאטטע!" איבער אייך רוהט די ברכה פון גאט און דער גייסט פון אייער מוטער!" — „ווען איהר וואלט זי געקענט" האט זי געזאגט, דריקענדיג מיין האנד, „זי איז ווערטה געוועזן, איהר זאלט איהר האבען געקענט!" — איך האב געמיינט אז איך געה אויס. עס האט נאך קיינער ווען גרעסערעס און שטאלצערעס איבער מיר אויסגעשפראכען — און זי האט ווייטער פארגעזעצט: „און דיזע פרוי האט געמוזט אין איהרע בליהענדע יאה־רען פערוויאנען, ווען איהר אינגסטעס קינד איז בלויז זעקס מאנאטען אלט געוועזן! עס האט איהר זעהר וועה געטהאן איבער די קינדער, איבערהויפט איבער דאס אינגסטע; און ווען עס איז געקומען נאה־הענט צו די ענד, און זי האט מיר געהייסען זיי ארויפברענגען; און ווען איך האב זיי אריינגעפיהרט, די קליינע ניט וויסענדיג פון קיין בייז, און די עלטערע צושראקענע, צוטומולטע; ווי זיי זיינען אללע ארום בעט געשטאנען, און ווי זי האט איהרע הענד אויפגעהויבען, זיי גע־בענשט, געבעטען גאט פאר זיי, זיי געקושט איינעם נאך'ן צווייטען, זיי אוועקגעשיקט, און דאן צו מיר געזאגט: „זיי זייער מוטער!" איך האב איהר דארויף מיין האנד געגעבען. „עס איז פון דיר פיעל צו האפען מיין טאכטער," האט זי געזאגט, „דאס דו ווערסט פיהלען מיט א הארץ פון א מוטער, און דאס דו ווערסט קוקען מיט אויגען פון א מוטער. איך האב אפט געזעהן אין דיינע טרעהרען פון דאנק־בארקייט, דאס דו פיהלסט וואס דאס הייסט. נוץ עס אויס פאר

דיינע ברידער און שוועסטער, און זיי טריי און געהאָרזאַם צו דיין פאָטער, אזוי ווי אַ טרייע פרוי דארף עס זיין! דו וועסט איהם טרויסטען." — זי האט אויף'ן פאטער געפרעגט. ער איז געווען ארויס־געגאנגען, אום פון אונז זיין טיעפען קומער צו באהאלטען. דער מאַן איז געווען אין גאנצען צובראכען. — "

„אלבערט, דו ביזט דאָן אין צימער געווען. זי האט אימעצען געהערט ארומגעהן. זי האט געפרעגט ווער דאס איז, און פערלאַנגט דיר צו זעהן. און ווי האט זי דיר אנגעקוקט, און מיר! מיט אַ טרויסט־פולען רוהיגען בליק האט זי געקוקט אויף אונז, ווי זי וואלט געווען איבערצייגט דאַס מיר וועלען גליקליך זיין, צוזאַמען גליקליך זיין." אַלבערט איז איהר אויף'ן האלז ארויפגעפאלען, זי געקושט און אויס־גערופען: „יא מיר, זיינען עס! מיר וועלען עס אויך זיין!" דער רוהי־גער אַלבערט איז געווען אין גאנצען אויסער פאַסונג, און איך האב ניט געוואוסט אהאר וואס מיט מיר טהוט זיך.

„ווערטהער," האט זי ווייטער אנגעהויבען, „ און דיזע פרוי האט מיר געדארפט פארלאזען! גאָטט! ווען איך קלעהר אמאל, ווי אזוי מען לאזט עס אוועקטראגען דאס ליעבסטע וואס מ'האט, און מ'דארף קיין ווארט ניט זאגען. קיינער האט דעם אונגליק ניט געפיהלט אזוי ווי די קינדער. אַ לאנגע צייט נאכדעם האבען זיי נאך געיאמערט און געקלאגט: די שווארצע מענער האבען די ליעבע מוטער אוועק־געטראָגען!"

זי איז אויפגעשטאנען. עס האט מיר אויפגעוועקט און ערשי־טערט, כ'בין אבער געבליבען זיצען האלטענדיג איהר האנד אין מיינע „לאָמיר געהן," האט זי געזאגט, „עס ווערט שפעט." זי האט געוואלט ארויסציהען איהר האנד און איך האב עס פעסטער געהאלטען. „מיר וועלען זיך ווידערזעהן," האב איך אויסגערופען, „מיר וועלען זיך וויע־דער טרעפען, אונטער אללע געשטאלטען וועלען מיר זיך דערקענען."
„איך געה,"האב איך פאַרגעזעצט, „איך געה מיט מיין אייגענעם ווילען, און דאָך, ווען איך דארף עס זאגען, אויף אייביג! פיעלייכט וועל

איך מיין וואָרט ניט קענען האלטען. לעב וואָהל לאָטטע! לעבט וואָהל אַלבערט! מיר וועלען זיך נאך ווידער זעהן. —״ „יא, מארגען, דענק איך,״ האט זי צוגעגעבען לאכענדיג. — מאָרגען! איך האב דעם וואָרט גוט געפיהלט. אָה! זי האט עס ניט געוואוסט, ווען זי האט איהר האַנד פון מיינער ארויסגעצויגען. —

זיי זיינען פון דער אַלעע ארויס. איך בין געשטאנען, זיי נאכ־געקוקט אין דעם שיין פון דער לבנה. כ׳האב זיך צו דער ערד אנידער־געווארפען, זיך אויסגעוויינט, אויפגעשפרונגען און צו־געלאפען צו דער טערראַסע, פון וואו איך האב נאך געקענט ווארפען א בליק דאָרט אונטען, ביי׳ם גארטען־טיהר, אין שאטען פון די לינדען, אויף איהר ווייסע קלייד וועלכע האט אין דער נאַכט געשימערט. איך האב אויס־געשטרעקט מיינע הענד, און ס׳האט פון מיר פערשוואונדען.

צווייטער טהייל

20טער אָקטאָבער.

נעבטען זיינען מיר אַהער אנגעקומען. דער קאָנסול פיהלט זיך ניט מיט אַלעמען און וועט אַלזא אייניגע טעג זיך אויסרוהען. ווען ער וואָלט נאר ניט געווען אַזאַ אונצופֿריעדענע פערדריסליכע פּערזאָן, וואָלט שוין אַלעס גוט געווען. איך זעה, איך זעה דאס דער שיקזאַל האט פאר מיר שווערע נסיונות צוגעגרייט. דאָך, נאר מיט גוטען מוטה! אַ לייכטער זינן קען אַלעס פארטראָגען. אַ לייכטער זינן! עס מאַכט מיר צום לאַכען, ווי אזוי דיזער וואָרט איז מיר אין פּען אריינגעקומען. אָה! ווען מיין זינן וואָלט געווען נאָך אַביסל לייכטער, כ'האָב געקענט ווערען דער גליקליכסטער אויף דער וועלט. אַבער וואָרום, ווען אַנדערע, פאר מיינע אויגען, געהען אַרום אין צופֿריעדענעם זעלבסטגעפֿאַלען מיט זייער ביסל קראַפט און טאַלאַנט, פערצווייפעל איך אין מיין קראַפט און מיינע פעהיגקייטען? גוטער גאָטט, וועלכער האסט מיר דאס אַלעס געשענקט, וואָרום האסט דו כאָטש אַ העלפט ניט צוריקגעהאַלטען און אַנשטאַט דעם מיר געגעבען, זעלבסטפערטרויען און גענוגזאַמקייט!

געדולד! נאָר געדולד! עס וועט בעסער ווערן; איך זאג דיר מיין פריינד, דו ביזט גערעכט. זינט איך ווער אַזוי אַרומגעטריבען צווישען די מאַססען, און זעה וואס זיי טהוען, און! ווי זיי לעבען און וועבען, שטעהט עס פיעל בעסער מיט מיר אַליין. געוויס, ווייל מיר זיינען שוין אַזוי בעשאַפען געוואָרען, דאס מיר מוזען זיך שטענדיג מיט

די אַנדערע, און די אַנדערע מיט אונז פערגלייכען, און אַזוי הענגט אָב אונזער גליק אדער אונגליק, פון די גענענשטענדע און פערזאָנען וועלכע רינגלען אונז ארום, און קיין זאַך איז פאר אונז ניט אזוי געפעהרליך ווי די איינזאַמקייט. אונזער איינבילדונגסקראַפט, וועלכע ווערט פון איהר געצוואונגען זיך אימער אַלץ העכער אויפצוהויבען, געשטיצט פון די פאַנטאַסטישע בילדער פון דער פּאָעזיע, בילדעט זיך אויף גאנצע רייהען פון זאכען, פון וועלכע מיר בעטראַכטען זיך אליין אַלס די סאַמע אונ־טערסטע, אונווירדיגסטע, און אַלעס וואס נאר אויסער אונז, ער־שיינט אונז הערליכער, פאָלקאָמענער. און דאס געהט צו גאנץ נאַ־טירליך. מיר פיהלען אזוי אָפט דאס עס פעהלט אונז עפּעס. און דוקא דאס וואס אונז פעהלט, שיינט אונז אָפט דאס אַן אַנדערער בעזיצט עס, צו ווען מיר רעכנען נאך אויך צו דאס וואס מיר האבען, און אַזוי פאָרמירען מיר אַ געוויסע אידעאַלע צופריעדענהייט, און שטעלען זיך פאָר אַ גליקליכען פאלקאמען פערטיג, אַ זאך וואס עקזיסטירט ניט מעהר ווי אין אונזער פאָרשטעלונגסקראַפט.

דאגעגען אבער, ווען מיר ארבייטען זיך גראדע און פלייסיג מיט אונזער גאנצער שוואכקייט און מיהזעליגקייט, געפינען מיר אויס גאנץ אָפט, דאס מיר ברענגען עס ווייטער מיט אונזער קריכען און שלעפּען זיך, ווי אַנדערע מיט זייערע זעגלען און רודערס — און ס'איז דאך אַן אמת גוטער געפיהל, ווען מ'קען מיט אַנדערע גלייך און אפשר אויך נאך פאראויס לויפען.

26טער נאוועמבער.

איך הויב זיך אן צו פיהלען דא גאר נישקשה'דיג. דאס בעס־טע איז, וואס עס איז דא אסך צו טהאן; און דאן די מענשען פון אַלע סאָרטען. די אַלערליי געשטאלטען שטעלען פאָר אַ פיעלקאליר־טען שוישפּיעל פאר מיין נשמה. איך האב זיך בעקאנט געמאכט מיט דעם גראַף ק. א מאן וועלכען איך מוז מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר

שעצען און עהרען. א ברײטער געזונדער מוח. און באַטש ער זעהט אזױ װײט ארום זיך, איז זײן נאטור דאך ניט קײן קאַלטע; פון זײן צר־לאזען זיך צו מענשען, לאזט זיך זעהן פיעל געפיהל פאר פרײנד־שאפט און ליעבע. ער האט זיך אין מיר פעראינטערעסירט, אלס איך בין צו איהם געקומען װעגען געשעפט, און ער האט בײ די ער־שטע װערטער פון אונזער געשפּרעך בעמערקט דאס ער קען מיט מיר רעדען ניט װי מיט אַלע אַנדערע. איך קען אױך ניט גענוג ריהמען זײן אָפענעם אוננעשטערטען פערהאלטען צו מיר. נאך אזא אמת'ע װאַ־רעמע פרײד איז אין דער װעלט ניטאָ, װי צו צר־זעהן װען א גרױסע נשמה עפענט זיך געגען אונז פרײנדליך אויף.

24טער דעצעמבער.

דער קאנסול פערשאפט מיר פיעל פערדרוס. איך האב עס פאראױסגעזעהן. ער איז דער פּינקטליכסטער נאַרר װאס קען נאר געבען; א מענש װאס איז מיט זיך אלײן קײנמאל ניט צופרידען, און װעמען דעריבער קײנער קען ניט צופרידען שטעלען. איך האב ליעב צו טהאָן מײן ארבײט לײכט, פרײ, ניט אנגעשטרענגט, און װי ס'קומט ארױס אזױ װיל איך ס'זאל בלײבען. ער קומט אבער אָפט און ברענגט מיר צוריק װעלכען אױפזאַץ, און זאגט: „עס איז אפילו גוט אָנגעשרי־בען, אמת, דאך זעהט איהם דורך נאך אַמאל. עס לאזט זיך דאך אי־מער אַ בעסערער װאָרט, אַ רײנערער פּאַרטיקעל געפינען.“ דאס רעגט מיר שרעקליך אויף. קײן „און“ קײן אײנציגער בינדע־װאָרט דאַרף אױסבלײבען, און ער איז אַ טױדט־פײנד פון אַלע אינװערזיאָנען (אומ־געקעהרטע זעצע), װעלכע גליצען זיך בײ מיר אמאל ארױס. װען מען שפּיעלט איהם ניט אָב טהײל נאך טהײל נאך דער אַלטער בעקאנטער מעלאָדיע, הױבט ער גארניט אן צו פערשטעהן װאס עס טהוט זיך. דאס איז צרות, מיט אזא מענשען צו האבען צו טהאָן!

דער צוטרויען פון גראף ק. איז דאס איינציגע וואס איך האב ניט צו בעדויערן. ער האט מיר ניט לאנג צוריק גאנץ אויפריכטיג ער־קלעהרט, ווי אונצופרידען ער איז מיט די לאנגזאמקייט און בעדענק־ליכקייט פון מיין קאנסול. „די סארטען לייטע מאכען זיך ווי אויך אנדערע שווער;" „דאך" האט ער געזאגט, „דארף מען אין אזעלכע פעללע, לאזען אונזערע איבערגעהן, אזוי ווי א וואנדערער ווען ער מוז א בארג אריבערקריכען. געוויס, ווען דער בארג וואלט ניט געווען, וואלט די וועג געוועזן פיעל בעקוועמער און קירצער, ער איז אבער יא דא, און מ'מוז אריבער!" —

מיין אלטער (קאנסול) פיהלט אויך דעם פארצוג וואס דער גראף גיט מיר איבער איהם, און דאס ערגערט איהם, און ער נוצט אויס יעדע געלעגענהייט, אין מיין געגענווארט איבער'ן גראף שלעכטעס צו רעדען. איך, נאטירליך פערטהיידיג דעם גראף, און דורך דעם ווערט די זאך נאך ערגער. נעכטען איז געקומען אזוי וויט דאס איך בין גע־ווארען אויפגעבראכט, דען, רעדענדיג איבער'ן גראף האט ער אויך מיר מיטגעמיינט. „אזוי צו וועלטגעשעפטען איז דער גראף גוט גענוג" האט ער געזאגט, „איהם קומט אן די ארבייט זעהר לייכט און האט א גוטע פעדער, אבער אין גרינדליכע געלעהרזאמקייט פעהלט עס איהם, אזוי ווי אללע בעלעטריסטען," דערצו האט ער געמאכט אזא מינע, ווי איינער זאגט: „פיהלסט דו דעם שטאך?" ער האט אויף מיר אבער ניט געמאכט די ווירקונג; איך האב פעראכטעט דעם מענשען וועל־כער קען אזוי דענקען און זיך אזוי פערהאלטען. איך האב זיך ניט אונטערגעגעבען און געפאכטען גאר ניש'קשה'דיג. איך האב איהם גע־זאגט: „דער גראף איז א מאן פאר וועלכען מ'מוז האבען רעספעקט, צוליעב זיין כאראקטער ווי אויך צוליעב זיינע קענטניסע." „איך האב" זאג איך, „נאך קיינעם ניט געקענט, וועמען עס האט אזוי געגליקט דעם גייסט אויצושפרייטען און איבער אזוי פיעל געגענשטענדע קלאהר צו זיין, און דאך ביי דער זעלבער צייט, אנצוהאלטען די טהעטיגקייט אין אלטעגליכען לעבען." עס האט איהם .געקלונגען ווי טאטעריש,

און איך האָב זיך אויפגעהויבען און אװעק, אום זיך מעהר די גאַל ניט אָבצועסען.

און אין דעם אַלעם זײט איהר שולדיג, איהר. װעלכע האָבען מיר אין זאַק ארײנגעגאָרט, און מיר אזוי פיעל פון אַקטיװיטעט פאָר־געזונגען. אַקטיװיטעט! אזוי װי דער װאס זעיעט זײנע קארטאפעל, און פאהרט אין שטאדט זײן קאָרן צו פערקויפען, טהוט ניט אויף מעהר װי איך. אזוי װעל איך זיך נאָך צעהן יאהר אָפּארבײטען בײ מײן צװאַנגסארבײט צו װעלכער איך בין איצט צוגעשמידט.

און דאס גלענצענדע עלענד און די לאנגװײלע אונטער'ן מיאוס'ן פאָלק, מיט װעלכען מ'קומט זיך צוזאמען; דאס יאגען זיך נאָך ראנג און כבוד צװישען זײ. װי זײ זײנען עס אזוי אָבגעלעגט און היטען עס אָב, אײנער בײם צװײטען כאָטש עפּעס קענען געװינען, ארײנ־כאַפּען; די עלענדסטע ערבערמליכסטע לײדענשאפטען אהן אַ ברעקעל קלײד אויף זיך. דאָ איז פאַרהאַן אַ פרוי, צום בײשפּיעל, װעלכע הערט קײנמאל ניט אויף איהרע געסט אונטערצוהאלטען, מיט איהר משפחה און לענדערײען. און יעדער פרעמדער קען מײנען, דאס ער האט דאָ צו טהאַן מיט אַ גרויסע נאַרר װעלכע בילדעט זיך אײן װאונדערזאכען פון קלײנעם אַדעלשטאנד אדער דאס לאנד װאס זי פערמאגט. עס איז אבער נאָך פיעל ערגער; די דאזיגע פרוי איז אלײן ניט מעהר װי אַ טאָכטער פון אַ מאַגיסטראַט־שרײבער, פון דיזען געגענד. — זעה, איך קען דעם מענשענגעשלעכט ניט בעגרײפען, װעלכער האט אזוי װעניג פערשטאנד צו לאזען זיך פשוט אזוי פראסטיטואירען.

און יעדען טאג מערק איך אַלץ מעהר, מײן פרײנד, װי נאַריש עס איז, אַנדערע, נאָך אונז צו אורטהײלען. און װײל איך האָב אזוי פיעל צו טהאָן מיט מיר אלײן, און מײן הארץ איז אזוי שטורמיש — אָה! איך לאז די אַנדערע גערן זײער אײגענעם װעג געהן, װען זײ װאלטען נאָר אויך מיר לאזען געהן מײן אײגענעם װעג.

װאס עס רײצט מיר אַם מײסטען, זײנען עס די שלעכטע ביר־גערליכע פערהעלטניסע. איך װײס אפילו אזוי גוט װי יעדער אײנער,

ווי נויטיג עס איז דער אונטערשייד צווישען די שטענדע, און וויפיעל פּאַרטייל איך אליין האב געוואונען דורך דעם ; נאָר עס דאַרף מיר ניט אין וועג שטעהן ווען איך קען גליק און פרייד אויף דער וועלט געניסען.

די לעצטע צייט האב איך זיך בעקאנט געמאכט, אויף א שפּאַ־צירגאנג מיט א פריילין פאן ב. א ליעבענסווירדיגע פּערזאָן, וועלכע האט אין דער סביבה פון אָנגעצוואונגענעם שטייפען לעבען, נאך אסך נאַטור אין זיך באהאלטען. אין אונזער געשפּרעך זיינען מיר איינס דעם אנדערען געפעלען געווארען, און ביי'ם אבשייד נעהמען, האב איך ביי איהר געבעטען ערלויבניס זי אין איהר הויז צו בעזוכען. זי האט מיר די ערלויבניס געגעבען מיט אזוי פיעל פריימיטהיגקייט, דאס איך קען קוים ערווארטען דעם גליקליכען מאָמענט צו איהר צו געהן. זי איז ניט קיין היגע. זי וואָהנט ביי איהרע א טאנטע. די פּהיזאָגנאָמיע פון דער אַלטער איז מיר ניט געפעלען געוואָרען. איך האב איהר געציינט פּיעל אויפמערקזאמקייט. מיין געשפּרעך איז געווען מייסטענס געגען איהר געווענדעט, און אין ווייניגער ווי א האלבע שטונדע צייט האב איך אַלעס געוואוסט, וואס די פריילין האט מיר נאכהער אליין צוגעגעבען, נעמליך: דאס די ליעבע טאנטע, אין איהר אלטען מאנגעל אין אלעס ; קיין אנשטענדיגען פערמעגען, קיין גייסט און קיין שטיצע האט, אויסער דעם יחוס פון איהר משפּחה, קיין שוץ אויסער דעם שטאנד מיט וועלכען זי האט זיך ארומגענומען, און קיין אַנדער פערגניגען, ווי, פון איהרע הויכע פענסטער איבער די בירגערליכע קעפּ אריבערצוקוקען. עס הייסט, אַז זי איז געווען א שעהנע אין איהר יוגענד און האט איהר לעבען אוועק־געפלאַטערט. אין איהר יוגענד, ניט איין יונגען מאן מיט איהר אייגענזין געפּלאגט, און אין די שפּעטערע יאהרען שוין זיך אונטערגעגעבען אונטער די געהאָרזאמקייט פון אן אַלטען אפיציר, מיט וועלכען זי האט זיך איהר וועלט געפיהרט ביז ער איז אוועקגעשטארבען. נון זיצט זי איצט אין איהר אייגענעם ענגען קרייז איינגעשלאָסען, און קיינער וואלט זי גאָרניט בע־מערקט, ווען איהר ניכטע וואלט ניט געווען אזוי ליעבענסווירדיג.

8טער יאַנואַר, 1772.

וואס זיינען דאס פאר מענשען, וועמעס גאנצע נשמה ליגט נאר אַבגעליינט אויף די צערעמאָניע, וועמעס דיכטען און טראַכטען פאר לאַנגע יאָהרען, ציעלט נאר אהין, ווי אזוי צו קענען זיך, אום איין פּלאַץ באַטיש, נעהנטער צום אויבען־אָן רוקען! און ניט ווייל זיי האבען ניט וואס אַנדערש צו טהאן; ניין, די ארבייט קלייבט זיך אן אַלץ מעהר, וויכטיגע זאַכען ווערען פערנאַכלעסיגט, אום זיך צו קענען נאך דיזע קליינינקייטען נאַכיאָגען. לעצטע וואָך איז עס ביי'ם שליטלען זיך גע־קומען צו אַרגומענטען, און דאס גאַנצע פערגניגען איז געוואָרען אויס.

די נאַרען, זיי זעהען ניט אַז עס ווענדט זיך כמעט גאָרניט אן פּלאַץ, און דאס דער יעניגער וועלכער פערנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ, שפּיעלט זעהר זעלטען די ערשטע ראָלע. ווי אָפט ווערט א קעניג פון זיין מיניסטער געפיהרט? ווי אָפט ווערט אַ מיניסטער פון זיין סעקר־רעטער רעגירט? און ווער איז דען דער ערשטער? יענער, דענק איך, וועלכער קען דורכזעהן די אַנדערע, און האט אזוי פיעל מאַכט אָדער ליסט, איינצושפּאַנען זיינע קרעפטען און ליידענשאַפטען זיינע פּלענער אויסצופיהרען.

20טער יאַנואַר.

איך מוז אייך שרייבען ליעבע לאָטטע, דאָ אין'ם צימער פון אַ אָרעמער בויערן־קרעטשמע, וואו איך האב געזוכט שוץ פון שלעכטען וועטער. אזוי לאַנג איך געפין זיך אין דעם טרויערדיגען נעסט ד. צווי־שען פרעמדע, מיין הארצען גאַנץ פרעמדע מענשען, האב איך נאך קיין אויגענבליק געהאט אין וועלכען איך האב זיך געפיהלט ווי צו אייך צו שרייבען, און דאָ אין דיזער הייזעל, אין דיזע איינזאַמקייט, ווען שנעע און האָגעל קלאַפּען אויף מיין פענסטערל, דאָ זייט איהר מיין ערשטער

געדאנק געוועזן. ווי איך בין אהער אריינגעטראטען האט זיך אייער געַ־שטאלט פאר מיינע אויגען געשטעלט, און אייער אַנדענקען האט מיר איבערוועלטיגט. אָה, לאָטטע! אזוי הייליג! אַזוי ווארעם! גוטער גאָטט! דער ערשטער גליקליכער אויגענבליק נאָך אמאָל!

ווען איהר קוקט מיר נאר אָן, מיין בעסטע, אין דעם טומעל פון צערשטרויאונגען! ווי אויסגעטריקענט עס ווערען מיינע חושים; קיין מינוט פון די פולקייט פון הארצען, ניט איין געבענשטע שטונדע! גאר ניט! גאר ניט! איך שטעה ווי פאר א קאַסטען מיט פּופּען אָנגעפילט, איך זעה די מענשלעך און די פערדלעך ארומקריכען, און פרעג אָפט זיך אליין, אויב עס איז ניט אין גאנצען א פערבלענדעניס, און אָפּטי־שער בעטרוג. איך שפּיעל מיט צוזאמען, אָדער בעסער געזאגט, איך ווער מיטגעשפּיעלט, ווי א מאַריאָנעטטע, און נעהם אמאל אן מיין שכן ביי זיין האלצערנער האַנד, און ציה זיך צוריק אָן אויפגעטרויסעלטער. אין אבענד נעהם איך זיך פאַר, אויף מארגען דעם זונען־אויפגאַנג צו געניסען, און ווען די צייט קומט, געה איך גאר פון בעט ניט ארויס; בייטאג האָף איך, אין אבענד זיך מיט דער לבנה־שיין צו קוויקען, און בלייב זיצען אין הויז. איך ווייס אייגענטליך ניט, צו וואס איך שטעה אויף, און ווארום איך געה שלאָפען.

די הויווען וואס האט מיין לעבען אין בעוועגונג געבראכט, פעהלט; דער רייץ, וועלכער האט מיר אין די טיעפע נעכט פרעהליך ערהאלטען, איז פערשוואונדען; דער צויבער, וועלכער פלעגט מיר פריהמאָרגענס פון שלאָף וועקען, איז ניט מעהר דאָ.

א איינציגע פרויען־געשעפּף האב איך דא געפונען, א פריילין פאָן ב. איהר קען מען צו אייך צו־גלייכען, אויב מ'קען נאר ועמען גלייכען צו אייך. „אי!" וועט איהר זאגען, „דער מאן לערנט זיך אויס שעהנע קאָמפּלימענטען צו מאכען!" אין גאנצען ניט אמת איז עס ניט.

זינט די לעצטע צייט בין איך זעהר העפליך, ווייל איך קען דאך ניט זיין אַנדערש. איך בין וויציג, און די פרויענצימער זאגען: „קיינער קען ניט אזוי שעהן לויבען (און צו זאגען ליגען, וועט איהר צו־געבען,

װײל אָהן דעם קען עס דאך ניט געהן, פערשטעהט איהר מיך?) װי איך. איך װיל אבער רעדען פון פרײלין ב. — זי האט אַסך נשמה, װעלכע קוקט גרױס און ברײט דורך איהרע בלױע אױגען ארױס. איהר שטאַנד איז איהר צו לאַסט, זי קען דורך איהם קײן אײנעם פון איהרע הערצענסװינשע בעפרידיגען. זי זוכט זיך צו בעפרײען פון טומעל, און מיר פערברײנגען װעלכע שטונדע צוזאַמען, פאַנטאַזירענדיג איבער די רײנע גליקזעליגקײט פון נאַטור־לעבען, װי אױך פון אײך, לאָטטע! אָה! װי אָפט מוז זי אײך שעצען און בעװאונדערן; נײן, זי טהוט עס ניט אַלס מוז, זי טהוט עס מיט'ן פרײען װילען. זי הערט זיך צו אזױ גערן װען איך רײד פון אײך. זי האט אײך ליעב. —

אָה! װי װאלט איך איצט נעבען אײך אין אנגענעהמען צימערל געזעסען, און די ליעבע קלײנע פערזאמעלט ארום מיר שפּיעלענדיג זיך צוזאמען, און װען דער טומעל װאלט געװארען צו פיעל פאר אײך, װאלט איך זײ שױן אײנגעשטילט מיט אַ װעלכע שרעקליכע מעשה.

די זון געהט אונטער פּראַכטפול איבער דעם שנעעבעדעקטען געגענד. דער שטורם איז אַריבער, און איך מוז װיעדער געהן זיך אין מײן שטײג פערשפּאַרען — אַדיע! איז אַלבערט מיט אײך? און װי? — גאָטט, פאַרגיעב מיר דיזע פראגע.

28טער יאנואר.

פאר די לעצטע אַכט טעג האבען מיר דא זעהר שלעכטען װעטער, מיר טהוט עס אבער זעהר גוט, דען זינט איך בין דא, האב איך נאך קײן אײנציגען שעהנעם טאג געהאט, װעלכען אימיצער האט עס מיר ניט פערדאָרבען. װען ס'רעגענט, עס קאַפּעט, אדער עס איז פראָסטיג, אדער די לופט איז פול מיט דומפּקײט, דענק איך פאר זיך אלײן: ס'קען דאך אין הױז ניט ערגער זײן װי אין דרױסען, אָדער פארקעהרט: אין דרױסען איז פּונקט אזױ שלעכט װי אין הױז, און איך מוז שױן בלײבען

צופרידען. געהט די זון אויף אין דער פריה און פארשפרעכט א שעה־נעם טאָג, קען איך זיך ניט איינהאלטען אויסצורופען: „דאָ האבען זיי דאך ווידער א שטיק ברכה פון הימעל וועלכע זיי קענען איינס דעם צווייטען פערדארבען!“ און וואס פערדארבען זיי ניט איינע די אנ־דערע? און מייסטענס אויס נארישקייט, קליינקייט און ניט בעגרייפען, און אפילו ווען מיר הערען זיי צו מיט די בעסטע אבזיכט. מאנכע מאל וואלט איך פאר זיי אויף די קניע געבעטען, ניט אזוי ווילד זיך ארומ־צוטומלען.

17טער פעברואַר.

איך האב מורא אז צווישען דעם קאָנסיל און מיר וועט עס לאנג ניט אנהאלטען. דער מאן איז ביז צום העכסטען גראד אונערטרעגליך. די אַרט ווי אזוי ער ארבייט און פיהרט געשעפטען איז אזוי לעכערליך, דאס איך קען זיך פיעל מאל ניט איינהאלטען איהם צו ווידערשפרע־כען, און צו טהאָן זאכען נאך מיין פערשטאנד, וועלכע געפעלען איהם נאַטירליך קיינמאל ניט. ער האט מיר צוליעב דעם פערקלאגט פאר'ן הויף, און דער מיניסטער האט מיר געגעבען א מילדען אָנצוהערע־ניס, אבער אן אָנצוהערעניס איז עס דאָך, און איך בין געווען אין בעגריף מיין אבשייד צו פערלאנגען, אלס איך האב פון מיניסטער א פריוואטען בריעף ערהאלטען, א בריעף, פאר וועלכען איך האב זיך אויף די קניע געשטעלט, און דעם הויכען, עדעלען, קלוגען זינן אנגעבעטען. ער שרייבט מיר, ווי פיעל ער אנערקענט מיין צו־גרויסע עמפפינדליכ־קייט, ווי אזוי ער שעצט מיינע איבערגעשפאַנטע אידעען פון ווירק־זאמקייט, פון איינפלוס אויף אנדערע, פון דורכדרינגען אין געשעפטס־זאכען, אלס יוגענדליכען גוטען מוטה, און ער מיינט עס ניט אויסצו־ראָטען, נאר צו רעגולירען, צו מילדערען און אהין צו פיהרען, וואו זיי קענען זייער אמת'ן שפיעל ערצייגען, זייער קרעפטיגע ווירקונג

אױפּטהאָן! איך בין אױף אַ װאָך צײט אַבגעפּרישט, און געװאָרען אײניג אין מיר אַלײן. די זעלענרוהיגקײט איז אַ טהײערע זאַך, און דאָס איז די פרײדע אין זיך אַלײן. װען דיזער שאָץ װאָלט נאָר ניט געװען אַזױ צערברעכליך, מײן ליעבער פרײנד. אָה, װי שעהן איז ער און קאָסטבאַר!

20טער פעברואַר.

גאָטט זאָל אײך בענשען מײנע ליעבסטע! זאָל ער אײך שענ־קען די אַלע גוטע טעג װעלכע ער נעהמט פון מיר צו.

איך דאַנק אײך אַלבערט פאַר װאָס איהר האָט מיר גענאַרט. איך האָב געװאַרט אױף נאַכריכט, צו װיסען, װען דער טאָג פון אײער חתונה װעט זײן, און איך האָב זיך פאָרגענומען, אין דעם זעלבען טאָג, מיט בעגײסטערונג און צערעמאָניע, לאָטטע'ס בילד פון װאַנד אַראָב־צונעהמען און עס צװישען אַנדערע פּאַפּירען בעגראָבען. איצט זײט איהר שױן אַ פּאָאַר און איהר בילד הענגט נאָך דאָ! נו זאָל שױן אַזױ בלײ־בען! און װאָרום ניט? איך װײס, דאָס איך בין אױך בײ אײך, איך בין, דיר גאָר ניט שאַדענדיג, אין לאָטטע'ס האַרץ. איך האָב, יאָ, איך האָב דאָרטען דעם צװײטען פּלאַץ פערנומען, און איך װיל און מוז עס אױך אָנהאַלטען. אָה, איך װאָלט געװאָרען װילד, משוגע, װען זי װאָלט אָן מיר געקענט פערגעסען. אַלבערט, אין דעם געדאַנק ליעגט אַ גאַנ־צער גיהנום. אַלבערט, לעבט װאָהל! לעב װאָהל דו מלאך פון הי־מעל! לעב װאָהל לאָטטע!

יוסף חוברה 3 בלריסטאָק

די אָדערן. — „וויפיעל האט עס מיר שוין געקאָסט !“ האט דאס זיסע געשעפּף געזאגט, און אין די אויגען האבען זיך איהר טרעהרען בעוויזען. — איך האב זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען, איך האב זיך געוואלט ווארפען צו איהרע פיס. „זאגט מיר וואס מיינט איהר !“ האב איך אויסגערופען. די טרעהרען האבען איהר גערונען אויף די באקען. איך בין אין גאנצען אויסער זיך געווען. זי האט די טרעהרען אבגעווישט, ניט וועלענדיג זיי צו באהאלטען. „מיין טאַנטע, איהר קענט דאך זי“ האט זי אנגעהויבען, „זי איז דערביי געווען ! און מיט וואס פאר אויגען זי האט עס אנגעקוקט ! ווערטהער, נעכטען בייניאַכט ווי אויך היינט אין דערפריה, האב איך געהאט צו־צוהערען א דרשה פון איהר, פאר מיין חבר'ן זיך מיט אייך. איך האב געמוזט צוהערען ווי מען ערני־דעריגט אייך, מ'מאכט אייך קליין, און האב אייך גאר ניט געקענט פערטהיידיגען.“

יעדער וואָרט וואס זי האט ארויסגערעדט איז מיר דורכגעגאנגען ווי א שפּיעז דורך'ן הארץ. זי האט ניט געפיהלט, וואס פאר א בארמהעציג־קייט עס וואלט געווען, דאס אַלעס צו פערשווייגען. דאן, האט זי נאך צוגעגעבען, ווי פיעל מ'וועט נאך ווייטער פון דעם פּלוידערן ; ווי א גע־וויסע סאָרט מענשען וועלען איבער דעם טרומפּירען ; און ווי מען וועט זיך קיצלען און פרעהען אין די גאסען מיט מיין געשלאָגענעם איבערמוטה. דאס אַלעס, ווילהעלם, צו הערען איהר רעדען מיט א שטימע פון אמת'ע טהיילנאַהמע — איך בין געווען צומישט, צורודערט, און בין אויך נאך איצט זעהר אונרוהיג איבער דעם . איך האב זיך נאר געוואונשען, אימיצער זאָל זיך אונטערשטעלען, דאס מיר אין די אויגען צו זאגען, אום איך זאָל איהם קענען דורכשטעכען, עס וואלט מיר פּיעלייכט א ביסל לייכטער געווארען אויף'ן הארצען, ווען איך וואלט בלוט דערזעהן. אָה ! אפשר הונדערט מאל האב איך געכאַפּט א מעסער, מיין פאר־דריקטע הארץ פריי צו מאכען. מען דערצעהלט פון אן איידעלען סאָרט פערד, וועלכע, ווען זיי זיינען שרעקליך צוהיצט און פאנאַנדערגעיאגט, בייסען זיך אויף אינסטינקטיוו אן אָדער, אום צו קענען לייכטער

כאפען דעם אַטהעם. אזוי איז עס אָפּט מיט מיר. איך וואלט זיך אַליין אַן אָדער געעפענט, צו קענען געווינען די אייביגע פרייהייט.

24טער מערץ.

איך האב פערלאנגט פון הויף מיין ענטלאַסונג, און איך האָף דאס איך וועל עס ערהאלטען, און איהר וועט מיר פערצייהען פארוואס איך האב עס פריהער פון אייך ניט געבעטען. איך מוז איצט אַוועק פון דאנען. איך וויים אַלעס וואס איהר האט צו זאגען אום מיר איינ־ריידען צו פערבלייבען, און אַלזאָ — מאך מיין מוטער ניט שווער דאס הארץ ביי'ם איבערגעבען איהר די נייעס; איך קען מיך אליין ניט העלפען, און זי דארף עס ניט נעהמען צו שלעכט ווען איך קען איהר ניט העלפען. געווים מוז עס איהר וועה טהאן. די שעהנע קאריערע וואס איהר זוהן וואלט געמאכט, פריהער געהיימראַטה און נאכהער געזאַנדטער, און וועלכע ער מוז מיט אַמאל אָבהאקען און צוריק צום פּאָלק, מיט אַלעמען גלייך! מאכט פון דעם וואס איהר ווילט, און פּשט'עלט אוים, ווי עס זאל זיין מעגליך איך זאל ווייטער קענען פער־בלייבען אויף מיין שטעלע, ווי איהר קענט; גענוג, איך געה. און אום איהר זאלט וויסען וואו איך בין אהינגעקומען, גיעב איך אייך דעם נאָ־מען פון פירשט . . . וועלכער געפינט אינטערעס אין מיין געזעלשאפט. ער האלט זיך דא איצט אויף. ער האט געהערט דאס איך וויל מיך ענטזאַגען, און ער האט מיר געבעטען צו פערברייינגען מיט איהם דעם פריהלינג אויף זיינע גיטער. ער האט מיר פערשפּראָכען, דאס איך וועל דארט זיין פאָלשטענדיג פריי. קיינע פפליכטען אויף מיר האבען. און אזוי ווי מיר פערשטעהען זיך ביז א געוויסען פּונקט, וועל איך פּרובירען מזל און געהן מיט איהם.

געזאגט, איך בעט אייך טויזענדמאל אום פערצייהונג ; איך האב עס פריהער געדארפט דענקען, און איך ווייס איהר וועט עס מיר פערגע־בען. איך האב שוין פריהער געוואלט אוועקגעהן נאר א בייזער גייסט האט מיר צוריקגעהאלטען.״ איך האב זיך פארנייגט מיט א שמייכעל. דער גראף האט געדריקט מיין האנד מיט עמפפינדונג וואס האט מיר אלעס קלאהר געזאגט. איך האב זיך זאכטע פון די פארנעהמע גע־זעלשאפט ארויסגעמאכט. כ'בין אוועק, גענומען א קוטש, און נאך מ. געפאהרען, אום דארט, פון בארג די אונטערגעהענדע זון צו בעטראכ־טען, און דאביי צו לעזען אין מיין האמער דעם הערליכען געזאנג, וואו אוליס ווערט אונטערהאלטען פון די גאסטפריינדליכע חזרים־פאסטר־כער. עס איז ווירקליך אלעס גוט געוועזן.

איך בין צוריק געקומען צום נאכט־עסען. עטליכע לייטע זיינען נאך ביי'ם טיש געזעסען. זיי האבען פערקאשערט די טיש־טוך און געשפיעלט ווירפעל. דא איז אריינגעקומען דער בראווער עהרליכער א. ער האט זיין הוט אנידערגעלעגט, און אז ער האט מיר דערזעהן איז ער צו מיר צוגעקומען און מיר אין אויער געזאגט : „דו האסט געהאט אונאנגענעהמליכקייט ?״ — „איך ?״ האב איך געזאגט. — „דער גראף האט דיר ארויסגעטריבען פון די געזעלשאפט !״ — „כאפט זיי דער טייוועל !״ האב איך אויסגערופען ; „איך בין געוועזן צופרידען וואס איך בין ארויס אין די פרייע לופט.״ — „מיר טהוט'ס הנאה וואס דו נעהמסט עס אזוי לייכט״ האט ער געזאגט, „אבער מיר פערדריסט עס נאר, וואס עס איז שוין צוטראגען געווארען איבעראל און אללע רעדען שוין דערפון.״ דא האט עס מיר ערשט אנגעהויבען צו ערגערען. איך האב געדיינקט דאס יעדער איינער וואס קוקט מיר אן, ווייסט און דיינקט פון דער גאנצער געשיכטע. דאס קען שוין איינעם אויפרעגען.

און אז איך הער נאך, וואו איך קום נאר, ווי מען בעדויערט מיר, און אז איך זעה ווי מיינע פיינד און ניט־פארגינער טרומפירען איצט ; זיי לאכען אין די הויפענס און זאגען : „איהר זעהט דעם סוף פון די איבערטיטהיגע, וועלכע נעהמען זיך איבער מיט זייער ביסל שכל,

און געטרויען זיך צו וואגען איבער אַללע פערהעלטניסע ארויס!" און מאַלע וואס הינד קענען נאָך בילען! — איך וואלט זיך דאכט זיך אַ מעסער אין הארצען ארייננעזעצט.

מ'קען זיך רעדען פון זעלבסטשטענדיגקייט וואס מען וויל. איך וואלט וועלען זעהן יענעם וואס קען דולדען, ווען שורקען מאכען פון איהם שפּאס, ווען זיי קריגען נאר די געלעגענהייט; מ'קען עס נאר דאן לייכט פארטראגען, ווען פון דאס וואס זיי לאכען איז אונבעגרינדעט, אבער ניט ווען ס'איז דא גרונד דערצו.

16טער מערץ.

אַלעס פערפאלגט מיר. היינט האב איך געטראפען פריילין ב. אין דער אַלעע. איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטען און בין צו איהר צוגעגאנגען, און ווי שנעל מיר האבען זיך דערווייטערט פון קאָמפּאניע, האב איך איהר אדויסגעצייגט מיין פיהלען איבער איהר נייסטע בענעהמען געגען מיר. „אָה, ווערטהער!" האט זי געזאגט מיט אַ ציטערנדען טאָן, „קענט איהר אזוי אויסטייטשען מיין פערווירונג? איהר וועלכער קען אזוי מיין האַרץ? וואס האב איך אַלץ ניט געליטען צוליעב אייך, פון דער מינוט וואס איך בין אריינגעקומען אין זאאל! איך האב אַלעס פאָראויס געזעהן; עס איז מיר הונדערט מאל אויף'ן צונג געלעגען אייך צו זאגען; איך האב געוואוסט דאס די פאָן ס. און ט. מיט זייערע מענער וואלטען גיכער אין גאנצען אַנטלאפען, עהדער צו בלייבען מיט אייך אין איין געזעלשאפט; איך האב געוואוסט דאס דער גראַף האט צוליעב אייך ניט געקענט אַלעס פערדאַרבען, — און איצט דער גאנצער ליאַרם, די גערייַדעכץ!

„ווי פריילין!" האב איך אויסגערופען פערבאָרגענדיג מיין אויפרעגונג; דען אַלץ וואס אדעלין האט מיר נאָך עהערנעכטען געזאגט, איז מיר אין דעם אויגענבליק דורכגעלאפען ווי קאָכיגעס וואַסער דורך

15טער מערץ.

איך האב א פערדרוס געהאט, וועלכער וועט מיר פון דאנען פערטרייבען. איך האב מיט די צייהן פארביסען! טייוועל! עס איז אבער ניט מעהר גוט צו מאכען, און איהר זייט דאך אין דעם אליין שולדיג. איהר האט מיר איינגערעדט, געטריבען און געמאטערט, אנצונעהמען אזא שטעללע וועלכע איז ניט געווען נאך מיין זינן. איצט האב איך עס! איצט האט איהר עס! און אום דו זאלסט ווידער ניט זאגען, אז מיינע איבערשפאנטע אידעען האבען אלעס איבערגעפיהרט, גיב איך דיר דא, מיין ליעבער הערר, א געשיכטע, איינפאך, אהן קונצען, ווי א קראניק־שרייבער וואלט עס אויפגעשריבען.

דער גראף פאן ק. האט מיר ליעב, ער אנערקענט מיר. דאס איז בעקאנט, און דיר האב איך דאס שוין הונדערט מאל געשריבען. געגעסען בין איך ביי איהם געווען צו מיטאג. עס איז גראדע געווען דער טאג, אין וועלכען עס קומען דארט אין אבענד צוזאמען די גאנצע פני ארום, די נאבעלע געזעלשאפט פון דאמען און הערען, אן וועלכע איך האב גאר ניט געדענעט, און עס איז מיר גאר ניט איינגעפאלען, דאס מיר אונטערגעארדענטע קענען אהין ניט בעלאנגען. גוט, איך האב מיט׳ן גראף געגעסען, און נאך׳ן עסען זיינען מיר אין גרויסען זאאל אריין. מיר האבען הין און צוריק אומשפאצירט, גערעדט פערשיעדענעס מיט איהם און מיט׳ן אבערסט ב. וועלכער איז צו אונז צוגעקומען און אזוי איז די צייט אריבער, ביז די געזעלשאפט האט בעדארפט אנקומען. איך טראכט אזוי, גאט וויים, פון גארניט. דא קומען אריין די איבערגנעדיגע דאמע ס. מיט איהר הערר געמאהל און גוט־אויסגעזעסענע גאנז־טעכטערל מיט דער פלאכער ברוסט און קורצער טאליע. פארבייגעהענדיג מיט זייערע מיטגעבראכטע הויך אדעליגע אויגען און נעזליכער. און אזוי ווי דיזע ראסע איז מיר מאוס פון גאנצען הארצען, האב איך בעשלאסען אוועק צו געהן, און האב נאר געווארט ביז דער

גראף וועט בעפרייט ווערען אויף א מינוט פון דעם געפלאפּעל, אום צו קענען נעהמען פון איהם אבשיעד, אלס איך זעה מיין פריילין ב. אריינ־קומען. און אזוי ווי עס ווערט מיר שטענדיג אביסל לייכטער אויף'ן הארצען ווען איך זעה איהר, בין איך פערבליבען. איך האב זיך הינ־טער איהר שטוהל געשטעלט, און ערשט שפּעטער האב איך בעמערקט דאס זי האט צו מיר גערעדט מיט וועניגער אָפענהערציגקייט ווי שטענ־דיג, און דאס זי איז געווען ווי אין א פערלעגענהייט. דאס איז מיר געווארען אויפפאלענד. איז זי אויך אזוי ווי דאס גאנצע געזינדעל! האט עס מיר א פיק געטהאן אין קאפּ, און כ'האב שוין געוואלט נעהמען דעם וועג. איך בין אבער דאך געבליבען, ווייל איך האב גערן געוואלט איהר ענטשולדיגען; כ'האב עס אויף איהר ניט געגלויבט, און גע־האָפט, פון איהר נאך א גוט וואָרט צו הערען. די געזעלשאפט האט זיך דערווייל אין גאנצען פערזאמעלט. בּאראָן פ. אין דער גאנצער גארדעראָבע פון פראנץ דעם ערשטען'ס קאָראנאציע; דער האָפראטה ר. דאָ אבער בלויז הערר פאָן ר. גערופען, מיט זיין טויבער ווייב; און אזוי ווייטער, אויך ניט צו פערגעסען דעם שלעכט־אויסגעשטאטעטען י. וועלכער לאטעט אויס זיינע אלט־פריינקישע קליידער מיט נייםאָדי־שע שמאטעס; עס איז א גאנצער געמיש אין זאאל. איך האב גע־רעדט מיט אייניגע פון מיינע בעקאנטע וואס איך האב דארט געטראפען, זיי האבען אבער אללע געציינט קאלטקייט און האבען געענטפערט אויף מיינע פראגען לאקאָניש. איך האב געטראכט — און נאר אָבאכט גע־געבען אויף מיין פריילין ב. איך האב ניט בעמערקט, דאס די פרויען אין ענדע זאאל שושקען זיך אין די אויערן, און דאס עס האט זיך נאכ־הער צו די מענער אריבערגעטראגען, און דאס מאדאם פאָן ס. רעדט אזוי ערנסט מיט'ן גראף (דאס אלעס האט מיר נאכהער פריילין ב. דערצעהלט), ביז דער גראף איז צו מיר ענדליך צוגעקומען און מיר צו א פענסטער צוגעפיהרט. „איהר ווייסט" זאגט ער, „אונזערע נארישע מנהגים!" „איך בעמערק, די געזעלשאפט איז אונצופרידען אייך דאָ צו זעהן. איך וואלט עס פאר קיין — " „אייער עקסעלענץ" האב איך

19טער אַפּריל.

איך דאנק דיר פאר דיינע ביידע בריעף. איך האב דיר ניט געענטפערט וויל איך האב געוואַרט עס זאל אָנקומען דער ענטפער פון הויף, דאס איך קען געהן; איך האב מורא געהאט, מיין מוטער וועט זיך נאך ווענדען צום מיניסטער, אום מיין פּלאַן צו שטערען. איצט אָבער איז דאס שוין געשעהן. מיין „ענטלאַסונג" איז שוין דאָ. איך דארף אייך ניט דערצעהלען, ווי אונגערן מ'האט עס מיר געגעבען, און וואס דער מיניסטער שרייבט מיר. איהר וואלט פון דאס ניי אנגעהויבען צו קלאָגען. דער קראָנפּרינץ האט מיר צום אבשיעד פינפאונצוואנציג דוקאַטען געשיקט, און דיזע איידעלקייט האט מיר צו טרעהרען געבּראַכט. אַלזאָ דארף איך איצט ניט מעהר דאס געלד וואס איך האב לעצטענס פון מיין מוטער פערלאַנגט.

5טער מאַי.

מארגען געה איך פון דאַנען אוועק, און אזוי ווי מיין געבורטס־אָרט ליגט בלויז זעקס מייל פון הויפּט־וועג, וועל איך עס איצט נאך אמאל זעהן, און וועל זיך אן די אלטע, גליקליכע, אבגע'חלום'טע טעג עראינערן. איך וועל אַהין אריין דורך דעם זעלבען טויער, דורך וועלכען מיין מוטער איז מיט מיר ארויס, ביי'ם פערלאזען דיזען ליעבּליכען פּלאַץ, נאכדעם אז מיין פאטער איז געשטאָרבען, אום אין אייער אונערטרעגליכער שטאָדט זיך צו פערשפּאַרען. אדיע, ווילהעלם! פון מיינע צוקינפטיגע רייזעס וועל איך דיר לאזען וויסען

9טער מאַי.

די רייזע צו מיין געבורטס־שטאָדט האב איך דורכגעמאכט מיט די געפיהלען פון א פּילגרים. אסך אונערוואַרטעטע געפּיהלען זיינען מיר דורכגעלאפען. ביי'ם גרויסען לינדענבּוים, וואס שטעהט א פערטיל שטונדע גאַנג פון שטאדט צו ס. צו, האב איך געהייסען

דעם װאגען אַבשטעלען. איך בין אַרױס און געהײסען דעם פּאָסטשטי־
ליאָן װײטער פאָהרען, אום צו קענען געהענדיג, אַלײן, דורכפיהלען
אין מײן הארצען פריש, לעבהאפט, אונגעשטערט, די אַללע אַלטע
ערזאינערונגען פון אַמאל. איך בין געשטאנען אונטער'ן לינדענבױם,
װעלכער איז מיר אין די קינדעריאָהרען געװען אַלס ציעל פון מײנע
שפּאַצירגאנגען. אָבער װי האט זיך אַלעס פון דאַן אַן געביטען?
דאמאלסט האָב איך אין גליקליכער אונװיסענהײט, אין דער אונבע־
קאנטער װעלט ארױס זיך געזעהנט, װאו איך האָב געהאָפט אַזױ פיעל
גליק און צופרידענהײט צו געפינען, געננג אום מײן בענקענדעס, שטרע־
בענדעס הארץ אױסצופיהלען און בעפרידיגען. איצט קום איך פון דער
װײטער װעלט צוריק — אָה, מײן פרײנד, מיט װיפיעל פערפעהלטע
האָפנונגען, מיט װיפיעל צערשטערטע פּלענער!

איך האָב געזעהן די בערג פאר מיר ליגען, װעלכע זײנען טױזענד
מאל געװען דער געגענשטאנד פון מײנע װינשע. שטונדען לאַנג האָב
איך דאַ געקענט אַבזיצען אין בײנקענעש, מיט מײן גאנצער נשמה, אין
די װעלדער און טהאלען, װעלכע האָבען זיך מיר אַזױ פרײנדליך פאָר־
געשטעלט, צו פערלירען. און אַז עס איז געקומען די צײט װאס איך
האָב געמוזט צוריק אַהײם געהן, מיט װאס פאַראַ אונצופרידענהײט
פלעג איך דיזען ליעבען פּלאַץ פערלאָזען! —

איך בין נעהנטער צום שטאָדט געקומען; אַלע בעקאנטע זומער־
װאָהנונגען אױף'ן װעג זײנען פון מיר הערצליך בעגריסט געװאָרען. די
נײע, װעלכע זײנען פאר דער צײט צו־געקומען, זײנען מיר געװען צו־
װידער; װי אױך אַללע פערענדערונגען װאס זײנען פאר דער צײט גע־
מאכט געװארען, האָב איך ניט געקענט פערלײדען. איך בין אין טהױ־
ער ארײן, און האָב זיך גלײך צוריק געפיהלט גוט און גאַנץ.

מײן פרײנד, עס איז ניט נױטהיג צו געבען דיר דאָ אײנצעל־
הײטען, װארום, װי שטארק רײצענד עס איז אַלעס געװען פאר מיר,
װעט עס דאָך צו טרוקען ארױסקומען אין דער שילדערונג. איך האָב
בעשלאָסען צו זוכען זיך אַ קװארטיר אױף'ן מארק, נאָהענט פון'ם הױז

וואו מיר האבען אמאל געוואהנט. אהין געהענדיג האב איך בעמערקט דאס די אלטע שול־געביידע, וואו אן אלטע גוטע פרוי האט אונז אין אונזער קינדהייט געלערנט, איז פערוואנדעלט געווארען אין א קראם. איך האב זיך דערמאנט אן די צרות און ליידען וואס איך האב אמאל אויסגעשטאנען אין דיזע געפענגניס. יעדער טראט וואס איך האב געטהאן איז מיר אויסגעקומען מערקווירדיג, און אין מיר עפעס א געפהיל אויפגעוועקט. א פילגרים קען אזוי פיעל פלעצער ניט אנטרעפען אין דער הייליגער לאנד, וועלכע ערוועקען אין איהם רעליגיעזע זכרונות, און זיין נשמה קען ניט זיין אזוי גערי הרט פון הייליגער בעוועגונג, ווי מיינע איז צו דער צייט געווען. — אפילו ניט קיין טויזענד־טהייל. איך בין פארביי טייך געגאנגען ביז צו א געוויסען הויף, אויך איינער פון מיינע אמאליגע פערגניגונגס־פלעצער, וואו מיר אינגלעך פלעגען זיך איבען איןווארפען פלאכע שטיינדלעך איבער'ן וואסער און מאכען זיי אבשפרינגען פיעל מאל. איך האב זיך דערמאנט אזוי לעבהאפט, פונקט ווי עס וואלט איצט געווען, ווי איך פלעג דא אמאל שטעהן און דאס וואסער אנקוקען. מיט וואס פארא וואונדערבארע געפיהלען איך פלעג עס נאכקוקען! ווי אבענטוריש האב איך זיך דעם געגענד פארגעשטעלט וואו דאס וואסער ציהט זיך ווייטער אריין, און ווי האב איך שוין ד א געזעהן ווי מיין פארשטעלונגס־קראפט איז בעגרעניצט, ווייל דאס וואסער איז אימער ווייטער, אימער ווייטער געגאנגען, ביז איך האב זיך אין גאנצען פערלארען אין'ם טראכטען פון די אונזעהבארע ווייטקייט. — זעה, מיין פריינד, אזוי בעשרענקט און אזוי גליקליך, זיינען דאס געווען די הערליכע דורות פאר אונז! אזוי קינדעריש זייער געפיהל, זייער דענקען! ווען אוליס רעדט פון דעם אונמעסטבארען ים און פון דער אונענדליכער ערד; דאס איז אזוי וואהר, מענשליך, איניג, ענג און געהיימניספאל. וואס העלפט עס מיר איצט וואס איך קען נאכזאגען מיט יעדען חדר־אינגעל דאס די ערד איז קיילעכדיג? דער מענש דארף נאר עטליכע שפאן דערפון, אום פון דעם צו געניסען, און נאך וועניגער, אום אונטער דעם צו רוהען.

איצט האלט איך זיך אויף אין פירשטליכען יאנד־שלאָס. מיט'ן פירשט לאזט עס זיך נאך גאנץ אַנגענעהם לעבען. ער איז אַן אמת'ער און איינפאכער מענש. ארום איהם אבער, האט ער אזעלכע מענשען וואס איך קען גארניט פערשטעהן. זיי זיינען ניט קיין זשוליקעס, זיי האבען אבער אויך ניט דעם אויסזעהן פון עהרליכע לייט. מאנכע מאל קומען זיי מיר פאָר עהרליך, איך קען זיי אבער דאך ניט טרויען. נאך אַ זאך וואס מיר טהוט לייד, איז, ער רעדט אָפט פון זאכען, פון וועלכע ער האט נאר געהערט אדער געלעזען, און אויך נאך פון זעלבען שטאנדפונקט וואס דער פערפאסער האט עס געוואלט האבען.

אויך שעצט ער מיין טאלאנט און פערשטאנד מעהר אלס מיין הארץ, וועלכעס איז דאך מיין איינציגער שטאָלץ, וועלכעס איז די איינציגע קוועלע פון אַלעס; פון מיין גאנצע קראפט, מיין גאנצען גליק און מיין גאנצען עלענד. אָה! דאס וואס איך וויס, קען יעדער איינער וויסען — מיין הארץ אָבער בעזיץ איך נאר אליין.

25טער מאַי.

איך האב געהאט אַ פּלאן אין געדאנק, פון וועלכען איך האב אייך ניט געוואלט שרייבען ביז עס וועט אויסגעפיהרט ווערען, איצט אַז פון דעם איז גארניט געווארען, איז פונקט אזוי גוט, און איך קען אייך דערפון שרייבען. איך האב געוואלט אין די מיליטער־דיענסט אריין; דאס איז שוין לאנג מיין וואונש געוועזען, און דעריבער בין איך עס נעגאנגען מיט'ן פירשט וועלכער איז גענעראל אין . . . אויף אַ שפּאצירגאנג האב איך איהם מיין פּלאַן ענדעקט. ער האט מיר אָבגעשלאגען, און עס וואלט פון מיר ווירקליך געוועזען היילע משוגעת, ווען איך זאל האבען געזוכט איהם איבערצושפּארען און זיינע גרינדע ווידערשפּרעכען.

11טער יולי.

דו קענסט זאגען וואס דו ווילסט, איך קען דא לענגער ניט פער־בלייבען. וואס האב איך דא צו טהאן? די צייט איז מיר אזוי לאנג־וויילינג. דער פירשט האלט מיר אזוי גוט ווי מ'קען נאר, און דאך פיהל איך זיך ניט בעקוועם. אין גרונד, איז ניטא וואס עס זאל אונז ביידען צוזאמענבינדען, ער איז א מאן מיט פערשטאנד, אבער גאנץ איינפא־כען פערשטאנד. זיין געזעלשאפט אונטערהאלט מיר ניט מעהר ווי איך וואלט געלעזען א בוך, און זאל זיין אפילו אז א גוט אנגעשריבענעם בוך. איך וועל דא פערבלייבען נאך איין וואך, און דאן לאז איך זיך ווידער ארומוואנדערן. דאס בעסטע וואס איך האב דא פאר דער צייט אויפגעטהאן, איז דאס צייכענען. דער פירשט האט א געפיהל אין קונסט, און וואלט נאך מעהר געפיהלט, ווען ער וואלט ניט אזוי געוועזען בעשרענקט פון די קליינליכע וויסענשאפטליכקייט און די פארע־ווע טערמינאלאגיע פון די קונסט. פיעל מאל פערבייס איך מיט די צייהן פון פערדרוס, ווען איך רעד צו איהם מיט די ווארעמסטע פאר־שטעלונגסקראפט איבער זאכען פון נאטור און קונסט, און עס שיינט מיר דאס ער איז דערביי גאר ניש'קשה'דיג, אלס ער פאלט אריין מיט א געשטעמפעלטען קונסט־ווארט און פיהרט אין גאנצען איבער.

16טער יולי.

יא, געוויס, איך בין ניט מעהר ווי א וואנדערער, אן ארומטריי־בענדער אויף דער וועלט! אבער זייט איהר עס דען ניט?

18טער יולי.

וואוהין איך שטרעב ? לאז מיר דיר עס זאגען בסוד. צווײ וואָכען מוז איך נאך דא בלײבען, און דאַן, האָב איך בעשלאָסען, די בערג־ווערק פון . . . צו בעזוכען. אין גרונד האב איך דארט ניט וואס צו טהאן ! איך וויל נאר זײן נעהנטער נאך אמאָל צו לאָטטע׳ן דאס אַלעס. איך לאך פון מײן אײגען הארץ — און טהו דאך זײן ווילען.

29טער יולי.

נײן, עס איז גוט, אַלעס איז גוט ! איך — איהר מאַן ! אָה גאָטט, וועלכער האסט מיר בעשאפען, ווען דו וואָלסט מיר דיזען גליק צוגעטהײלט, מײן גאנצער לעבען וואָלט אײן תּפלה געווען. איך האָב ניט קײן טענות, און פערצײהע מיר, איך בעט דיר, מײנע טרעהרען, פערצײהע מיר מײנע אומזיסטע ווינשע ! — זי מײן פרוי ! ווען איך וואָלט דאס ליעבסטע געשעפּף אויף דער וועלט אין מײנע ארעמס געשלאָסען ! — עס געהט מיר איבער אַ שווידער איבער׳ן גאנצען קערפּער, ווילהעלם, ווען אַלבערט נעהמט איהר שלאַנקען קערפּער ארום. און, דארף איך עס זאגען ? און וואָרום ניט, ווילהעלם ? זי וואָלט מיט מיר געווען גליקליכער ווי מיט איהם ! אָה, ער איז ניט דער מענש, צו קענען ערפילען די אַלע ווינשע פון דיזעס הארץ. אַ געוויסער מאַנגעל אין געפיהל, אַ מאַנגעל — נעהם עס ווי דו ווילסט ; — דאס זײן הארץ קלאפּט ניט סימפּאַטיש בײ — אָה, בײ געוויסע שטעלען אין אַ ליעבען בוך, וואו מײן הארץ מיט לאָטטע׳ס טרעפען זיך צוזאַמען, אָדער הונדערט אַנדערע פעללע, ווען עס קומט, דאס אונזערע געפיהלען צײגען זיך ארויס איבער אַ האנדלונג פון אַ דריטע פּערזאָן. ליעבער ווילהעלם!
— ס׳איז אמת, ער ליעבט זי מיט דער גאנצער נשמה און אַזאַ ליעבע — וואס פערדיענט זי ניט ?

א אונערטרעגליכער בעזוכער האט מיר געשטערט. מיינע טרעה־
רען האבען זיך פערטריקענט און איך בין צושטרויעט. אדיע, ליעבער
ווילהעלם!

4טער אגוסט.

ניט מיר אליין געהט עס אזוי; אללע מענשען ווערען אין זייערע
האפנונגען געטוישט, אין זייערע ערווארטונגען גענארט.
איך האב בעזוכט די גוטע פרוי אונטער דעם לינדענבוים. דער
עלטערער איינגעל איז מיר אנטקעגען געלאפען. זיין פריידען־געשריי
האט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון זיין מוטער וועלכע איז צו
מיר צוגעקומען. זי האט אויסגעזעהן צו זיין נידערגעשלאגען. איהר
ערשטער ווארט איז געוועזן: „אה, מיין גוטער הערר, מיין האנס איז
מיר געשטארבען!“ דאס איז געוועזן דאס איינגסטע קינד. איך האב
קיין ווארט געקענט זאגען, „און מיין מאן“ האט זי ווייטער געזאגט,
„איז צוריק פון דער שווייץ געקומען און גארניט מיטגעבראכט, און ווען
גוטע מענשען וואלטען איהם ניט אויסגעהאלפען, וואלט ער מוזען בעט־
לענדיג זיך אהיים דערשלאגען. אויף'ן וועג איז ער קראנק געווארען
אויף פיבער.“ איך האב ניט געהאט וואס איהר צו זאגען. איך האב
וואס געלד געגעבען צו די קינדער. זי האט מיר געבעטען פון איהר
עפליבע עפעל צו נעהמען. איך האב עס געטהאן און פערלאזען דעם
פלאץ מיט א טרויערדיגע הארץ.

21טער אגוסט.

אזוי שנעל ווי מען קען איבערקעהרען די האנד, אזוי שנעל
בייט זיך אין מיר דער צושטאנד. מאנכע מאל וויל דער פרעהליכער
בליק פון לעבען פאר מיר ווידער אויפשיינען, אה, אבער נאר פאר
אן אוינגענבליק! — ווען איך פערליער זיך אזוי אין חלומות, קען איך

זיך פון געדאנק ניט ארויסמאכען: וואס וואלט געווען ווען אלבערט וואלט געשטארבען? דו וואלסט! יא, זי וואלט — און דאן לויף איך נאך דיזען געדאנק, ביז ער פיהרט מיר צום אבגרונד, פון וועלכען איך באפ זיך צוריק א פערטרויסעלטער.

ווען איך געה צום טהויער ארויס, דעם וועג אויף וועלכען איך בין צום ערשטען מאל געפאהרען, ווען כ'בין געגאנגען לאטטע'ן צום טאנץ נעהמען. ווי איז עס אלעס גאנץ אנדערש געווארען! אלעס איז פאראיבער! קיין וואונק פון די פריהערדיגע וועלט, קיין פולס-שלאג פון מיין דאמאלסדיגען געפיהל. איך פיהל ווי א גייסט וואלט געפיהלט צוריקקעהרענדיג זיך אין א חורבה, וועלכע ער האט אמאל נאך אלס גליקליכער פירשט פאר זיך אלס פאלאץ געבויט, און האט עס ביי זיין טוידט, מיט אסך האפנונגען זיין געליעבטען זוהן איבערגעגעבען.

3טער סעפטעמבער.

איך בעגרייף מאנכע מאל ניט, ווי אזוי אן אנדערער קען זי ליעבען, דארף זי ליעבען, דאן, ווען איך בין דער איינציגער, וועלכער אזוי טיעף, אזוי לעבהאפט, קען קיין אנדער זאך, ווייס קיין אנדער זאך, האט קיין אנדער זאך אויסער איהר אליין.

4טער סעפטעמבעד.

יא, עס איז אזוי! אזוי ווי די נאטור קומט איצט נעהנטער צו איהר הערבסט, אזוי ווערט עס אין מיר און ארום מיר אויך'ט הערבסט. מיינע בלעטער ווערען געל און פערוויאנגען, און די בלעטער פון מיינע נאהנטע בוימער זיינען שוין אראבגעפאלען. האב איך דיר אמאל ניט געשריבען פון א בויערן-יונג, גלייך ווען איך בין אהער געקומען? איך האב זיך איצט ערקונדיגט וועגען איהם אין וואלהיים. מ'האט מיר דערצעהלט, דאס מען האט איהם פון זיין שטעלע פאריאגט און אללע

האבען איהם פעראַכטעט ; קיינער האט פון איהם ניט געוואלט וויסען. געסטערן האב איך איהם אויף׳ן וועג אנגעטראפען, געהענדיג צו אַ צוויימען דאָרף ; איך האב איהם אבגעשטעלט, און ער האט מיר דער־צעהלט די גאנצע געשיכטע, וועלכע האט מיר זעהר שטארק געריהרט, ווי דו וועסט עס לייכט בעגרייפען נאכדעם אז איך וועל עס האבען דיר דערצעהלט. אבער צו וואס נאך דיר בעאונרוהיגען ? ווארום זאל איך ניט האלטען פאר זיך אליין דאס וואס מיר קרענקט און אנגסט מאכט ? ווארום אויך נאך דיר בעטריבען ? און ווארום גיב איך דיר אויך אי־מער געלעגענהייט מיר צו בעדויערען און צו בלאַמירען ? נאָר זאל שוין אזוי זיין ; דאס געהערט שוין אויך אריין צו מיין שיקזאל.

מיט אַ שטילע טרויעריגקייט, פון וועלכע עס לאזט זיך בעמער־קען מורא און אונרוה, האט דער בויערן־יונג מיר פון אנפאנג געענט־פערט אויף מיינע פראגען, אבער באלד איז ער געווארען אָפענער, ווען ער האט אנגעהויבען איינצוזעהן דאס מיר פערשטעהען זיך איינער דעם צווייטען גאנץ גוט. ער האט מיר מודה געווען אויף זיינע פעהלער און האט זיך בעקלאגט אויף זיין אונגליק. אָה, וואלט איך דיר געקענט זיינע אייגענע ווערטער צושטעלען ! ער האט מיר מודה געווען, נאָך מעהר, ער האט מיר דערצעהלט מיט אַ מין אויסדרוק פון גענוס און גליק פון די ווידער־עראינערונג, דאס זיין ליידענשאפט צו זיין בעל־הבית׳טע האט זיך מיט יעדען טאג פערשטארקט ; דאס ער האט צום לעצטען גארניט געוואוסט וואס ער טהוט ; ער האט ניט געוואוסט, — לויט ער האט אויסגעדריקט — וואו ער זאל זיין קאָפּ אהינ־טהון ! ער האט ניט געקענט עסען, ניט טרינקען און ניט שלאָפען ; עס איז איהם אזוי ווי עפּעס אין האלז געשטאנען ; ער פלעגט טהאן זאכען וואס ער האט גארניט בעדארפט, און דאס וואס מען האט איהם געהייסען, פלעגט ער פערגעסען ; ער איז געווען ווי פון אַ בייזען רוח פערפאָלגט, ביז ער איז איינמאל זיין בעל־הבית׳טע נאכ־געגאנגען אין אַ צימער אויף׳ן אויבערשטען עטאזש, אדער ריכטיגער געזאגט, ער איז איהר נאָכגעשלעפּט געווארען, און ווען זי האט צו

זיין בעטען זיך ניט געוואלט צו־הערען, האט ער זי געוואלט גענומען מיט גוואלד. ער ווייס ניט וואס עס האט מיט איהם געשעהן; ער געהמט גאָטט צום עדות, דאס זיינע אבזיכטען מיט איהר זיינען אימער געווען עהרליכע, און דאס ער האט זיך קיין זאך ניט מעהר געוואונשען, ווי, מיט איהר צו הייראטען, אום מיט איהר דאס לעבען זיך קענען צו טהיילען. נאכדעם אז ער האט א לאנגע צייט געערדט, האט ער ביי דיזען פונקט גענומען אזוי ווי אבצוהאקען, ווי איינער וואס האט נאך עפּעס צו זאגען, נאר ער קען זיך ניט טרויען דאס ארויסצוזאגען. ענדליך האט ער האלב־עגטשלאָסען דערצעהלט, ווי ווייט זי פלעגט איהם צו זיך צו־לאָזען. א צוויי דריי מאל האט ער דעם נעשפרעך אבגעהאקט, און האט מיט ערנסט אייניגע מאל איבער־גע'חזר'ט, דאס ער מיינט ניט מיט דעם צו שטעלען איהר אין א שלעכטען ליכט, ווייל ער ליעבט איהר און שעצט איהר איצט נאך אזוי גוט ווי פריהער. ער האט עס מיר גאר געזאגט, צו איבערצייגען מיר, דאס ער איז ניט אזא פערדאָרבענער און אונזיניגער מענש ווי מ'קען מיינען. — און דאָ, מיין בעסטער, פאנג איך ווידער אן מיין אַלטע ליעד וועלכע איך וועל נאך אימער זינגען. וואלט איך פאר דיר געקענט פאָרשטעלען, ווי דער מאן איז אזוי פאר מיר געשטאנען, ווי ער שטעהט נאך אפילו איצט פאר מיר! וואלט איך דיר אַלעס ריכטיג פון איהם געקענט בעשרייבען, אום דו זאלסט מיט איהם קענען מיטפיהלען! דאך גענוג! דו, וועלכער ווייסט מיין שיקזאל און קענסט אויך מיר אַליין, ווייסטו צו גוט, וואס עס ציהט מיר אַזוי צו אַלע אונגליקליכע, און איבערהויפּט צו אונגליקליכע פון דיזען סאָרט.

ביי'ם דורכלעזען נאָך אמאל דיזען בריעף, האב איך דערזעהן, דאס איך האב פארגעסען צו דערצעהלען דעם סוף פון דער געשיכטע, נאָר מ'קען עס נאך איצט אויך צו־געבען. — זי האט זיך געגען איהם געוועהרט; איהר ברודער איז געקומען צו לויפען, וועלכער האט איהם שוין פון לאנג אן פיינד געהאט און האט אימער געוואלט פון איהם פטור ווערען, מורא האבענדיג, זיין שוועסטער קען מיט איהם הייראטען, און

דערמיט איהר ירושה אַוועקרויבען פון זיינע קינדער (ווייל זי האט קיינע קינדער געהאט). דיזער האט איהם גלייך פון הויז ארויסגעוואָרפען, און געמאכט אַזאַ ליאַרם פון דער געשיכטע, וועלכע איז צוטראָגען געוואָרען אומעדום, אַז ווען אפילו זי וואָלט עס געוואָלט פארשטיקען און איהם צוריק אריינגעהמען, האט זי שוין מעהר ניט געקענט. איצט האַלט זי אַן אַנדער דיענער אין הויז, און איבער איהם, זאגט מען, איז זי צוקריעגט מיט איהר ברודער, און מ'זאגט דאס זי וועט מיט איהם הייראַטען; אבער, האט ער געזאגט, ער איז פעסט ענטשלאָסען דאס ניט צו דערלעבען.

וואס איך דערצעהל דיר דאָ איז גאר ניט איבערטריבען, אַ האָאר ניט פארצערטעלט. יאָ, איך דארף עס צוגעבען, שוואך, זעהר שוואך האב איך עס דערצעהלט, און פארגרעבערט האב איך'ס מיט דעם וואס איך האב דיר עס איבערדערצעהלט מיט אונזערע פאבריצירטע זיטליכע ווערטער.

דיזע ליעבע, דיזע טרייהייט, דיזע ליידענשאפט איז אַלזאָ ניט קיין דיכטערישע ערפינדונג; זי לעבט, זי איז אין איהר גרעסטער ריינהייט אונטער יענע קלאַסען מענשען וועלכע מיר האלטען פאר אונגעבילדעט און גראָב, מיר, געבילדעטע, צו גארניט אויסגעבילדעטע! איך בעט דיר, לעז דיזע געשיכטע מיט אַ ערנסטען הייליגען געפיהל. איך בין היינט רוהיג. דאס איבערשרייבען פון דיזער געשיכטע האט אויף מיר אַזוי געווירקט, דו קענסט עס זעהן אַן מיין האנדשריפט וועלכע פערהאַלט זיך היינט רוהיג, איינגעהאלטען, און ניט קאָכעדיג און לויפעדיג ווי אימער. לעז עס מיין ליעבער, און דענק דערביי אַז דאס איז אויך די געשיכטע פון דיין פריינד. יאָ, אַזוי איז עס מיר געגאנגען, אַזוי וועט עס מיר געהן, און איך בין ניט האַלב אַזוי בראַוו, האַלב אַזוי ענטשלאָסען ווי דער ארעמער אונגליקליכער, מיט וועלכען איך וואָג זיך ניט צו פערגלייכען.

5טער סעפּטעמבער.

לאָטטע האט געשריבען אַ צעטעלע צו איהר מאַן, וועלכער איז אבגעפאָהרען צוליעב געשעפטן. עס פאנגט זיך אָן: „בעסטער, ליעב־סטער, קום אַהיים אזוי שנעל ווי דו קענסט; איך ערווארטע דיר מיט טויזענד שמחות. — " אַ פריינד וועלכער איז געקומען פון דאָרט וואו אַלבערט האט זיך אויפגעהאלטען, האט געבראכט נאַכריכט, דאס אַלבערט ועט צוליעב געוויסע אומשטענדען אזוי גיך ניט קענען צוריק קומען. דער צעטעלע איז געבליבען ליגען ניט אַוועקגעשיקט און איז מיר אין אבענד אין האַנד אריינגעפאלען. איך האב געלעזען און גע־שמייכעלט; זי האט מיר געפרעגט פון וואס איך שמייכעל? „וואס פאַרא געטליכע זאַך די איינבילדונג איז!" האב איך געזאגט, „איך האב זיך פאָרגעשטעלט, אויף איין מינוט כאָטש, ווי דאס וואלט געווען צו מיר געשריבען." זי האט אונטערבראָכען דעם געשפּרעך. עס האט אויסגעזעהן אַז דאס האט איהר ניט געפעלען. איך בין געבליבען שטיל, קיין וואָרט געזאגט.

6טער סעפּטעמבער.

עס איז מיר שווער אָנגעקומען ביז איך האב זיך ענטשלאָסען, דעם בלויען פראַק, אין וועלכען איך האב צום ערשטען מאל געטאנצט מיט לאָטטע'ן, אַוועקצולעגען און ניט מעהר צו טראגען. ענדליך איז מיר ניט מעהר געווען מעגליך איהם צו טראגען. איך האב מיר גע־לאָזט אַן אַנדערען מאכען פּונקט ווי יענעם, אויך אַ געלע וועסט און הויזען דערצו. עס ווירקט אבער דאך ניט אזוי ווי יענער. איך ווייס ניט — איך גלויב אַז מיט דער צייט זאל מיר אויך דיזער פראַק ווערען ליעבער.

12טער סעפּטעמבער.

זי איז געוועז אַוועקגעפּאָהרען אויף עטליכע טעג, אַלבערט'ן אַהיים צו בריינגען. היינט בין איך צו איהר אין הויז געקומען. זי איז מיר אַנטקעגען געגאַנגען, און איך האָב איהר האַנד מיט טויזענד פריידען געקושט.

אַ קאַנאַריקעל איז פון שפּיעגעל איהר אויף'ן שולטער אַרויפגעפלויגען. „דאָ איז אַ נייער פריינד" האָט זי געזאָגט, און האָט דעם פויגעל אויף'ן האַנד געלאָקט. „דאָס האָב איך פאַר די קליינע פאַרזאָרגט, ער איז אַ זעהר אַנגענעהמער, קוקט איהם נאָר אָן! ווען איך גיעב איהם אַ שטיקעל ברויט, ווי פלאַטערט ער מיט די פליגעלעך און פּיקט מיט'ן קליינעם שנאָבעלע! אויך קושט ער מיר, קוקט נאָר אָן!"

ווען זי האָט איהר מויל דעם פויגעל אַנטקעגען געהאַלטען, האָט זיך יענער אַזוי צוגעדריקט צו די זיסע ליפּען, פּונקט ווי ער וואָלט וועלען פיהלען די זעליגקייט וועלכע ער האָט געגאָסען.

„ער זאָל אויך אייך קושען," האָט זי געזאָגט, און האָט צוגעטראָגען דעם פויגעל צו מיין מויל. דער קליינער שנאָבעל האָט געמאַכט זיין מאַרשרוט פון לאָטטע'ס מויל צו מיינעם, און די פּיקענדע בעריהרונג איז געוועז ווי אַ הויך, אַ געפיהל פון ליעבעספּולען גענוס.

„זיין קוש איז ניט אָהן אַ מיין," האָב איך געזאָגט; „ער זוכט נאַהרונג, און קעהרט זיך פון די פּוסטע ליעבקאָזונג צוריק." „ער עסט אויך ביי מיר פון מויל," האָט זי געזאָגט. זי האָט איהם עטליכע ברעקלעך מיט איהרע ליפּען דערלאַנגט, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעלאַכט די אונשולדיג טהיילנעהמענדע ליעבע אין איהר גאַנצען פערגניגען.

איך האָב מיין געזיכט אַבגעקעהרט. זי האָט עס ניט בעדאַרפט טהאָן! זי האָט ניט בעדאַרפט, מיט די בילדער פון הימלישער אונשולד מיין איינבילדונגסקראַפט רייצען, און מיין האַרץ, וועלכע כאַפּט אַמאָל איינשלעפערן פון די גלייכגילטיגקייטען פון לעבען, ניט בעדאַרפט וועקען! און ווידער, וואָרום ניט? — זי טרויעט מיר צו אַזוי פיעל! זי ווייסט ווי שטאַרק איך האָב זי ליעב.

15טער סעפטעמבער.

מען קען משוגע ווערען, ווילהעלם, דענקענדיג, דאס עס געפינען זיך נאך מענשען וועלכע האבען ניט קיין זינן, קיין בעגריעף, פון די ווענינ זאכען וועלכע האבען נאך א ווערטה אויף דער וועלט.

דו געדענקסט דאך די נוסבוימען, אונטער וועלכע איך בין מיט לאָטטע'ן, ביי'ם גלח אין סט — . געזעסען, די הערליכע פּראַכטפּולע נוסבוימען! וועמעס אַנזיכט האט מיר שטענדיג מיט'ן גרעסטען תענוג אנגעפילט! ווי פערטרויליך זיי האבען דאס געמאכט דיזען פּלאַץ! ווי קיהל און אנגענעהם! און ווי הערליך שעהן האבען זיך זייערע צווייגען אויסגעשפּרייט! און די עראינערונג וועלכע האט זיך ביז די פּאר־צייטיגע גלחים געצויגען, וועלכע האבען זיי מיט אזוי פיעל יאָהרען צוריק איינגעפּלאַנצט! דער שול־מייסטער האט מיר דעם נאמען פון איינעם פון זיי געזאָגט; ער האט עס נאך פון זיין זיידען געהערט, און דיזער נאָמען איז ביי מיר פערהייליגט געווארען, ווען כ'האב נאָר פון די בוימען געדענקט. גלויב מיר, דעם שול־מייסטער האבען זיך טרעה־רען אין די אויגען געשטעלט, ווען מיר האבען נעכטען פון זייער טרויעריגען סוף געהערט, ווי מ'האט זיי אָבגעהאַקט, — אָבגעהאַקט! איך קען משוגע ווערען, איך וואלט געקענט הרג'ענען יענעם הונד וועלכער האט דעם ערשטען האַק געגעבען. און איך, איך, ווען איך וואלט פערמאגט אזאַ פּאָאר ביי מיר אין הויף, און איינער פון זיי וואלט פון אַלטקייט פערפוילט געווארען, וואלט איך געוויס פון טרויער אויסגעגאנגען. דארף איך דאס צו זעהן? איין זאַך קען מען דאָ פאָרט איינזעהן! וואס מענשענגעפיהל איז; דער גאנצער דאָרף מורמעלט פון אונצופרידענהייט, און איך האָף, די פרוי גלח'טע וועט עס גוט פיהלען און דערקענען, אָן די פּוטער, אייער און אנדערע זאכען מיט וועלכע די בויערען דריקען אויס זייער צובינדליכקייט, וואס פאַראַ וואונד זי האט פערשאַפט די גאנצע סביבה דא. דען זי אליין, די פרוי פון'ם

נייען גלח (דער אַלטער איז שוין טוידט), איז אין דעם אין גאנצען שולדיג. אַ מאגערע, אבגעצעהרטע בריאה, וועלכע האט גענוג אורזאכע אן דער וועלט קיין אַנטהייל צו נעהמען, ווייל קיינער נעהמט אין איהר קיין אַנטהייל; אַ נארר, וועלכע זוכט זיך צו מאַכען פאר אַ געלעהרטע; גיט זיך אָב מיט די אונטערזוכונג פון רעליגיאָן, איז שטארק פעראַרבייט אין די נייעמאָדישע מאָראַליש־קריטישע רעפאָרמאַציאָן פון קריסטענ־טהום, און ציהט די אַקסלען פון התפעלות איבער לאַוואַטער'ס שווער־מערייען; האט אַ צוטרויסעלטע, צובראכענע געזונדהייט, און קען דערפאר קיין פרייד אויף גאָטט'ס וועלט נעפינען; און נאָר אזא מין בעשעפענים, איז עס מעגליך געווען, מיינע נוססבוימען אָבצוהאַקען. דו זעהסט, איך קען גאר צו זיך ניט קומען! שטעל זיך נאָר פאָר: די אַראבפאַלענדע בלעטער מאכען איהר דעם הויף שמוציג און דומפיג; די צווייגען פארשטעלען איהר דעם שיין, און ווי די ניס ווערען נאר צייטיג, ווארפען די קינדער אויף זיי מיט שטיינער אום זיי אראָבצוקלאַ־פען, און דאס פאַלט אויף איהרע נערוועון; דאס שטערט איהר אין איהרע טיעפע איבערלעגונגען, ווען זי האלט אין אָבוועגען, קעניקאָט, זעמלער און מיכאעלים, אום צו זעהן ווי וויכטיג זיי זיינען.

אַלס איך האב געזעהן ווי די לייטע אין דאָרף, איבערהויפט די אַלטע, זיינען אזוי שטארק אונצופרידען מיט דיזען אויפטהועכץ, האב איך זיי געפרעגט ווארום זיי האבען דאס דערלאזען? „ווען דער האָפ־מייסטער וויל אזוי,“ האבען זיי געזאגט, „וואס קען מען דען טהאָן?“ אבער איין זאך כאָטש האט דא ריכטיג צוגעטראָפען: דער האָפ־מייסטער, און דער גלח, וועלכער האט זיך געוואלט פערדיענט מאכען ביי זיין פלונית'טע, האבען געוואלט זיך צווישען זיך צוטהיילען מיט די אָבגעהאקטע בוימען, דאָ האט זיך די פערוואלטונגס־קאַמער פון דעם דערוואוסט און אַ זאג געטהאן: „אהער מיט די סחורה!“ דען זי האט געהאט נאך אַלטע פרעטענציעס אויף יענעם פלאַץ וואו די בוי־מען זיינען געשטאנען, און זי האט עס פערקויפט צו דעם וואס האט דעם גרעסטען פרייז פאר זיי געגעבען. זיי ליגען נאך דאָרט, די בוימען!

אָה ! ווען איך וואלט אַ פירשט געווען, איך וואלט שוין געוואוסט ווי אזוי צו האנדלען מיט דער גלח'טע, די האָפמייסטערס און די פער־וואלטונגס־קאַמער — אַ פירשט ! — יא, ווען איך וואלט געווען פירשט, ווי ווייניג וואלטען מיר געקימערט די בוימען אין מיין לאנד

10טער אָקטאָבער.

קוק איך נאר אן איהרע שווארצע אויגען, פיהל איך זיך שוין גוט ! און וואס עס פערדריסט מיר, איז, וואס אַלבערט שיינט ניט אזוי גליקליך צו זיין ווי ער האט געהאָפט, ווי איך — האב געגלויבט. אויב — איך האב ניט אזוי ליעב קיין פּשט'לאך און געדאַנקען־שטריכע, אבער דאָ קען איך זיך אַנדערש ניט אויסדריקען — און ווי מיר דאכט זיך, ניט קלאָהר גענוג.

12טער אָקטאָבער.

אָססיאַן האט ביי מיר אין הארצען דעם פּלאַץ פון האָמער פער־נומען. וואס פאר אַ וועלט איז דאַס, וואו דיזער ערהאבענער זינגער פיהרט מיר אַהין ! צו וואַנדערן אין דער וויסטע, געשמיסען פון שטורמ־ווינד, וועלכער פיהרט, אין דאַמפּפענדע טומאַנען איינגעוויקעלט, די גייסטער פון פערגאנגענע דורות פאַר'ן דונקעלען שיין פון דער לבנה ; צו הערען אין דאס מורמעלן און בריללען פון וואַלד־שטורם, פון די בערג ארונטער, די האַלבפערקלונגענע קרעכצען פון די רוחות, פון זייערע היילען ארויס, און דאס יאָמערן און קלאַגען פון די מיידלעך, וועלכע וויינען זיך צום טוידט, ביי די מיט מאָך פערוואָקסענע מצבות, וואו זייערע געליעבטע, די געפאַלענע העלדען, ליעגען. ווען איך געפין איהם דאַן, דעם אַרומוואַנדערנדען אַלטען משורר, וועלכער זוכט אַרום אין דער ווייטער וויסטע די שפּורען פון זיינע אבות, און ליידער, אָה !

געפינט נאר זייערע מצבות, און קוקט דאן יאמערנדיג ארויף צו דעם ליעבען אבענד־שטערן, וועלכער באהאלט זיך, ארייקנקייקלענדיג זיך אין ים אריין; און די פערגאנגענע צייטען לעבען אויף אין דער נשמה פון׳ם העלד, ווען דער פריינדליכער שטראהל האט נאך בעלויכטען די געפאהרען פון די בראווע העלדען, ווען די לבנה האט נאך בעשיינט זייער זיעגענד־צוריקקעהרענדע שיף, וועלכע איז געוועזן מיט נצחון־קרענץ בעהאנגען; ווען איך לעז אויף זיין שטערן דעם טיעפען קומער; ווען איך זעה איהם, פערלאזען, טוידט־מיעד, דעם קבר צו־הינקען; ווי ער זויגט נאך אימער איין נייע שמערץ־גליהענדע פריידען, אין דעם קראפטלאזען געגענווערטיגען שאטען פון זיינע אבגעשטארבענע, און קוקט אויף דער קאלטער ערד און די הויכע וועהענדע גראז, און רופט אויס: „וואו איז דער זינגער, דער פרעכטיגער זוהן פון פינגאל? זיין פוס געהט מיין קבר אריבער און זוכט מיר נאך אלץ ווייטער, אבער אומזיסט!“ דאן, מיין ליעבער פריינד, פיהל איך ווי צו ציהען מיין שווערד ווי אן אדעלער ריטטער, אום מיין פירשט, פון דעם פערצעהרענדען שמערץ, פון לאנגזאם אבשטארבענדען לעבען מיט איין מאל בעפרייען, און ווּאלט דעם בעפרייטען האלב־גאטט אויך מיין אייגענע נשמה נאכגעשיקט.

19טער אקטאבער.

אה, דיזע לאך! דיזע שרעקליכע לאך וואס איך פיהל ביי מיר אין הארצען! — אפט דענק איך: ווען איך וואלט געקענט כאטש איין מאל, נאר איין מאל, איהר, צו מיין הארץ צו־דריקען, עס וואלט זיך שוין אין גאנצען אויסגעפילט.

26טער אָקטאָבער.

יא, מיין ליעבער! מיר שיינט עס קלאהר און אימער קלע־
רער, דאס אונזער דאַזיין האט אַ קליינע בעדייטונג, אַ גאַנץ קליינע.
צו לאָטטע'ן איז אַ פריינדין געקומען צו בעזוך. איך בין אריין אין
אַ צווייטען צימער, גענומען אַ בוך, איך האב אבער ניט געקענט
לעזען. איך האב גענומען אַ פעדער און אנגעהויבען צו שרייבען. איך
האב געהערט זייער שטילען געשפּרעך; זיי האבען זיך איינע די אַנ־
דערע אונבעדייטענדע זאַכען דערצעהלט, נייעס פון שטאָדט: ווי די
האט חתונה געהאט, און ווי יענע איז קראַנק געווארען, זעהר קראַנק;
זי האט אַ טרוקענעם הוסט, די ביינער פון פּנים קריכען איהר ארויס
און פאלט אָפט אין אונמאַכט; „איך גיעב ניט קיין גראָשען פאר
איהר לעבען,“ האט די גאַסט בעמערקט. „דעם ר. ר. איז נעבאך אויך
אַזוי שלעכט,“ האט לאָטטע געזאגט; „ער איז געשוואָלען,“ האט די
פריינדין צוגעלייגט. — די לעבהאַפטע איינבילדונגס־קראַפט האט
מיר אַוועקגעפיהרט צו דיזע אונגליקליכע; איך האב געזעהן, מיט וועל־
כע אונצופרידענהייט זיי האבען דאס לעבען זייער רוקען צוגעקעהרט,
ווי זיי — ווילהעלם! און דיא פרויען מיינע ריידען דערפון, ווי
מ'רעדט אימער פון אזעלכע זאכען — ווען אַ פרעמדער שטארבט
אוועק. — און ווען איך קוק זיך ארום און בעטראַכט דעם צימער,
לאָטטע'ס קליידער, אַלבערט'ס פּאַפּירען, און דיזע מעבעל, מיט
וועלכע איך בין נאך אַזוי בעפריינדעט, זאָגאר דיזען טינטער, און קלער:
„זעה ווי פיעל דו פארנעהמסט דאָ אין דיזען הויז! ביזט אַ גאנצער
בן־בית. דיינע פריינד שעצען דיר, און אויך דו פערשאפסט זיי גאַנץ
אָפט פריידען, און זעהר אָפט שיינט עס דיר, אַז אָהן זיי וואלט עס
פאר דיר גאר ניט מעגליך געווען צו עקזיסטירען; און דאָך — ווי דו
געהסט נאר אוועק, ווען דו וואלסט נאר פון דיזען קרייז פריינד אב־
שייד גענומען, ווי לאנג וואלטען זיי געפיהלט דיזען פערלוסט? ווי

לאנג ? אָה, אַזוי פערגענגליך איז דער מענש ! אַז אפילו אויך דאָרט, וואו ער איז געווים איבער זיין עקזיסטירען, וואו ער מאכט דעם אמת'ן איינדרוק פון זיין געגענוואַרט, אין'ם אַנדענקען, אין דער נשמה פון זיינע ליעבסטע, אפילו אויך דאָרט מוז ער אויסגעלאָשען ווערען, און דערצו נאך אַזוי גיך !

27טער אָקטאָבער.

איך פיהל אָפט ווי מיין ברוסט אויפצורייסען און מיין מוח איינ־צושלאגען, דענקענדיג פאר זיך, ווי וועניג איין מענש דעם צווייטען קען זיך געבען. אָה, די ליעבע, די פריידע, דאס פערגניגען, ווען איך ברענג עס ניט אַליין מיט זיך, וועט עס קיינמאל דער צווייטער מיר ניט געבען, און מיט מיין גאנצען הארצען פול מיט זעליגקייט, וועל איך ניט קענען בעגליקען יענעם, וועלכער שטעהט פאַר מיר קאַלט און אָהן קרעפטען

27טער אָקטאָבער, אין אבענד.

איך בעזיץ אַזוי פיעל, דאָך, מיין ליעבע צו איהר פערשלינגט עס אַלעס ; איך בעזיץ אַזוי פיעל, אבער אָהן איהר האט פאַר מיר אַלעס קיין ווערטה.

30טער אָקטאָבער.

בין איך ניט, שוין אַ הונדערט מאל געווים, געוועזן אין בעגריעף, איהר אויף'ן האַלז ארויפצופאלען ! דער גרויסער גאָטט ווייסט, ווי איינעם איז צו מוטה, אַזוי פיעל ליעבענסווירדיגקייט אָנצוקוקען, און זיך ניט טאָרען צו־ריהרען, עס ניט טאָרען צו זיך נעהמען. און, דאס צו־זיך נעהמען, איז דאך דער נאַטירליכער אינסטינקט ביי'ם מענשען ! שטרעקען ניט די קינדער זייערע הענטליך נאך אַלץ וואס זיי קומט אויף'ן זינען ? — און איך ?

3טער נאָװעמבער.

גאָטט װײסט! פיעל מאל לעג איך זיך שלאָפען, מיט'ן װאונש און אויך אָפט מיט די האָפנונג, ניט װיעדער אויפצושטעהן; און אין דערפריה װען איך עפען די אויגען אויף, קוק איך װיעדער אן די זון, און בין עלענד װי אימער. אָה, װאָלט איך געקענט קאַפּריזנע זיין, איך װאָלט די שולד, אויף'ן װעטער, אויף אַ ניט־געלונגענע אונטערנעהמונג אָדער אויף װאס עס איז אַנדערש ארויפגעװאָרפען. דאַן װאָלט מיר די אונערטרעגליכע משא פון אונװילען, ניט אזוי שװער געדריקט. װעה איז מיר! איך פיהל דאס די גאנצע שולד ליעגט נאר אויף מיר אליין, — איז עס ניט שולד! ס'איז געװנג, דאס אין מיר ליעגט דער קװאַל פון אַלע מײנע צרות, װאו עס איז אַמאל געלעגען דער קװאַל פון אַל־דאס גליק. בין איך נאך ניט פונקט דער זעלבער, װאס פלעגט אַמאל מיט אַ גאנצען ים פון געפיהלען ארומשװעבען; װעמען דער גן־עדן האט אויף יעדען טריט נאָכגעטאַנצט; װעלכער האט אַ הארץ געהאט, אין װעלכע ס'האט געקענט אַ גאנצע װעלט מיט ליעבע ארײנ־געהן? און דיזע הארץ איז איצט טױדט, איהר פליסען ניט מעהר צו קײן ענטציקונגען; מײנע אויגען זײנען טרוקען און מײנע געדאַנקען, װעלכע װערען ניט געלאַבּט פון ערקװיקענדע טרעהרען, ציהען מײן שטערן צוזאמען. אָה! איך לײד זעהר פיעל, דען איך האב פערלאָרען דאס װאס איז געװען מײן לעבענס אײנציגער פערגניגען; די הײליגע, בעלעבענדע קראַפט, מיט װעלכע איך האב ארום זיך װעלטען בעשאַ־פען; אָה, זי איז פון מיר אַװעק! — װען איך קוק ארויס פון פענ־סטער צום נאָהנטען בארג, װען די מאָרגען־זון ברעכט דורך דעם נעבעל איבער איהם, און בעשײנט די שטילע רוהיגע לאָנקע, און דער זאַנפטער טײכעל שלענגעלט זיך צװישען די ענטבלעטערטע װערבעס, מיר גלײך אַנטקעגען, — אָה, װען דיזע הערליכע נאַטור, שטעהט פאר מיר אזוי שטאַרר װי אַן אבגעבליאַקירטעס בילד, און דיזער פרעכטיגער אַנזיכט

קען קיין איינציגען טראָפּען זעליגקייט פון מיין הארצען צו מיין מוח ארויפּפּאָמפּען, און דער גאנצער קערל, שטעהט דא אזוי פאר גאָטט ווי א פערשטאָפּטער ברונען, ווי א פערטריקענטער עמער. איך האב זיך אָפט צו ד'רערד געווארפען און געבעטען גאָטט פאר טרעהרען, אזוי ווי דער ערד־אַרבייטער אדער לאַנד־איינענטהימער, בעט פאר רעגען, ווען דער הימעל הענגט טרוקען און הארט איבער איהם, און די ערד ארום איהם ווערט פערדאַרט פון דורשט.

אבער אך! איך פיהל עס, גאָטט גיט ניט קיין רעגען און זונ־שיין ווען מיר פערלאנגען עס פון איהם צו גראָב, צו האַסטיג. און יענע צייטען, וועמעס אַנדענקען עס פּייניגט מיר איצט, ווארום זיינען זיי אזוי געבענשט געווען! ווייל איך האב מיט געדולד זיין גייסט ער־ווארטעט, און דעם גליק, וועלכען ער האט איבער מיר אויסגעגאסען, מיט'ן גאנצען טיעף־דאַנקבארען הארצען אויפגענומען!

8טער נאָוועמבער.

לאָטטע האט מיר פארגעווארפען מיין איבער־מאָס! אָה! מיט אזוי פיעל ליעבענסווירדיגקייט האט זי מיר עס פארגעווארפען! מיין איבער־מאָס, דאס, פון די ערשטע גלעזל וויין, לאז איך זיך אמאל פערפיהרען, דאס גאנצע פלאַש אויסצוטרינקען. „טהוט דאס ניט,“ האט זי געזאגט, „דענקט אן לאָטטע'ן!“ — „דענקען!“ האב איך געזאגט, „דארפט איהר מיר דאס הייסען?“ — „איך דענק! — איך דענק ניט! איהר שטעהט אימער פאר מיר. היינט בין איך אויף יענעם פּלאַץ געזעסען, וואו איהר האט לעצטענס פון קארעטע ארויס־געשטיגען. —“ זי האט אנגעהויבען צו רעדען פון וואס אַנדערש, אום מיר ניט צו לאזען אריינקריכען טיעפער אין ענין. בעסטער פריינד, איך בין ניט מעהר אין מיין רשות, זי קען מיט מיר מאכען וואס זי וויל.

15טער נאוועמבער.

איך דאנק דיר, װילהעלם, פאר דײן הערצליכען אנטהײל, פאר דײן גוט־מײנענדע עצה, און בעט דיר רוהיג צו זײן. לאז מיר נאר אויסדולדען; בײ אל־מײן מידקײט האב איך נאך גענוג כח צו לײדען און איבערצוקומען. איך עהרע די רעליגיאָן, דאס װײסט דו; איך פיהל, דאס פאר מאנכע מידע, איז זי א שטעקען אויף אנצושפארען זיך; פאר מאנכע פערשמאכטע איז זי אן ערקוויקונג. נאָר — קען זי דען, מוז זי דען דאס זײן פאר אלעמען? װען דו קוקסט אן די גרויסע װעלט, דאן זעהסט דו טויזענדע, צו װעלכע זי איז דאס ניט געװען, טויזענדע, צו װעלכע זי װעט עס ניט זײן, צו יא געפּרעדיגט, צו ניט געפּרעדיגט, און מוז זי דען דאס זײן פאר מיר? זאגט דען גאָטעס־זוהן ניט אלײן: „דאס נאר יענע װעלען זײן גערעכענט פאר זײנע, די, װעלכע דער פאטער אלײן װעט זײ איהם געבען?" נון, אז איך אלײן בין צו איהם ניט געגעבען געװארען! װען דער פאטער װיל מיר נאר פאר זיך אלײן בעהאלטען, װי מײן הארץ זאגט מיר! — איך בעט דיר, לײג עס ניט אויס פאלש, זעה נאר ניט קײן שפּאָט אין דיזע אונ־שולדיגע װערטער! ס'איז מײן גאנצע נשמה, װאס איך לײג דא אויס פאר דיר; זאָנסט, װאלט איך ליעבערשט קײן װארט גערעדט, װײל איך האב פײנד צו פערליערען רײד, איבער אזעלכע זאכען, װאס אנ־דערע װײסען אזוי װעניג װי איך. איז עס דען ניט אונזער שיקזאל, אלײן די אײגענע מאס צרות אויסצושטעהן, אלײן דעם אײגענעם בעכ־בער אויסצוטרינקען, און אז דער בעכער איז דעם גאָטט פון הימעל, אויף זײנע מענשען־ליפּען צו ביטער, טאָ װארום זאל איך מיר שטעלען גרויס און מאכען א מיענע, װי עס װאלט מיר גאר נאך זיס געשמעקט? און פארװאס זאל איך זיך שעהמען מיט מײן שװאכקײט, אין דעם שרעקליכען אויגענבליק, װען מײן גאנצער װעזען ציטערט צװישען זײן און ניט־זײן; דאן, װען די פערגאנגענהײט לײכטעט װי א בליץ

איבער׳ן פינסטערן אבגרונד פון צוקונפט, און אלעס ארום מיר זינקט איין, און די וועלט געהט מיט מיר צוזאמען אונטער. — איז עס ניט דער קול פון׳ם גאנץ אין זיך געדריקטען, זיך אליין בעשרענקענדען און אונאויפהאלטזאם אראבפאלענדען געשעפף, אין די טיעפסטע טיעפעניסען פון זיינע נאר אומזיסט צוזאמענגעהמענדע כחות אויסצושרייען: „מיין גאָטט! מיין גאָטט! ווארום האסט דו מיר פערלאָזען? און דארף איך זיך שעהמען אזוי זיך אויסצודריקען, דארף עס מיר פאר דעם אויגענבליק באנג טהאָן, ווייל ער האט עס ניט געקענט אויסמיידען, ער, וועלכער וויקעלט די הימלען אזוי ווי א טוך צוזאמען?

21טער נאָוועמבער.

זי זעהט ניט, זי פיהלט ניט, דאס זיי גרייט צו א גיפט, וועלכער וועט פון אונז ביידען א תל מאכען; און איך, מיט די גרעסטע שמחה טרינק איך אויס דעם בעכער, וועלכער ברענגט מיר מיין פערדארבען. וואס זאל איהר גיטיגער בליק מיינען, מיט וועלכען זי קוקט מיר אָפט — אָפט? — ניין, ניט אָפט, אבער דאך אמאל, אָן; די געפעליגקייט, מיט וועלכע זי נעהמט אויף א וועלכען ניט־ווילענדיגען אויסדרוק פון מיין געפיהל; דאס מיטלייד מיט מיין ליידען, וואס לאזט זיך בעמערקען אויף איהר שטערן?

נעכטען, ווען איך בין אוועקגעגאנגען, האט זי מיר דערלאנגט די האנד און געזאגט: „אדיע, ליעבער ווערטהער!" — ליעבער ווערטהער! ס׳איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס זי האט מיר גערופען „ליעבער," און עס איז מיר דורכגעגאנגען דורך מארך און ביין. איך האב עס פאר זיך הונדערט מאל איבערגע׳חזר׳ט, און נעכטען ביינאכט, ווען איך האב געוואלט צו בעט געהן, און מיט זיך אליין אלערליי שפאס געמאכט, האב איך מיט איינמאל אויסגערופען. „גוט נאכט, ליעבער ווערטהער!" און האב געמוזט נאכהער פון זיך אליין לאכען.

22טער נאָװעמבער.

איך קען ניט בעטען: „לאָז זי פאַר מיר איבער!“ און דאָך קומט מיר אָפט פאָר, אַז זי איז מײנע. איך קען ניט בעטען: „גיעב זי צו מיר!“ דען זי געהערט דאָך אַן אַנדערען. איך װיצעל זיך אַרום מיט מײנע אײגענע שמערצען. װען איך זאָל זיך אַזױ צו־לאָזען, עס װאָלט געװאָרען אַ גאַנצע תּפלה פון אַנטי־טהעזען.

24טער נאָװעמבער.

זי פיהלט װאָס איך צו־לײד. הײנט איז מיר איהר בליק טיעף דורך׳ן האַרצען געדרונגען. איך האָב זי געטראָפען אַלײן; איך האָב גאָר ניט געזאָגט, און זי האָט מיר אָנגעקוקט. איך האָב אין איהר ניט מעהר געזעהן דאָס ליעבליכע שענהײט, און ניט מעהר, דאָס לײכ־טען פון׳ם טרעפליכען גײסט; דאָס איז געװען אין גאַנצען פערשװאונ־דען פון מײנע אױגען. עס האָט אױף מיר געװירקט אַ פיעל הערליכע־רער בליק, פול מיט׳ן אױסדרוק פון טיעפסטען אַנטהײל, פון זיסעסטען מיטלײד. װאָרום בין איך איהר צו די פיס ניט געפאַלען? װאָרום האָב איך׳ס ניט געװאָגט אױסצודריקען מיט טױזענד קושען בײ איהר אױף׳ן האַלז? זי איז צום קלאַװיר אַנטלאָפען, און האָט מיט אַ זיסע לײזע שטימע, האַרמאָנישע טענער צום פינגער־שפּיעל בעגלײט. איך האָב נאָך קײנמאָל איהרע ליפּען ניט געזעהן אַזױ רײצענד. זײ האָבען אױסגעזעהן, װי זײ װאָלטען זיך שמאַכטענד אױפגעעפענט, אום די זיסע טענער װאָס געהען אַרױס פון אינסטרומענט, צו פערשלינגען, אום, דער הימלישער װידער־קול זאָל פון איהר רײנעם מױל צוריק אָבקלינגען. — יאָ, װאָלט איך דיר מײנע געפיהלען געקענט איבערגעבען! כ׳האָב מעהר ניט געקענט װידערשטעהן; איך האָב מיך צוגעבױגען און

געטהאן אַ שבועה: ניט מעהר צו וואַגען קושען די ליפען, אויף וועלכע עס שוועבען די גייסטער פון הימעל. — און דאָך — איך וויל — האַ! זעהסט דו, דאס שטעהט ווי אַ וואַנד פאר מיין נשמה -- דיזע זעליג־קייט געניסען — און דאן אונטערצוגעהן פאר דיזע זינד — וואס פאר אַ זינד?

•

26טער נאָוועמבער.

מאנכע מאל זאג איך צו זיך אַליין: „דו ביזט דער איינציגער אונגליקליכער, אַללע אַנדערע זיינען גליקליך,“ דאן לעז איך אַ דיכטער פון די אַלטע צייטען, און מיר דאכט זיך, איך זעה מיין אייגען הארץ. איך האב אזוי פיעל אויסצושטעהן! אזוי פיעל צו ליידען! אָה! זיינען שוין די מענשען פאר מיר אויך אזוי אונגליקליך געווען?

30טער נאָוועמבער.

קען איך גאר צו זיך ניט קומען! וואו איך געה נאר, בעגעג־נענט מיר אַ ערשיינונג וועלכע טרויסעלט מיר אין גאנצען אויף. היינט! אָה, שיקזאל! אָה מענשהייט.

איך געה אזוי פערביי וואַסער אום מיטאג־צייט; איך האב ניט געהאט קיין חשק צו עסען. אַלעס איז געוועזן וויסט. אַ נאס־קאלטער אבענד־ווינד האט געבלאזען פון בארג, און די גרויע רעגען־וואָלקענס האבען דעם טהאָל פערהאנגען. פון וויטען האב איך דערזעהן אַ מאן אין אַ גרינעם אָבגעטראָגענעם ראָק, ארומזוכענדיג צווישען די פעלזען. עס האט אויסגעזעהן דאס ער זוכט נאך גראזען און קרייטער. אז איך בין נעהנטער צו־געקומען, און ער האט זיך אומגעדרעהט און ארומ־געקוקט, צוליעב דעם גערויש וואס איך האב מיט מיינע טריט געמאכט, האב איך דערזעהן אַ זעהר אינטערעסאנטע פהיזאָנאָמיע, אין וועלכע,

א שטילע טרויעריגקייט האט געמאכט דעם הויפט־צוג, און וועלכע
האט אבער קיין אנדער זאך ניט אויסגעדריקט, אלס א גלייכען גוטען
זינן. זיינע שווארצע לאנגע האאר זיינען געווען פארענט מיט שפיל־
קעס אין צוויי קנוילען צוזאמענגעהילט, און די רעשט, זיינען אין א דיקען
צאפ פערפלאכטען, אויף הינטען אריבערגעפאלען; און אלס ער האט
מיר געשיינט צו זיין, אורטהיילענדיג פון זיינע קליידער, א מאן פון
נידעריגען שטאנד, האב איך געגלויבט דאס איהם וועט ניט אארען,
ווען איך זאל מיך איבער זיין בעשעפטיגונג ערקונדיגען, און האב
איהם געפרעגט נאך וואס ער זוכט דא ארום? „איך זוך,“ האט
ער מיט א טיעפען זיפץ געענטפערט, „בלומען, — איך געפין אבער
קיינע. — „ „דאס איז אויך ניט די צייט פאר בלומען,“ האב איך
שמייכלענדיג געזאגט. „עס זיינען פארהאן אזוי פיעל בלומען,“ האט
ער, נעהנטער קומענדיג צו מיר, געזאגט, „אין מיין גארטען וואקסען
ראזעס און האניג־בלומען צווייערליי סארטען, איינע האט מיר מיין
פאטער געגעבען, זיי וואקסען ווי קראפעווע; איך זוך זיי שוין ארום
צוויי טעג און קען זיי ניט געפינען. די האזען זיינען דאך אויך בלומען;
געלע, בלויע און רויטהע, און דאס טויזענדגילדען־קרויט האט אויך א
שעהן בליהמעל. איך קען אבער קיין איינציגע ניט געפינען. —“ איך
האב בעמערקט אז מיט איהם איז עפעס ניט אזוי גלאט. איך האב
איהם אין א אינדירעקטען טאן געפרעגט: צו וואס ער זוכט אזוי די
בלומען? א וואונדערבאר פערציקענדער שמערץ האט פערצויגען זיין
געזיכט. — „אויב איהר וועט מיר ניט פערראטהען,“ האט ער געזאגט
צולעגענדיג דעם פינגער צום מויל, „איך האב מיין געליבטע א בוקעט
בלומען פארשפראכען“ — „דאס איז זעהר פיין פון אייך“ האב איך
בעמערקט. — „אה!“ האט ער ווייטער געזאגט, „זי האט אויך אסך
אנדערע זאכען, זי איז זעהר רייך, — „און דאך ליעבט זי אויך אייערע
בוקעטען?“ האב איך געזאגט, „אה!“ האט ער ווייטער געזאגט, „זי
האט אסך ציערונג, אויך א קרוין האט זי.“ איך האב איהם געפרעגט
ווער זי איז. — „ווען די גענעראל־שטאאטען וואלטען מיר געוואלט

באצאהלען, איך וואלט אַן אַנדער מענש געווארען ! יא, עס איז אַמאל געוועזען אַ צייט ווען ס'איז מיר גוט געוועזען, איצט איז עס אויס מיט מיר, איצט בין איך — " אַ נאַסער בליק צום הימעל האט אַלעס געזאגט. „איהר זייט אַמאל געוועזען גליקליך ?" האב איך געפרעגט. — „איך ! איך וואלט זיך געוואונשען, איך זאל נאך אַמאל ווידער אַזוי קענען זיין," האט ער געענטפערט. „מיר איז געוועזען אַזוי גוט, אַזוי פרעהליך, אַזוי לייכט, פּשוט ווי אַ פיש אין וואסער !" — „היינריך !" האט אַן אַלטע פרוי גערופען, וועלכע איז מיט'ן וועג געקומען, „היינריך, וואו ביזט דו דאַרט ! מיר האבען דיר אומעדום געזוכט, קום עסען !" — „איז דאס אייער זוהן ?„ האב איך די פרוי געפרעגט. „יא, דאס איז מיין אונגליקליכער, ארעמער זוהן," האט זי געענטפערט. „גאָטט האט אויף מיר אַ שווערע שטראָף אנגעשיקט." — „ווי לאנג איז ער שוין אַזוי ?" האב איך ווייטער געפרעגט. „אַזוי שטיל און רוהיג ווי ער איז איצט," האט זי געזאגט, „איז ער ערשט בלויז אַ האלב יאָהר. גאָטט זיי דאַנק דאס ער האלט שוין אזוי ווייט. פריהער איז ער אַ גאנצען יאָהר געוועזען ראזענד, ווילד, ער איז געלעגען אין משוגעים־הויז אין קייטען געשמידט. איצט טהוט ער קיינעם קיין בייז ; ער האט נאך איי־מער צו טהאָן מיט מלכים און מלכות. ער איז געוועזען אַזאַ גוטער, שטילער מענש. ער האט מיר געהאלפען מיין לעבען צו פערדינען, געשריבען אַזאַ שעהנעם כתב, און מיט אַמאל איז ער געווארען מע־לאַנכאָליש, אריינגעפאלען אין אַ היץ־פיבער, פון דעם אין ראזעריי, און איצט איז ער ווי איהר זעהט איהם. ווען איך זאל אייך דערצעהלען מיין הערץ —" איך האב איהר אונטערבראכען איהרע רייד און געפרעגט : „וואס פאַראַ צייט איז דאס דאן אַזוי געוועזען, וואס ער בעריהמט זיך אַז ער איז אַזוי גליקליך געוועזען ?" „דער נארישער מענש!" האט זי אויסגערופען מיט אַ מיטליידיגען שמייכעל, „דאס מיינט ער די צייט, ווען ער איז ביי זיך ניט געוועזען, דאס לויבט ער שטענדיג ; דאס איז די צייט וואס ער איז אין משוגעים־הויז געוועזען, ווען ער האט גאר־ניט געוואוסט פון זיך. —" איך בין געוועזען ווי פון אַ דונער געטראָפען,

איך האָב איהר אריינגעדריקט אַ מטבע אין האַנד און בין איילענדיג אַוועק.

„דאַן ווען דו ביזט גליקליך געווען!“ האָב איך שנעל צו זיך אליין אויסגערופען, געהענדיג צוריק אין שטאָדט אריין, „דאַן ווען דיר איז עס געווען גוט ווי אַ פיש אין וואַסער!“ — גאָטט אין הימעל! האָסט דו אזוי בעשטימט דעם מענשען'ס שיקזאַל, דאָס ער קען ניט זיין גליקליך, סיידען, נאָך עהדער ער קומט צו זיין פערשטאַנד, אָדער נאָכהער ווען ער פערליערט איהם צוריק! — אונגליקליכער! און דאָך ווי בין איך מקנא דיין בעטריעבטען זינן, די פערווירונג פון דיינע חושים, אין וועלכע דו פערשמאַכטעסט! פול מיט האָפנונגען געהסטו ארויס פאַר דיין מלכה בלומען צו רייסען, אין ווינטער, און דו טרויערסט וואָס דו קענסט קיינע געפינען, און דו בעגרייפסט ניט, פאַר וואָס דו קענסט זיי ניט געפינען. און איך — און איך געה אָהן האָפנונג, אָהן אַ צוועק ארויס, און קום צוריק אַהיים, מיט דעם וואָס איך בין ארויסגעגאַנגען. — דו שטעלסט דיר פאָר, וואָס פאַראַ מענש דו וואָלסט געווען, ווען די גענעראַל־שטאַאַטען וואָלטען דיר בעצאָהלט. גליקליכע בעשעפענים! דו קענסט דעם מאַנגעל פון דיין גליקזעליגקייט, צו די וועלטליכע מניעות צו־שרייבען. דו פיהלסט ניט דאָס אין דיין אייגען צושטערטעס האַרץ, אין דיין אייגען צוטרויסעלטען מאַרך, ליעגט דיין גאַנצער אונגליק, פון וועלכען אַללע מלכים פון דער וועלט קענען דיר ניט העלפען.

דעריעניגער מעג אָהן טרויסט שטאַרבען, ווער עס לאַכט פון דעם קראַנקען וועלכער פאָהרט אין די ווייטע מקומות אום הילף צו זוכען, וואו זיין קראַנקהייט ווערט נאָר ערגער און זיין אויסגעהן, שמערצליכער! יענער, וועלכער קען שפּאָטען פון יענעם, וועמעס האַרץ פיהלט זיך געדריקט, און אום פון זיינע געוויסענסביסע לויז צו ווערען, און די יסורים פון זיין נשמה אראָבצו־וואַרפען, מאַכט ער אַ פּילגער־רייזע צום הייליגען קבר! יעדער טריט, וואָס זיינע פאָדעשוועס דריקען אין דעם אונגעטראָטענעם וועג איין, איז אַ טראָפּען פון לינדערונג פאַר דער צו־וועהטאָגטע נשמה, און מיט יעדען איבערגעקומענעם

טאָג־רייזע, וואַרפּט דאס הארץ פון זיך פיעל דריקענדע צרות אראָב, און ווערט אַלץ גרינגער. — און מענט איהר דאס אָנרופען משוגעת, איהר וואָרט־קרעמער, זיצענדיג אויף אייערע ווייכע שטוהלען! משוגעת! — אָה, גאָטט! דו זעהסט מיינע טרעהרען! האסט דו עס נאך בעדאַרפט, דו, וועלכער האסט דעם מענשען ארעם גענוג בעשאפען, איהם נאך ברידער צו געבען, וועלכע רויבען פון איהם אוועק דאס ביסל אָרעמקייט, דאס ביסל פערטרויען וואס ער האט געהאט אויף דיר, אויף דיר, דו אַל־ליעבענדער? דען וואס איז דער צו־טרויען אין די היילינע גראָזען, צום טרעהרענדען ווינשטאָק, אויב ניט דאס פערטרויען אין דיר, דאס דו האסט אין אַלעס וואס רינגעלט אונז ארום, אריינגעלייגט היילונגס־קראפט און לינדערונג וועלכע מיר דארפען יעדע שטונדע האבען?

פאטער! וועלכען איך קען ניט! פאטער! וועלכער האט זאָנסט מיין הארץ אויסגעפילט, און איצט זיין פנים פון מיר אָבגעקעהרט! רוף מיר צוריק צו דיר! שווייג ניט לענגער! זאל דיין שווייגען ניט לענגער צוריקהאלטען דיזע דארשטענדע זעעלע. — און וואלט אַ מענש, אַ פאטער, קענען זיין צאָרניג, ווען זיין צוריק־קומענדעס קינד פאלט איהם אונגעריכט אויף'ן האלז און רופט: „איך בין ווידער דאָ, מיין פאטער! זיי ניט אין כעס וואס איך ברעך אונטער מיין רייזע, וועלכע, דו האסט געוואלט איך זאל עס נאך פאַרזעצען ווייטער!"

די וועלט איז אומעדום די זעלבע. זי עקזיסטירט אויף מיה און ארבייט, אויף לוין און פריידע; אָבער וואס קען איך האבען דערפון? מיר איז נאר גוט וואו דו ביזט, און נאר אין דיין געגענ־װאַרט וויל איך ליידען און געניסען. — און דו, ליעבער הימלישער פאטער, זאלסט דו דיין קינד צו זיך ניט צו־לאָזען?

1טער דעצעמבער.

װילהעלם! דער מאן פון װעלכען איך האב דיר געשריבען, דער גליקליכער אונגליקליכער, איז געװען א שרייבער ביי לאָטטע'ס פאטער, און א ליידענשאפט צו איהר, וואס האט זיך אין זיין הארץ ענטוויקעלט, וועלכע ער האט אָנפאנגס באהאלטען און נאכהער ארויסגעצייגט, און איבער וועלכע ער איז פון זיין שטעלע ענטזאגט געווארען, האט איהם צו משוגעת געטריבען. דענק נאָר, ביי דיזע טרוקענע ווערטער, וואס פארא ווירקונג די געשיכטע האט אויף מיר געמאכט, אלס אלבערט האט עס מיר דערצעהלט, אזוי רוהיג און געלאסען, פיעלייכט אזוי רוהיג ווי דו האסט עס געלעזען.

4טער דעצעמבער.

איך בעט דיר — דו זעהסט, מיט מיר איז עס אין גאנצען אויס. איך קען עס ניט פערטראגען לענגער!

היינט בין איך ביי לאָטטע'ן געזעסען. זי האט אויף'ן קלאוויר פערשיעדענע מעלאָדיען געשפיעלט, און מיט וואס פאר אן אויסדרוק! — איהר שוועסטערל האט איהר פופע אנגעטהאן ביי מיר אויף די קניע. מיר האבען זיך טרעהרען אין די אויגען געשטעלט. איך האב מיך איינגעבויגען, און איהר טרוי־רינג האט מיר פאר די אויגען א שיין געטהאָן. — מיינע טרעהרען האבען זיך געגאָסען — און מיט אמאל האט זי אָנגעהויבען צו שפיעלען איהר ליעבלינגס־ליעד מיט דער הימעל־זיסער מעלאָדיע. עס איז מיר דורך דער נשמה דורכגעגאנגען א געפיהל פון טרויסט און א עראינערונג פון אמאל, פון די צייטען ווען איך פלעג דיזע מעלאָדיע אָפט הערען; די פינסטערע צווישען־צייטען פון פערדרוס, פון פערפעהלטע האָפנונגען, אלעס איז מיר דורך'ן קאָפּ

דורכגעלאפען, און דאַן — איך בין אין צימער הין און צוריק געגאַנ־
גען; מיין הארץ ווערט דערשטיקט פון פערקלעמונג. „אום גאָטטעס
ווילען!“ האב איך אויפגערעגט אויסגערופען, „אום גאָטטעס ווילען!
הערט אויף!“ זי האט אויפגעהערט און מיר שטאַרר אנגעקוקט.
„ווערטהער!“ האט זי געזאגט מיט אַ שמייכעל וועלכער איז מיר דורך
די נשמה געגאַנגען, „ווערטהער, איהר זייט קראַנק! אייער ליעבלינגס־
געריכט שמעקט אייך שוין אויך ניט. געהט אייך! איך בעט אייך,
בערוהיגט זיך.“ איך האב מיך פון איהר ארויסגעריסען, און — גאָטט!
דו זעהסט מיינע יסורים און דו ועסט זיי אויך ענדיגען.

6טער דעצעמבער.

ווי פערפאָלגט מיר איהר געשטאַלט! סאַי וואַכענדיג, סאַי
חלום'ענדיג, פילט זי אָן מיין גאַנצע זעעלע! אָט דאָ אָ, ווען איך מאַך
די אויגען צו, אָט דאָ אָ, אונטער מיין שטערן, וואו די זעהענס־קראַפט
פעראייניגט זיך, שטעהען איהרע שווארצע אויגען, אָט דאָ אָ! איך
קען עס דיר ניט אויסדריקען. מאַך איך מיינע אויגען צו, דאַן זיינען
זיי דאָ; ווי אַ ים, ווי אַ תהום שפרייטען זיי זיך אויס פאר מיר, אין
מיר, און פילען אויס די געדאַנקען אונטער מיין שטערן.

וואס איז דער מענש, דער פיעלגעלויבטער האלב־גאָטט! פעהלען
איהם דען ניט אויס די קרעפטען, דארט וואו ער דאַרף זיי אַם נויטיג־
סטען? און ווען ער ווערט דערהויבען אין פריידען, אָדער ווען ער ווערט
פערזונקען אין ליידען, ווערט ער ניט, ביי ביידע, דוקא דארט אויפגע־
האלטען, דוקא דארט, צום טעמפען קאַלטען בעוואוסטזיין צוריק־
געבראַכט, ווען ער געהרט און זעהנט זיך, אין די פולהייט און אונענד־
ליכקייט צו פערליערען?

דער ארויסגעבער צום לעזער.

ווי וואלט איך זיך זעהר געוואונשען, דאס עס וואלטען געבליבען גענוג צייגניסע, וואס זאלען אונז געבען דעם ריכטיגען בעגריף, פון די לעצטע מערקווירדיגע טעג פון אונזער פריינד, אום איך זאל ניט דאר־פען געפינען פאר נויטיג, דעם גאנג פון זיינע צוריקגעלאזענע בריעף, דורך ערצעהלונג אונטערצוברעכען.

איך האב זיך מיה געגעבען, צו זאמלען ידיעות נאר פון אזעלכע, וועלכע האבען געקענט זיין גענוי אונטערריכטעט איבער זיין געשיכטע; זי איז איינפאך, און אללע ערצעהלונגען איבער איהם, שטימען אללע, ביז איניגע קלייניגקייטען, איין; נאר איבער די כאראקטערע פון די אנדערע פערזאנען, וועלכע האנדלען דא מיט, זיינען די מיינונגען פער־שיעדען, און די אורטהיילע געטהיילט. וואס אונז בלייבט איבריג, איז, צו איבערגעבען, עהרליך און טריי, דאס וואס מיר האבען דורך פיעל מיה ערפאהרען, און די בריעף וואס זיינען פון פערשטארבענעם געבליבען, אפילו די קלענסטע צעטעלאך אריינגערעכענט. ווייל עס איז אזוי שווער צו ענטדעקען, די אמת'ע ווירקענדע ספרודזינעס, אפילו פון א איינציגע האנדלונג, ווען דאס קומט פאר ביי מענשען פון אויסערגעוועהנליכען סארט.

מוטה־ און לוסטלאזיגקייט, האבען זיך אין ווערטהער'ס נשמה אימער טיעפער און טיעפער געווארצעלט, זיך פעסטער איינס אין אנ־דערען פערפלאכטען, און ביסליכווייז זיין גאנצען וועזען פארנומען. די הארמאניע פון זיין גייסט איז אין גאנצען צושטערט געווארען; א אינ־נערליכע היץ און העפטיגקייט, וועלכע האט זיין גאנצע נאטור דורכ־גענומען, האבען די ערגסטע ווירקונגען געבראכט, און האבען איהם צולעצט בלויז מידקייט איבערגעלאזען, פון וועלכע ער האט זיך געוואלט

בעפרייען, און מיט מעהר אנגסט און פערצווייפלונג געקעמפפט געגען איהר עהדער געגען די אנדערע ליידען. זיין הארץ־קלעמענעס האט אויך פערצעהרט זיינע איבעריגע גייסטעס־קרעפטען, זיין לעבהאפטיג־קייט און זיין שארפזין; ער איז געווארען א טרויעריגער קאמפאניאן, אימער און אימער אונגליקליכער, און וואס אונגליקליכער ער איז געווארען, איז ער אלץ אונגערעכטער געווארען, געגען זיך ווי אויך געגען אנדערע. אם ווענינסטענס, זאגען דאס אלבערט'ס פריינד. זיי בעהויפטען, דאס ווערטהער האט ניט געקענט, דעם ריינעם, רוהיגען מאן, וועלכער האט זיין געווינשטעס גליק עררייכט, און האט דאס אויך פיר די צוקונפט געוואלט בעשיצען און פערזיכערען, ריכטיג בעאורטיילען. ער, וועלכער האט צו דער זעלבער צייט מיט יעדען טאג זיין גאנץ פערמעגען פערצעהרט, אום אין אבענד צו ליידען און דארבען. אלבערט, זאגען זיי, האט זיך אין אזא קורצע צייט ניט פערענדערט. ער איז נאך אלץ געוועזען דער זעלבער, וועלכען ווערטהער האט פון אנפאנג געקענט, און אזוי פיעל געשעצט און געעהרט. ער האט געליעבט לאטטע'ן מעהר ווי אלעס. ער איז געוועזען שטאלץ אויף איהר, און זיך געוואונשען, איהר, פון יעדען איינעם געשעצט און געאכטעט צו זעהן און אלם דאס הערליכסטע געשעפף אנערקענט צו ווערען. איז עס איהם געוועזען צו פערדיינקען, ווען ער האט זאגאר יעדען שיין פון פערדאכט געזוכט אבצו־ווענדען; ווען ער האט ניט געהאט קיין לוסט צו טהיילען מיט קיינעם, אפילו אויף'ן אונשולדיגסטען אופן, דיזען קאסט־בארען בעזיץ? זיי געבען צו, דאס אלבערט האט אפט זיין פרוי'ס צימער פערלאזען, ווען ווערטהער איז דארט מיט איהר געוועזען, אבער ניט אוים האס אדער אויסמיידען געגען זיין פריינד, נאר, ווייל ער האט געפיהלט דאס דיזער פיהלט זיך פון זיין געגענווארט גערריקט.

לאטטע'ס פאטער איז קראנק געווארען און האט ניט געקענט פארלאזען די הויז. ער האט לאטטען זיין וואגען געשיקט און זי איז צו איהם ארויסגעפארען. עס איז געוועזען א שעהנער ווינטער־טאג. דער ערשטער שנעע איז אנגעפאלען הויך און באדעקט די גאנצע געגענד.

ווערטהער איז אויף'ן צווייטען טאג אין פריהמאָרגען אַהין אַרויס, אום, פאַלס אַלבערט וועט ניט קומען אָבנעהמען לאָטטע'ן וועט ער זי אַהיים בעגלייטען. דער קלאָרער וועטער האט אויף זיין בעטריעבטען געמיטה ווענִיג וואס געווירקט; אַ דומפּע דריקענעס איז אויף זיין זעעלע געלעגען. די טרויעריגע בילדער האבען ביי איהם זייער פּלאַץ פערנומען, און זיין געמיטה האט קיין אנדער בעוועגונג ניט געקענט מאכען, ווי נאר, פון איין שמערצליכען געדאַנק צו אַ צווייטען צו שפּרינגען. פאַרבריינגענדיג מיט זיך אַליין אין שטענדיגע אונצופרידענהייט, האט איהם אויך דער צושטאַנד פון אַנדערע, אויסגעוויזען פיעל ערגער און פאַרפּלאָנטעטער ווי ס'איז אין אמת'ן. ער האט געגלויבט, דאס ער האט געשטערט דעם שעהנעם פערהעלטניס צווישען אַלבערט און לאָטטע. ער האט זיך איבער דעם אַליין פאָרווירפע געמאכט, אין וועלכע עס האט זיך געמישט אַ בעהאַלטענער אונווילען געגען אַלבערט'ן.

געהענדיג, זיינען זיינע געדאַנקען געפאַלען אויף דיזען געגענשטאַנד. „יא, יא,“ האט ער געזאגט צו זיך אַליין, מיט אַ בעהאַלטענעם צייהן־קריצען. „איז דאס פערטרויטער, פריינדליכער, צערטליכער, אַן אַלעם טהיילנעהמענדער אומגאַנג! די רוהיגע, די עהרענהאַפטע טרייהייט! ניין, זעטיגקייט איז עס בלויז, און גלייכגילטיגקייט! ציהט איהם ניט יעדער קלענסטער געשעפט מעהר צו, אַלס זיין טרייע קאָסטבאַרע פרוי? ווייס ער ווי זיין גליק צו שעצען? ווייס ער זי צו אַכטען ווי זי פערדיענט עס? ער האָט זי, נו גוט, ער האט זי — איך ווייס דאס, ווי איך ווייס אויך עפּעס אַנדערש. איך גלויב, איך בין שוין געוואוינט צו דיזען געדאַנק. ער וועט מיר נאך ווילד מאכען, דיזער געדאַנק, ער וועט מיר נאך אומבריינגען. — און האט דען זיין פריינדשאפט צו מיר אויסגעהאַלטען? זעהט ער ניט, אין מיין טהייל־נאַמע אין לאָטטע'ן, שוין אַן איינגריף אין זיינע רעכטע? אין מיין אויפמערקזאַמקייט צו איהר — אַ שטילען פאָרוואורף? איך ווייס עס גוט, איך פיהל עס. ניט גערען, זעהט ער מיר, ער ווינשט זיך

דאס איך זאל אוועקגעהן, מיין געגענוואַרט איז איהם אַב־שויליך.

אָפּט, האט ער זיין שנעלען טריט אַבגעהאלטען. ער האט זיך אָפּט אבגעשטעלט, און עס האט אויסגעזעהן ווי ער וויל זיך אומקערען, ער איז אבער זיין וועג ווייטער געגאנגען, און אין דיזע געדאַנקען, און צו זיך אַליין רעדענדיג, איז ער געגען זיין אייגענעם ווילען צום יאַגד־הויז אָנגעקומען.

ער האט געעפענט די טהיר און געפרעגט אויף'ן אַלטען און לאָטטען. ער האט געפונען דאס גאנצע הויז אין אויפרעגונג. דער עלטערער אינגעל האט איהם געזאגט, דאס דערבייַ אין וואלהיים האט אַן אונגליק געטראָפען; אַ בויער איז דארט גע'הרג'עט געווארען. — דאס האט אויף איהם קיין איינדרוק ניט געמאכט — ער איז אריין אין הויז און געפונען לאָטטע'ן בעשעפטיגט, דעם אַלטען, וועלכער ניט אַכטענדיג זיין קראַנקהייט, האט ער געוואלט אהין צום מאָרד־פּלאַץ געהן — איבערצורעדען און אבצוהאלטען. ווער דער מערדער איז, האט מען נאך ניט געוואוסט. מען האט דעם ערמאָרדעטען אין דער פריה פאר'ן הויז־טהיר געפונען. מ'האט אַ חשד: דער טוידטער האט גע־דיענט ביי אַן אלמנה, און מען דענקט דאס האט געטהאן איהר פריי־הערדיגער דיענער, וועלכער האט איהר הויז אונצופרידענערהייד נעמוזט פערלאָזען.

אַז ווערטהער האט דאס דערהערט איז ער העפטיג אויפגע־שפּרונגען. „איז דאס מעגליך?" האט ער אויסגעשריען; „איך מוז אַהין געהן, איך קען אַ מינוט ניט רוהען." ער איז שנעל נאך וואַל־היים אַוועק. יעדער עראינערונג האט זיך איהם לעבענדיג פאר די אויגען געשטעלט, און ער האט אַ מינוט ניט געצווייפעלט, דאס יענער מאן, מיט וועלכען ער האט אזוי פיעל מאל גערעדט, און וועלכער איז ביי איהם אזוי טהייער געווארען, האט דיזע טהאַט בעגאנגען.

אַז ער איז דורך די לינדענבוימען געגאנגען, וואו ער האט גע־מוזט דורכגעהן, אום צו קומען צום שענק, וואו מען האט דעם טויטען

קערפּער געבּראכט, איז ער אַ פּערציטערטער געוואָרען. דיזער זאַנסט אַזוי אַנגענעהמער פּלאַץ האָט אויף איהם אַ שרעק ארויפגעוואָרפען. יענער שוועל, אויף וועלכען די שכני'שע קינדער פּלעגען אַזוי אָפט זיך שפּיעלען, איז געווען מיט בּלוט פערגאָסען. ליעבּע און טרייהייט, די שעהנסטע געפיהלען בּיי'ם מענשען, האָבען זיך פערוואַנדעלט אין גע־וואַלט און מאָרד. די שטאַרקע בּוימען זיינען אָהן בּלעטער און שאָטען געשטאַנען; די שעהנע קוסטעס וואָס האָבען זיך איבּער'ן נידעריגען בּית־עלמין פּאַרקאַן אריבּערגעבּויגען, זיינען געווען הויל און דאַרר, און די מיט שנעע בּעדעקטע מצבות האָבּען פון די לעבער ארויסגעקוקט.

ווען ער איז צוגעקומען נאָהנט צום שענק, וואו דער נאַנצער דאָרף האָט זיך פערזאַמעלט, האָט זיך מיט אַמאָל געלאָזט הערען אַ געשריי. פון וויטענס האָט מען דערזעהן אַ קאָמפּאַניע בּעוואָפענטע מענער, און עס האָט זיך געלאָזט הערען קולות, דאָס מ'האָט דעם מערדער געפאַנגען. ווערטהער האָט איהם דערזעהן און האָט אַ האָאר ניט מעהר געצווייפעלט. יאַ! דאָס איז געווען דער בּויערן־יונג וואָס האָט געליעבּט אַזוי שטאַרק די אלמנה, וועלכען ער האָט מיט אַ צייט צוריק, אין שטילען צאָרן און בּאַהאַלטענע פערצווייפלונג געטראָפען.

„וואָס האָסט דו געטהאָן, אונגליקליכער!" האָט ווערטהער אויס־געשריען, ציטערנדיג, צום געפאַנגענעם. דיזער האָט איהם רוהיג אָנ־געקוקט און געשוויגען. ענדליך האָט ער גאַנץ געלאַסען געזאָגט: „קיינער וועט איהר ניט האָבּען, און זי וועט קיינעם ניט האָבען." מען האָט דעם געפאַנגענעם אין שענק אריינגעפיהרט און ווערטהער איז אַוועק.

פון די ענטזעצליכע אויפפיהרונג, איז אַלעס וואָס איז אין ווערטהער'ס וועזען געלעגען, דורכגעטרויסעלט און דורכגעמישט געוואָ־רען. פון זיין טרויער, זיין געבּראָכענעם מוטה און זיין גלייכגילטיגע שטעלונג, איז ער אויף אַן אויגענבּליק ארויסגעריסען געוואָרען. ער האָט זיך בּעמעכטיגט איבּער זיין אַנטייל אָן זיך אַליין און עס האָט איהם אָנגענומען אַ אונאויסשפּרעכליכער וואונש, דעם מאַן צו רעטען:

ער האט געפיהלט ווי ווייט יענער איז דאס אונגליקליך, און האט איהם אלס פערברעכער, געפונען אונשולדיג. ער האט אזוי טיעף אין יענעמס לאגע איינגעדרונגען, דאס ער האט געגלויבט געווים אויך אנדערע דערפון צו איבערצייגען. איהם האט זיך געוואלט דעם מאן פערטהייר־דיגען, די פערטהיידיגונגס־רעדע איז איהם שוין אויף די ליפען געלעגען; ער איז צום יאגד הויז געלאפען, און אויף'ן וועג האט ער זיך ניט גע־קענט איינהאלטען, צו זיך אליין האלב־לויט צו רעדען, אלעס וואס ער האט זיך פארגעשטעלט צו טענה'ען פאר'ן קרייז־ריכטער.

אז ער איז אין הויז אריין, האט ער דארט געטראפען אלבערט'ן; דאס האט איהם א ביסל צוטומעלט, דאך האט ער זיך באלד ווידער געפאסט, און האט דעם קרייז־ריכטער, מיט התלהבות, זיין מיינונג פארגעלייגט. דיזער האט איניגע מאל מיט'ן קאפ געשאקעלט. און באטש ווערטהער האט מיט טהיילנאמע, מיט ליידענשאפט און וואר־הייט, אלעס פארגעבראכט וואס מ'קען נאר פארברייננגען צו די פער־טהיידיגונג אין אזא פאל, האט זיך דער קרייז־ריכטער, ווי מען האט עס געקענט פערשטעהן, גאר ניט געלאזט ריהרען. ער האט אפילו אונזער פריינד ניט געלאזען זיך גענוג אויסרעדען און האט איהם שטארק ווידערגעשפראכען. ער האט איהם נאך אויך געטאדעלט, פאר וועלען פערטהיידיגען און בעשיצען א פשוט'ן מערדער; ער האט איהם ער־קלערט, אז אויף אזא אופן, פערבייענדיג דעם געזעץ אין אזעלכע פעל־לע, איז דאס גאנצע לאנד ניט זיכער; אויך האט ער נאך צוגעגעבען, דאס אין אזא פאל קען ער אליין גארניט מאכען, אום אויף זיך ניט צו נעהמען די גרעסטע פעראנטווארטליכקייט. עס מוז אלעס געהן אין ארדנונג, אויף'ן געזעצליכען וועג.

ווערטהער האט זיך נאך ניט אונטערגעגעבען. ער האט דעם קרייז־ריכטער געבעטען, אז אין פאל מ'וועט דעם מאן העלפען אנט־לויפען, זאל ער בלויז דורך די פינגער קוקען און ניט אזוי פיעל אנ־שטרענגען זיך ביי'ם זוכען. אויך דאס האט איהם דער ריכטער ענטזאגט. אלבערט, וועלכער האט זיך ענדליך אויך אריינגעמישט

אין געשפּרעך, האט געהאלטען אויף'ן אלטען'ס זייט; ווערטהער האט גארניט געקענט אויספיהרען, און נאכדעם אז דער אלטער האט א פּאָאר מאל איבערגע'חזר'ט: „ניין איהם קען מען ניט רעטען!" האט ער מיט א שרעקליכען שמערץ פארלאזען די הויז.

ווי שטארק דעם אלטען'ס לעצטע ווערטער האבען איהם אויפ־געריהרט, זעהען מיר פון א קליין צעטעלע וואס האט זיך צווישען זיינע פּאַפּירען געפונען, און וועלכער איז געוויס געשריבען געווארען אין יענעם טאג:

„מ'קען דיר מעהר ניט רעטען, אונגליקליכער! איך זעה עס גוט, מ'קען אונז ניט מעהר רעטען!"

וואס אלבערט האט געזאגט צו ענד אין געגענוואַרט פון קרייז־ריכטער, אין בעצוג פון געפאנגענעם, איז ווערטהער'ן געוועזן שטארק צו־ווידער; ער האט געגלויבט אין דעם עפּעס געגען זיך צו בעמערקען, און כאָטש, גוט נאָכדענקענדיג די זאך, איז עס זיין שארפען פערשטאנד גוט קלאָר געווארען, דאס דיביידע מענער זיינען גערעכט אין זייער אורטהייל, איז עס איהם דאך געווען אונמעגליך דאס מודה צו זיין.

אונטער זיינע פּאַפּירען געפינט זיך א צעטל, וועלכער דריקט פיעלייכט אויס, זיין גאנצע בעציהונג צו אלבערט'ן:

„וואס העלפט עס מיר, וואס איך האלט אין איין זאגען, דאס ער איז גוט און בראַוו? ער איז אבער די אורזאכע פון מיין ליידען, און איך קען ניט בלייבען גערעכט געגען איהם."

דער אבענד איז געוועזן לינד. עס האט אויסגעזעהן ווי עס געהט ווערען אָן אָדליגע, און אלבערט מיט לאָטטע'ן זיינען געגאנגען אהיים צו פוס. געהענדיג האט זי זיך יעדעס מאל אומגעקוקט, אזוי ווי עס האט איהר אויסגעפעלהט ווערטהער'ס בעגלייטונג. אלבערט האט

אנגעהויבען צו רעדען וועגען איהם. ער האט איהם געטאדעלט און געהאלטען פאר אונגערעכט, ער האט אויך בעריהרט אין זיין גע־שפרעך, זיין אונגליקליכע ליידענשאפט, און האט זיך געוואונשען, אז עס וואלט געווען א מעגליכקייט, איהם פון זייער הויז צו ער־ווייטערן. „איך ווינש עס אויך פון אונזער'ט וועגען," האט ער געזאגט, „און איך בעט דיר, דו זאלסט זיין בענעהמען זיך צו דיר, געבען אן אנדער ריכטונג, זיינע אָפטע וויזיטען זאלען אביסל זעלטענער ווערען, לייטע ווערען אויפמערקזאם, און איך וויים, דאס מען האט שוין אין א סך ערטער וועגען דעם גערעדט." לאָטטע האט געשוויגען, און אַלבערט, האט עס אויסגעזעהן, האט פערשטאנען וואס איהר שוויינען מיינט. פון דאן אָן פלעגט ער ווערטהער'ס נאמען ניט מעהר דערמאנען פאר איהר, און ווען זי פלעגט עס אמאל דערמאנען, פלעגט ער אבהאקען דעם געשפּרעך אדער געבען עס אן אנדער ריכטונג.

די אומזיסטע פּראָבע וואס ווערטהער האט געמאכט, דעם אונגליקליכען צו רעטען, איז געווען דאס לעצטע אויפפלאמען פון א אויסגעהענדע ליכט. נאך דעם איז ער נאך טיעפער אין שמערץ און אונטהעטיגקייט פערזונקען. עס האט איהם זעהר אויפגערעגט אלס ער האט געהערט, דאס מען וועט איהם נאך פיעלייכט אלס עדות רופען געגען דעם מאן, וועלכער האט אנגעהויבען לייקענען זיין פערברעכען.

אלעס וואס ער האט נאר ווען עס איז אין זיין לעבען עפּעס אונאנגענעהמעס געהאט; אלעס וואס עס האט איהם ווען עס איז אין זיין לעבען געקרענקט און פערדרוס פערשאפט, איז אויפ־געשטאנען תחית המתים אין זיין נשמה, און זיך בעוועגט און בעלעבט. ער איז געווארען אין גאנצען אונטהעטיג. ער האט זיך געפונען אָבגעשניטען פון אללע אויסזיכטען, אונפעהיג וועלכע עס איז ארבייט צו טהאן און צו מאכען זיך ניצליך אין טעגליכען לעבען. און אזוי איז ער וואס ווייטער, אין גאנצען צו זיין וואונדערבארע עמפּפינדונג, זיין דענקען און ענדלאָזע ליידענשאפט איבערגעגעבען,

און דעם טרויעריגען אומגאנג מיט דאס ליעבסטע, וועמעס רוהע ער האט געשטערט, נעהנטער צו זײן סוף געקומען.

עטליכע בריעף װעלכע זײנען פון איהם געבליבען, װעלכע זײנען ריכטיגע עדות פון זײן פערװירטקייט, פון זײן לײדענשאפט, פון זײן רוהעלאָזען טרײבען און שטרעבען, און פון זײן לעבענס־מיעדקייט, װעל איך נאך דא צו־געבען.

12טער דעצעמבער.

ליעבער װילהעלם! איך בין איצט אין אַזאַ צושטאנד, אין װעל־כע יענע אונגליקליכע האבען געמוזט זײן, פון די װאס מען האט געגלויבט, זײ זײנען פון בײזע גײסטער ארומגעטריבען געװארען. עס כאפט מיר פיעל מאל אן — עס איז ניט קײן אַנגסט, ס'איז אויך ניט קײן בעגעהר, עס איז אַ אינערליכע, אונבעקאנטע װילדקייט, װעלכע דראָהט מײן ברוסט אויפצורײסען, װעלכע שטיקט מיר אין האלז! װעה מיר! װעה! און דאַן לויף איך װי משוגע ארום, אין די שרעקליכע נעכט פון דיזער מענשענפײנדליכער יאהרעס־צײט.

נעכטען אבענד האב איך אין הויז ניט געקענט אײנזיצען, איך האב געמוזט ארויס. פלוצלינג איז אַן אָדלינגע געװארען. איך האב געהערט דאס דער טײך איז אריבער, אַלע װאסערן האבען זיך אויפ־געהויבען, און ארונטער פון װאַלהײם מײן ליעבען טהאל פארפלײצט. עלף אוהר בײנאכט, בין איך אהין געלאפען. אַ שרעקליכע בילד האב איך געזעהן. פון פעלז ארונטער, האט זיך דאס רוישענדע װאסער געקײקעלט פאר'ן שײן פון דער לבנה, איבער פעלדער און לאַנקעס און קוסטעס, און דער גרויסער טהאל האט אויסגעזעהן װי אַ שטורמדיגער ים, געשטויסען פון אַ פײפענדען װינד! און אז די לבנה איז פון באהעלטענעס װיעדער ארויסגעקראָכען און איבער אַ שװארצען װאָלקען גערוהט, און די פערפלײצונג איז פאר מיר געלעגען

אויסגעשפרייט מיט איהר שרעקליך־שעהנעם גלאנץ אויף'ן פנים, און ס'האט זיך געריהרט, און עס האט געקלונגען און גערוישט ארום, איז מיר אן אימה איבערגעפאלען, און נאכדעם א בענקען! אָה! מיט אויסגעשפרייטע הענד בין איך פאר'ן אָבגרונד געשטאנען און געשטאַמעלט: „ארונטער! ארונטער!“ און האב מיר פערלארען אין דעם גליקליכען געדאנק: מיינע צרות, מיינע יסורים, ארונטערצו־שטורמען, אַראָבצושווימען דאָ ווי די וועלען! אָה! — און דעם פוס פון ד'רערד אויפצוהויבען האסטו ניט געקענט, אום אַלע דיינע שמער־צען צו ענדיגען! מיין זייגער איז נאך ניט אויסגעגאנגען, איך פיהל דאס, ווילהעלם! ווי גערן וואלט איך מיין מענש־זיין אבגעבען, אום צו קענען צוזאמען מיט'ן שטורמווינד, די וואָלקענס צורייסען, די וואַס־סערן ארומנעהמען! הא! און וועט אמאל דער אין תפיסה איינגע־שלאָסענער דיזען גליק ניט האבען?

און מיט וואס פאַרא שמערצען האב איך אראָבגעקוקט אויף א קליין פלעצל, וואו איך האב אמאל מיט לאָטטע'ן, נאך א הייסען זומערטאגס־שפּאַציר אונטער א ווערבע־בוים גערוהט. — דאס איז אויך געווען פערפלייצט, און איך האב קוים די ווערבע דערקענט, ווילהעלם! — און איהרע לאָנקעס, האב איך געקלערט, די געגענד ארום איהר יאגד־הויז! ווי פערוויסטעט איז אונזער אַלטאַנקע פון דעם רייסענדען שטראָם געווארען, האב איך פאר זיך געטראַכט, און עס האט מיר א שיין געטהאן אין געדאנק, ווי דער זאָנענשיין פון פערגאנגענהייט, ווי א חלום וועלכער לאַזט דעם געפאנגענעם ווידערזעהן זיין היים, זיינע סטאַדעס, זיינע לאָנקעס און אנדערע פערגניגענס. איך בין געשטאנען! — איך האב זיך אליין ניט בלאַמירט, דען איך האב דעם מוטה צו שטארבען. — איך וואלט — נון, זיץ איך איצט דא ווי אן אלטע פרוי, וועלכע קאלופּעט איהר האָלץ פון די פּאַרקאַנעס ארויס, און איהר ברויט בעטעלט זי אויס קלאַפּענדיג אן די טהירען, אום איהר אבשטארבענדען פריידענלאָזען דאזיין, נאך א מינוט צו פערלענגערען און פערלייכטערן.

14טער דעצעמבער.

וואס איז מיט מיר, מיין ליעבער ווילהעלם ! איך דערשרעק זיך פאר מיר אליין ! איז מיין ליעבע צו איהר ניט געווען די הייליגסטע, ריינסטע, ברידערליכסטע ליעבע ? האב איך אמאל געפיהלט אין מיין הארצען א שטראפבארען וואונש ? — נאר איך וויל ניט פראָ־טעסטירען — און איצט, אָה, חלומות ! אך, ווי אמת האבען דאס די מענשען געפיהלט, ווען זיי האבען מיחס געווען די ווידערשפרעכענד'ע ווירקונגען צו אונבעקאנטע עלעמענטען ! אָה, דיזע נאכט ! — איך ציטער עס צו זאגען — האב איך זי אין מיינע ארעמס געהאלטען, פעסט צו מיין הארצען געדריקט, און האב איהר ליעבען פליסטערנדן מויל מיט קושען באדעקט ; מיינע אויגען זיינען געשוואומען אין די בעטרונקענהייט פון איהרע אויגען ! אָה, גאָטט ! קומט מיר דען א שטראָף, דערפאר וואס איך פיהל נאך אויך איצט א זעליגקייט, זיך אן דיזע גליהענדע פריידען דערמאנענדיג ? לאָטטע ! לאָטטע ! — און מיט מיר איז עס צו ענדע. מיינע געדאנקען פערפלאָנטערן זיך. שוין א גאנצע וואָך אז איך האב ניט מעהר קיין בעזינונגסקראפט. מיינע אויגען זיינען מיט טרעהרען פערלאפען. איך פיהל ניט־גוט אי־בעראל, און איבעראל פיהל איך גוט ; איך ווינש זיך קיין זאך און פערלאנג ניט קיין זאך. עס וואלט מיר פיעל בעסער געווען ווען איך וואלט אוועק.

דער ענטשלוס, די וועלט צו פערלאזען, האט אין דיזער צייט, אונטער אזעלכע אומשטענדען, אימער מעהר קראפט אין ווערטהער'ס נשמה געוואונען. זינט ער איז צו לאָטטע'ן צוריק געקומען, איז דאס שטענדיג געווען זיין לעצטע אויסזיכט און האָפנונג ; דאך האט ער זיך בעשלאססען, עס זאל ניט זיין קיין איבעראיילטע, שנעללע טהאט; ער האט געוואלט, מיט די בעסטע איבערצייגונגען, מיט דער מעגליכסט רוהיגסטער ענטשלאססענהייט, דיזען שריט צו מאכען.

זיינע ספקות, זיין שטרייט מיט זיך אליין, זעהט מען ארויס פון א צעטעלע, וועלכער איז וואהרשיינליך אן אנגעהויבענער בריעף צו ווילהעלם'ן און איז אהן א דאטום אונטער זיינע פאפיערען געפונען געווארען:

„איהר געגענווארט, איהר שיקזאל, איהר טיילנעהמונג אין מיינעם, פרעססען נאך ארויס די לעצטע טרעהרען פון מיין פארברענטען מח.

„דעם פארהאנג אויפהויבען און אריינגעהן! דאס איז אלעס! און צו וואס זיך ישוב'ן און ווארטען? ווייל מ'וויים ניט ווי עס זעהט דארטען אויס? און ווייל מ'קומט פון דארט ניט צוריק? און ווייל עס איז די שמאלקייט פון אונזער שכל, צו פארשטעלען זיך א זאך וואס איז אונז אונבעשטימט, אלס דונקעל און פינסטער?"

ענדליך איז ער מיט זיינע טרויעריגע געדאנקען אימער מעהר בעפריינדעט און פערבונדען געווארען, און זיין פלאן, פעסט בעשלאססען, פון וועלכע דער פאלגענדער צווייטייטיגער בריעף צו זיין פריינד בעשטעטיגט עס.

20טער דעצעמבער.

איך בין דאנקבאר דיין ליעבע, ווילהעלם, פאר וועלען מיר צו רעדען. יא, דו ביזט גערעכט; מיר וואלט בעסער געווען ווען איך געה פון דאנען אוועק. דיין פארשלאג, צוריק צו אייך קומען, געפעהלט מיר ניט אין גאנצען; ווייניגסטענס, וואלט איך נאך גערן אנגעלעגט א ביסל וועג, איבערהויפט איצט, ווען מ'קען ערווארטען דאס די וועג זאל זיך שטעלען צוליעב דעם אנהאלטענדען פראסט. עס איז מיר אויך זעהר אנגענעהם, דאס וואס דו ווילסט אהער קומען, מיר אהיים צו נעהמען; ווארט נאר, איך בעט דיר, נאך צוויי וואכען, אויך ווארט

אויף נאך א בריעף פון מיר מיט ווייטערדיגע מעלדונגען. מען דארף ניט רייסען בעפאר עס ווערט צייטיג; און צוויי וואכען, אהער אדער אהין, זיינען א סך. מיין מוטער זאלסטו זאגען, זי זאל פאר איהר זוהן תפלה טהאן, און זי זאל מיר פערצייהען פאר די גאנצע ערגערנים וואס איך האב איהר פערשאפט. דאס איז מיין שיקזאל געווען אזא, צו בע־טריבען און פערביטערן יענע, וועמען איך האב בעדארפט מיט פרייד־שמחות בעצאהלען. לעב וואהל, מיין טהייערער! אלע ברכות פון הימעל זאלען אויף דיר קומען, לעב וואהל!

וואס אין לאטטע'ס נשמה איז אין יענער צייט פארגעקומען; וואס איהר שטעלונג איז געווען, צו איהר מאן און צו איהר אונגליק־ליכען פריינד — דאס קענען מיר זיך ניט געטרויען מיט ווערטער אויסצודריקען, כאטש, קענענדיג איהר כאראקטער, קענען מיר זיך א שטיקעל בעגריעף דערפון מאכען, און א שעהנע ווייבליכע זעעלע, קען זיך אין איהרע אריינדרינגען און מיט איהר מיטפיהלען.

אזוי פיעל אין געווים. זי איז געווען פעסט בעשלאסען, צו טהאן אלעס אום ווערטהער'ן צו ערווייטערען, און איהר קוויינקלען און צווי־דערן, איז געווען ניט מעהר ווי א הערצליכע, פריינדשאפטליכע שוינונג, ווייל זי האט געוואוסט, פיעל דאס וועט איהם קאסטען, יא, דאס עס וועט פאר איהם גאר זיין כמעט ווי אונמעגליך. דאך האבען איהר די אומשטענדען געצוואונגען, די זאך ערנסט אויסצופיהרען. איהר מאן האט איבער דיזען פערהעלטנים אין גאנצען געשוויגען, און זי האט אויך אויסגעמיטען צו רעדען איבער דעם, פיהלענדיג, דאס מיט דעם ווערט איהר געוויסען, געגען איהר מאן, פיעל ווענינ בעפרידיגט.

אין דעם זעלבען טאג וואס ווערטהער האט דעם אויבענגע־בראכטען בריעף געשריבען צו זיין פריינד — דאס איז געווען דער זונטאג פון די ווייהנאכטען־וואך, איז ער אין אבענד געקומען צו לאטטען און האט זי געפונען אליין אין הויז; זי איז געווען בעשעפטיגט, איי־נינע שפיעלזאכען, וועלכע זי האט געהאט צוגעגרייט פאר איהרע קלײנע

ברידער און שוועסטער אַלס ווייהנאַכטען מתּנות — אין אָרדנונג צו בריינגען. ער האט גערעדט פון דער שמחה וואס די קינדער וועלען האבען, און פון די צייטען, ווען דאס אונערוואַרטעטע אנבּליק פון קריסט־בוים, אויסגעפּוצט מיט ליכטלעך, צוקערוואַרג און פרוכטען, מאכט איינעם פיהלען אזוי ווי אין גן־עדן. „איהר ווערט,״ האט לאָטטע געזאגט, און האט איהר פערלעגענהייט אונטער אַ ליעבען שמייכעל באהאלטען, „איהר וועט אויך קריגען אַ פּרעזענט, אויב איהר וועט זיך נאר גוט אויפפיהרען.״ — „און וואס רופט איהר, זיך גוט אויפפיה־רען ?״ האט ער אויסגערופען, „ווי זאל איך דען זיין ? ווי קען איך דען זיין ? בעסטע לאָטטע !״ — „דאָנערשטאג אבענד״ האט זי געזאגט, „איז ווייהנאַכטען, דאן וועלען קומען די קינדער, מיין פאטער וועט אויך קומען, און יעדער איינער וועט קריגען דאס זייניגע, קומט איהר אויך — אבער ניט פריהער. —״ ווערטהער איז געשטאנען פערוואונדערט.

— „איך בּעט אייך״ האט זי ווייטער געזאגט, „איך פערלאנג עס פון אייך ; איך בעט אייך אום דעם ווילען פון מיין אייגען גליק און רוהע, עס קען אזוי ניט בּלייבען. — ״ ער האט די אויגען פון איהר אבּ־געקעהרט און איז איבּער׳ן צימער הין און צוריק געגאנגען, און האט צווישען די צייהן געמורמעלט : „עס קען אזוי ניט בּלייבען !״ לאָטטע, וועלכע האט געפיהלט דעם שרעקליכען צושטאנד, אין וועלכען דיזע ווערטער האבען איהם פאַרזעצט, האט געזוכט דורך אַלערליי פראגען זיינע געדאנקען צו צערשטרויען, אבער נאר אומזיסט. „ניין לאָטטע !״ האט ער אויסגערופען, „איך וועל אייך ניט וויעדערזעהן !״ — „וואָרום ?״ האט זי געזאגט ; „ווערטהער, איהר קענט, איהר מוזט אונז וויעדערזעהן, נאר בערוהיגט זיך ; אָה וואָרום זייט איהר גע־בּארען געווארען מיט דיזער האסטיגקייט, מיט דיזער אונבעצווינגלי־כער ליידענשאפט פאר אַלעס וואס איהר קריעגט נאר איין מאל אָן?״ — „איך בעט אייך״ האט זי ווייטער גערעדט און האט איהם ביי׳ם האנד אָנגענומען, „בערוהיגט אייך ! אייער גייסט, אייער בילדונג, אייער טאַלאַנט, וואס פאַר פריידען קענען זיי אייך פערשאפען ! זייט

אַ מאַן! שנײנדט אָב די טרויעריגע פערבינדונג מיט אַ פּערזאָן וואָס קען ניט מעהר טהאָן, ווי נאָר אײך צו בעדויערען.״ — ווערטהער האָט געקריצט מיט די צײהן און פינסטער אָנגעקוקט לאָטטע'ן. זי האָט זײן האַנד געהאַלטען אין איהרע. — „נאָר אײן אויגענבליק מיט רוּ־היגען געדאַנק, ווערטהער!״ האָט זי זיך געבעטען, „פיהלט איהר ניט דאָס איהר בעטריעגט זיך אַלײן? דאָס איהר טרײבט זיך מיט'ן אײ־גענעם ווילען צו גרונד? וואָרום דען נאָר מיר, ווערטהער? דוקא מיר, דער אײגענטהום פון אַן אַנדערען? איך האָב מורא, איך האָב שטאַרק מורא, עס איז אַ אונמעגליכע זאַך מיר צו בעזיצען, די, וועלכע מאַכט אײך דיזען וואונש אַזוי רײצענד!״ ער האָט אַרויסגעצויגען זײן האַנד פון איהרע, וועהרענד ער האָט איהר מיט אַ שטאַררען טריבען בליק אָנגעקוקט. „קלוג!״ האָט ער געזאָגט, „זעהר קלוג! האָט אפשר אַלבערט געמאַכט דיזע אָנמערקונג? פּאָליטיש! זעהר פּאָליטיש!״ „יעדער אײנער קען אַזאַ זאַך בעמערקען,״ האָט זי צוגעגעבען. „און ניט שוין דען קען זיך אין דער גאַנצער וועלט ניט געפינען אַ פרויענצימער, וואָס זאָל אײך קענען גליקליך מאַכען און די ווינשע פון אײער האַרץ ערפילען? זוכט, זי צו געפינען, און איך שווער אײך אַז איהר וועט זי אויך געפינען; עס האָט מיר לאַנג שמערצען פערשאַפט, פאַר אײך ווי אויך פאַר אונז, די בעשרענקונג, אין וועלכע איהר האָט זיך די לעצ־טע צײט אײנגעשלאָסען; זעהט, זיך אַלײן צו בעזיגען! אַ רײזע קען, און אויך מוז אײך די געדאַנקען פאַנאַנדער טרײבען! זוכט, געפינט עפּעס אַ ווערטהען געגענשטאַנד פאַר אײער ליעבע, און קומט צוריק, און לאָזט אונז צוזאַמען די זעלינקײט פון אַ אמת'ע פרײנדשאַפט גע־ניסען!״ — „דאָס האָט מען געקענט״ האָט ער מיט אַ קאַלטען לאַכען געזאָגט, „לאָזען דרוקען און רעקאָמאַנדירען צו אַלע האָפ־מײסטער און לעהרער, ליעבע לאָטטע! לאָזט מיר נאָר אַ קלײן ביסל רוּהע, ס'וועט שוין אַלעס רעכט ווערען!״ — „נאָר דאָס, ווערטהער! פאַרגעסט ניט, און קומט ניט בעפאָר ווײהנאַכטען־אַבענד!״ ער האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער אַלבערט איז אין מיטען אַרײנגעקומען.

ביידע מענער האבען זיך איינער דעם אנדערן נעגעבען א קאל־טען גוט'ן־אבענד, און האבען איבער'ן צימער הין און צוריק געגאנגען. ווערטהער האט אנגעהויבען א וועלכען אונבעדייטענדען געשפּרעך וועל־כער האט זיך גלייך אויסגעלאזען, און אלבערט דאס גלייכען; עס האט זיך עפּעס ניט געבונדען. אלבערט האט זיין פרוי איבער געוויסע זאכען געפרעגט, און ערפאהרענדיג דאס זי האט זיי נאך ניט בעזארגט, איהר איינינע ווערטער געזאגט, וועלכע זיינען ווערטהער'ן פארגעקומען צו קאלט, יא, זאגאר צו הארט. ער האט געוואלט אוועקגעהן, אבער ער האט ניט געקענט, און אזוי זיך געקווינקעלט ביז אכט אוהר. און אלס זיין אונמוטה און אונווילען האבען געהאלטען אין איין שטייגען, און אין עס־צימער האט מען אנגעהויבען גרייטען צום טיש, האט ער זיין הוט און שטאָק גענומען; אלבערט האט איהם איינגעלאדען צו פערבלייבען, ער האט אבער געגלויבט, בלויז אַן אונבעדייטענדען קאָמפּלימענט צו הערען. ער האט קאלט אבגעדאנקט און איז אוועקגעגאנגען.

ער איז אהיים געקומען. דער דיענער האט איהם געוואלט צו לייכטען, ער האט אבער פון איהם דאס ליכט צוגענומען און איז אליין אין זיין צימער אריין. ער האט זיך פונאנדער געוויינט אויף'ן קול; ער האט גערעדט מיט בעס צו זיך אליין, איז העפטיג ארומגעגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק, און האט זיך ענדליך אריינגעווארפען מיט די זאכען אין בעט, וואו דער דיענער האט איהם געפונען עלף אוהר, ווען ער האט זיך געוואגט אריינצוקומען אום זיין הערר צו פרעגען, אויב ער זאל איהם די שטיוועל אראבציהען? ווערטהער האט עס איהם ערלויבט, און איהם אנגעזאגט, אין דער פריה ניט אריינצוקומען אין צימער ביז ער וועט איהם רופען.

מאנטאג פריה, דעם 21טען דעצעמבער, האט ער אנגעשריבען פאָלגענדען בריעף צו לאָטטע'ן, וועלכען מ'האט נאָך זיין טוידט געפר־נען פארזיעגעלט אויף'ן שרייב־טיש, און מ'האט עס איהר איבערגע־געבען.

„איך האב עס בעשלאָסען לאָטטע ! איך וויל שטארבען. און דאס שרייב איך דיר אָהן וועלכע ראָמאַנטישע איבערטרייבונג, געלאַסען, אין דעם פריהמארגען פון'ם טאג אין וועלכען איך וועל דיר צום לעצטען מאל זעהן. ווען דו לעזט עס, מיין בעסטע, דעקט דער קיהלער קבר שוין צו די פערשטאַרטע גליעדער פון'ם אונרוהיגען, אונגליקליכען, וועלכער האט אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, פון קיין גרעסערען פערגניגען ניט געוואוסט, ווי מיט דיר זיך צו אונטערהאלטען. איך האב געהאט אַ שרעקליכע נאכט, און אָה ! אַ וואָהלטהעטיגע נאכט. זי איז עס, וועלכע האט מיין בעשלוס פערשטארקט און בעשטימט. איך וויל שטארבען ! ווי האב איך מיר נעכטען פון דיר ארויסגעריסען, אין די גרעסטע אויפרעגונג פון מיינע געדאנקען ! ווי האט עס זיך אַלעם צו מיין הארצען געדרעננגט, און מיין האפנונגסלאזער, פריידענלאזער דאזיין, האט מיר, נעבען דיר, מיט די שרעקליכסטע קעלט ארומגעכאפט ! — איך האב קוים מיין צימער עררייכט, איך האב מיך אויסער זיך אויף די קניע געוואָרפען, און — אָה, גאטט ! דו האסט מיר פארגינט דאס גליק, די לעצטע רפואה פון ביטערע טרעהרען ! טויזענד פלענער, טויזענד אויסזיכטען, האבען אין מיין נשמה געשטורעמט און געטומעלט, און צום ענד איז ער אליין פעסט געבליבען שטעהן, דער לעצטער איינציגער געדאנק : איך וויל שטארבען ! איך האב זיך אַנידער געלעגט, און אין דער פריה, אין די רוהיגקייט פון ערוואכען, שטעהט ער נאך פעסט, נאך גאנץ שטארק אין מיין הארצען : איך וויל שטארבען ! -- עס איז ניט פערצווייפלונג, עס איז געוויסהייט, דאס איך האב שוין גענוג געהאט, און דאס איך בין זיך מקריב פאר דיר. יא, לאָטטע ! ווארום האב איך עס געדארפט פערשווייגען ? איינער פון אונז דריי, מוז געהן, און דאס וויל איך זיין ! אָה, מיין בעסטע ! אין דיזען צוריסענעם הארצען האט וויטהענד אַ געדאנק אַרומגעברויזט, אפט -- דיין מאַן צו ערמאָרדען ! -- דיר ! -- מיר ! -- אזוי שטעהט עס -- ווען דו וועסט אויף'ן בארג, אין אַ שעהנעם זומער־אבענד ארויפשטייגען, דערמאַן זיך דאַן אָן מיר,

ווי אזוי איך פלעג ארויפקומען פון טהאל ארויף; און דאן קוק ארי־
בער צום בית־עלמין, אויף מיין קבר, און זעה, ווי דער ווינד וועגט
דעם הויכען גראז, [אין שיין פון דער אונטערגעהענדער זון — איך
בין געוועזן רוהיג ווען כ'האב דעם בריעף אנגעהויבען, און איצט, וויין
איך ווי א קינד — ווען אלעס ווערט ארום מיר אזוי לעבעדיג.—"

ארום צעהן אוהר האט ווערטהער גערופען זיין דיענער און האט
איהם געזאגט, וועהרענד יענער האט זיך איהם געהאלפען אנטהאן,
דאס ער וועט אין עטליכע טעג ארום אוועקפאהרען, און ער זאל דער־
איבער די זאכען בריינגען אין ארדנונג פערטיג צום איינפאקען; ער
האט איהם אויך בעפאהלען זיינע קאנטעס אויסצוגלייכען, אויסגעליה־
ענע ביכער אבצונעהמען, אויך, עטליכע ארעמע-לייט, וועלכע ער פלעגט
געבען וועכענטליכע נדבות, פאר צוויי וואכען פאראויס צו בעצאהלען.

ער האט זיך געלאזט ארויפבריינגען דאס עסען צו זיך אין צי־
מער, און אז ער איז מיט דעם פארטיג געווארען, איז ער ארויסגע־
כארען רייטענדיג צום קרייז־ריכטער. ער האט איהם אין הויז ניט
געטראפען. ער איז אריין אין גארטען און איז דארט ארומגעגאנגען
אין געדאנקען פערזונקען הין און צוריק, און ווי עס האט אויסגעזעהן,
האט ער מיט א כיון געזוכט אויף זיך ארויפצושלעפען דעם גאנצען
שווערמוטה פון די טרויעריגע עראינערונגען.

די קליינע האבען איהם אבער ניט לאנג געלאזען אין רוה. זיי
זיינען איהם נאכגעגאנגען, אויף איהם געשפרונגען, און האבען איהם
דערצעהלט, אז ווען עס וועט זיין מארגען און נאך אמאל מארגען און
נאך א טאג דערצו, וועלען זיי קריעגען די וויהנאכטס־פרעזענטען פון
לאטטע'ן; און האבען איהם דערצעהלט וואונדערליכע זאכען וועלכע
זייער קליינע איינבילדונגסקראפט האט זיי פארגעשטעלט. „מארגען!"
האט ער אויסגערופען, „און ווידער מארגען! אין נאך א טאג!" און
האט זיי אלע הערצליך געקושט. ער האט זיי געוואלט פערלאזען,
אבער דער קלענסטער האט איהם נאך עפעס געוואלט איינרוימען א
סוד אין אויער. ער האט איהם פערטרויט אין דער שטיל, אז די

גרויסע ברידער האָבען שוין שעהנע נאַי־יאָהרס װינשע אנגעשריבען, אַזעלכע גרויסע! אײנעם פאר'ן פּאַפּאַ, אײנעם פאר אַלבערט מיט לאָטטע'ן, אויך אײנעם פאר דעם הערר װערטהער; דאס װעלען זײ אם נאַי־יאָהרס טאָג אין דער פריה, יעדען איבערגעבען. דאס האט װערטהער'ן שרעקליך באנומען. ער האט יעדען פון זײ עפּעס געשענקט, האט זיך אויף'ן פערד געזעצט, געלאזט דעם אַלטען גריסען און איז, מיט טרעהרען אין די אויגען אװעק געפאָהרען.

ארום פינף אוהר איז ער אַהײם געקומען. ער האט בעפאָהלען די דיענסט, צום פײער אין אויװען א קוק צו טהאן, און זעהן עס זאל ניט אויסגעהן ביז בײנאַכט. דעם דיענער האט ער געהויסען, ביכער און װעש אין קופערט אײנצופּאקען, און פון אויבען די זאכען אװעק־לעגען. נאָך דעם האט ער װאהרשײנליך צר־געשריבען דיזע שורות אין זײן לעצטען בריעף צו לאָטטע'ן:

„דו ערװארטעסט מיר ניט! דו גלויבסט איך װעל פאָלגען און ערשט װײהנאכטען־אבענד דיר קומען זעהן. אָה, לאָטטע! הײנט, אדער קײנמאל ניט מעהר! װײהנאכטען אבענד װעסטו דיזען פּאַפּיער אין האַנד האלטען, װעסט ציטערן און באנעצען עס מיט דײנע ליעבע טרעהרען. איך װיל, איך מוז! אָה, װי גוט איז עס מיר דאס איך בין ענטשלאָסען!"

לאָטטע איז צו דיזער צײט געװען אין א זאָנדערבארען צושטאנד. נאָך'ן לעצטען געשפּרעך מיט װערטהער'ן, האט זי אנגעהויבען פיהלען, װי שװער עס װעט איהר זײן פון איהם זיך צו שײדען, װי פיעל ער װעט דארפען לײדען, װען ער װעט זיך מוזען פון איהר דערװײטערן.

רעדענדיג מיט אַלבערט'ן האט לאָטטע אזוי װי פארבײגעהענדיג געזאגט, דאס װערטהער װעט בעפאר װײהנאכטען ניט קומען. גלײך נאָך דעם איז אַלבערט אװעקגעפאָהרען צו א רעגיערונגס־בעאַמטען אין דער נאַכבארשאפט, מיט װעמען ער האט געהאט װעלכע געשעפטען

אויסצוגלייכען, און וואו ער האט געמוזט פערבלייבען איבער נאכט.

זי איז איינע אליין געזעסען, קיינער פון איהרע שוועסטער און ברי־דער נעבען איהר; זי איז געוועזן אין גאנצען פערזונקען אין געדאנקען, וועלכע האבען שטיל איבער איהר געגענווערטיגען צושטאנד ארומ־געשוועבט. זי זעהט זיך אליין מיט א מאן פערבונדען, אין וועמעס ליעבע און טרייהייט זי איז געוועזן איבערציינגט; וועלכען זי איז געוועזן פון גאנצען הארצען צוגעניינגט; וועמעס רוהיגע נאטור און ראיעל־קייט האבען איהר געשיינט צו זיין פון הימעל בעשטימט, אום אויף זיי דעם לעבענס־גליק פון א בראווע פרוי צו גרינדען; זי האט געפיהלט וואס זי וועט זיין צו איהר מאן און צו איהרע קינדער אויף אימער. אויף דער אנדער זייט, איז איהר אויך ווערטהער זייער טהייער געוואָ־רען. גלייך פון'ם ערשטען אויגענבליק פון זייער בעקאנטשאפט, האט זיך די צופאסונג, דאס איבעראיינשטימען פון זייערע נאטורען, אזוי שעהן ארויסגעצייגט. דער לאנגער אומגאנג מיט איהם און די אַפט צוזאמען דורכגעלעבטע מאָמענטען, האבען אויף איהר הארץ א אונ־אויסלעשליכען איינדרוק געמאכט. אַלעס וואס איהר פלעגט אינטע־רעסירען, אַלעס וואס זי פלעגט דענקען און פיהלען, איז זי געוועזן צוגעוואָהנט, צו טהיילען זיך מיט איהם, און זיין דערווייטערונג האט געדראָהט איהר אין הארץ א לאָך אויפצורייסען, וועלכע וועט זיך ניט מעהר קענען אויספילען. אָה! ווי גליקליך וואלט זי געוועזן ווען ער וואלט צו איהר א ברודער געווען! — וואלט זי איהם כאָטש געקענט צו איינע פון איהרע פריינדינס פערהייראטען! וואלט זי כאָטש גע־קענט האָפען דאס זיין פערהאלטען זיך צו אלבערט'ן זאל זיך פאר־ריכטען! זי האט אַלע איהרע פריינדינען אין געדאנק איינע נאך די אנדערע דורכגעפיהרט, און האט ביי יעדער איינער בעזונדער עפּעס געפונען אויסצוזעצען. זי האט קיין איינציגע געפונען, וועלכע זי וואלט געוואונשען ווערטהער'ן.

אין אלע דיזע בעטראכטונגען האט זי ערשט טיעף געפיהלט, ניט קענענדיג זיך קלאָהר מאכען דערפון, דאס איהר הארציגער,

געהײמער פערלאנגען איז: איהם פיר זיך צו האלטען. אבער גלײך האט זי זיך פארגעװארפען, דאס זי קען איהם פיר זיך ניט האלטען, זי טאר'ס אויך ניט טהאן; איהר רײנער, שעהנער, אימער אזוי לײכט זיך העלפענדער גײסט, האט געפיהלט דעם דרוק פון שװערמוטה, ער האט געפיהלט װי דער װעג איז איהם פערשפארט. איהר הארץ איז געװען בעקלעמט, און א שװערער װאלקען האט זיך איבער איהרע אויגען פערצױגען.

אזוי איז עס האלב־זיעבען אוהר געװארען, אלס זי האט געהערט װערטהער'ן די טרעפ ארויפקומען, און האט זײנע טריט, זײן שטימע, װעלכע האט פאר איהר געפרעגט, גלײך דערקענט. װי האט איהר הארץ געשלאגען — און מיר קענען עס פאסט זאגען: צום ערשטען מאל — בײ זײן קומען? זי האט זיך געװאלט פאר איהם פאר־שטעלען, אבער װען ער איז ארײנגעקומען, האט זי מיט א מין לײדענ־שאפטליכע פערװירונג אויסגערופען: „איהר האט ניט געהאלטען װארט!" „איך האב גאר ניט צוגעזאגט!" איז געװען זײן ענטפער. „איהר האט אם װעניגסטענס מײן פערלאנג געדארפט ערפילען," האט זי געזאגט, „איך האב עס אײך געבעטען אום אונזער בײדענס־װילען."

זי האט ניט געװאוסט װאס זי האט געזאגט, אויך אזוי װעניג האט זי געװאוסט װאס זי טהוט, װען זי האט נאך א פאאר פון איהרע פרײנדינען געשיקט, אום ניט אלײן מיט װערטהער'ן צו בלײבען. ער האט אנידערגעלעגט אײניגע ביכער װעלכע ער האט מיטגעבראכט מיט זיך, און האט געפרעגט פאר אנדערע. און זי — דא האט זי זיך געװאונשען איהרע פרײנדינען זאלען װאס גיכער קומען; דא, דאס זײ זאלען אין גאנצען גאר ניט קומען. די דיענסטמײדעל איז צוריק געקומען און געזאגט, דאס די בײדע האבען זיך געלאזט ענטשולדיגען, זײ קענען ניט קומען.

זי האט געװאלט, די דיענסטמײדעל זאל זיך מיט איהר ארבײט אין דעם דערבײ'איגען צימער זעצען; דאן האט זי זיך װיעדער אנדערש בעדענקט. װערטהער איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק.

זי איז צום קלאַוויר צוגעגאַנגען, אָנגעהויבען שפּיעלען אַ מינועט, עס האָט אָבער ניט געוואָלט געהן. זי האָט זיך געפּאַסט מוטה און רוהיג געזעצט נעבען ווערטהער'ן, וועלכער האָט פערנומען זיין געוועהנליכען פּלאַץ אויף'ן קאַנאַפּע.

„האָט איהר גאָר ניט וואָס צו לעזען?“ האָט זי געפרעגט. ער האָט ביי זיך גאָר ניט געהאַט. „דאָ אין מיין שופלאַד,“ האָט זי אָנגעהויבען, „ליעגט אייער איבערזעצונג פון איינינע געדיכטע פון אָססיאַן; איך האָב זיי נאָך ניט געלעזען, ווייל איך האָב אימער געהאָפט, פון אייך אַליין עס צו הערען, אָבער זינט דאַן האָט זיך ניט געמאַכט קיין געלעגענהייט.“ ער האָט געשמייכעלט. ער האָט אַרויסגענומען די ליעדער; עס איז איהם אַ שוידער אַריבער ווען ער האָט זיי אין האַנד גענומען, און די אויגען זיינען איהם פול געוואָרען מיט טרעהרען, אַלס ער האָט אין זיי אַריינגעבליקט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און געלעזען:

„שטערן פון דער אונטערקומענדער נאַכט! שעהן פינקעלסט דו אין מעריב זייט, דו הויבסט דיין שטראַהלענדען קאָפּ פון וואָלקען אַרויס, שפּאַציערסט פּראַכטפול דיין באַרג אַנטקעגען. נאָך וואָס קוקסט דו זיך אַרום אין דער וויסטע? די שטורמווינטען האָבען זיך בערוהיגט; פון ווייטען קלינגט דער מורמעל פון'ם אַראָבפאַלענדען וואַסער, רוישענדע וועלען קלאַפּען דאָרט איבער די ווייטע פעלזען; דער זשומען פון די אָבענד־פליגען ציהט זיך איבער'ן פעלד. נאָך וואָס קוקסט דו זיך אַרום דו שעהנעס ליכט? אָבער, דו שמייכעלסט און געהסט דיין וועג; מיט שמחה רינגלען דיר אַרום די וועלען און באָדען דיינע ליעבליכע האָאַר. לעב וואָהל, רוהיגער שטראַהל! ערשיין, דו הערליכעס ליכט פון אָססיאַן'ס נשמה!

„און עס ערשיינט אין זיין גאַנצע קראַפט. איך זעה מיינע פערשטאָרבענע פריינד; זיי קלייבען זיך צוזאַמען אין לאָראַ, ווי אין יענע טעג וועלכע זיינען שוין פאַראיבער! — פינגאַל קומט ווי אַ פייכטער

נעבעל־זייל; ארום איהם, ויינע העלדען, און קוק נאר אָן די הערליכע זינגער! דער גרויער אזלין! דער פּרעכטיגער רהינאָ! אלפּי דער הערליכער זינגער! און דו, זאַנפּט־קלינגענדע מינאָנא! — ווי פערענדערט זייט איהר מיינע פריינדע, זינט די יום־טובים אויף זעלמאַ? דאן ווען מיר האבען קאָנקורירט אום דעם כבוד פון געזאנג, אזוי ווי פריהלינגס־ווינטלעך וואס יאגען זיך צום בארג צו, און בויגען אונטער זיך דעם קוים ליספּעלנדען גראָז.

„דאָ האט מינאָנא ארויסגעטראטען אין פּראַנט, מיט א ניעדער־געשלאגענעם בליק און טרעהרענפולע אויגען; לאנגזאם האבען זיך איהרע האָאר אין׳ם ווינד בעוועגט, וועלכער האט זיך פון בארג אהער געשטויסען. — פינסטער איז עס געווארען אין די נשמות פון די העל־דען ווען זי האט איהר ליעבליכע שטימע אויפגעהויבען; דען זיי האבען אָפט דעם קבר פון סאלגאר געזעהן, אָפט, דעם פינסטערן חדר פון דער ווייסער קאָלמא. קאָלמא, אויף׳ן היגעל פארלאזען, איינזאם מיט איהר האַרמאָנישע שטימע; סאלגאר האט פערשפּראָכען צו קומען; אָבער, ארום האט זיך די נאכט פארצויגען. הערט די שטימע פון קאָלמא, ווען זי איז אליין אויף׳ן היגעל געזעסען!

קאָלמא.

„עס איז נאכט! — איך בין אליין, פערלארען אויף׳ן שטורמי־שען היגעל, דער ווינד פייפט אין די בערג, דער שטראם ליארעמט ארונטערפאלענדיג פון פעלז. קיין געצעלט שיצט מיר פון רעגען, מיר, די פארלאָזענע אויף׳ן שטורמישען היגעל!

„קום ארויס, אָה לבנה, פון דיינע וואָלקענס! ערשיינט, איהר נעכטליכע שטערן! זאל מיר א וועלכער עס איז שטראהל פיהרען צום אָרט, וואו עס רוהט מיין ליעבע, פון די שוועריגקייטען פון יאגד. זיין בויגען נעבען איהם ניט געשפּאנט, זיינע הינד היניען ארום איהם! אבער דא מוז איך זיצען אליין אויף׳ן פעלז אין צוקרימטען שטראם.

דער שטראָם און דער שטורם ברויזען, איך הער ניט די שטימע פון מיין געליעבטען.

„ווארום זאמסט דו זיך מיין סאַלגאַר? האט ער זיין ווארט פערגעסען? דא איז דער פעלז און דער בוים, און דא, דער רוישענ־דער שטראָם! האסט מיר פערשפּראָכען, גלייך ווי ס'וועט נאכט ווערען, דא צו זיין; אַה! וואוהין האט סאַלגאַר פארבלאנדזעט? מיט דיר האב איך געוואלט פליהען, פערלאזען פאטער און ברודער! די שטאלצע! שוין לאנג זיינען אונזערע ראסען איינע צו די אנדערע פיינדליך, מיר אבער זיינען דאך ניט קיין פיינד, אַה, סאַלגאַר!

„שווייג אַ ווײלע, דו ווינד! שטיל אַ רגע'לע, דו שטורם! עס זאל קלינגען מיין שטימע דורך'ן טהאל, און מיין וואנדערער זאל עס הערען! סאַלגאַר! איך בין דאס וואס רופט! דא איז דער בוים און דער פעלז! סאַלגאַר! מיין ליעבער! דא בין איך; ווארום זאמסט דו זיך אזוי?

„זעה, די לבנה ערשיינט. די פלוט גלאנצט אין טהאל, די פעל־זען קוקען גרוי ארויף צום הימעל; אבער איך זעה איהם אויבען ניט; זיינע הינד פאר איהם פערקינדיגען ניט זיין אָנקומען. דא מוז איך זיצען אליין.

„אבער ווער זיינען דאס וואס ליעגען דארט אונטען אויף דער סטעפּע? — מיין געליעבטער? מיין ברודער? — רעדט, אָה, מיינע פריינד! זיי ענטפערן ניט. ווי געפּלאגט איז מיין נשמה? — אָה, זיי זיינען טוידט! זייערע שווערטען רויט פון בלוט! אָה מיין ברודער, מיין ברודער! ווארום האסט דו מיין סאַלגאַר דערשלאגען? אָה מיין סאַלגאַר, ווארום האסט דו מיין ברודער דערשלאגען? איהר זייט מירביידע אזוי ליעב געוועזן! אָה, דו ביזט אזוי שעהן געוועזן אויף'ן הימעל, צווישען טויזענדער! שרעקליך איז ער געוועזן אין דער מלחמה! ענטפערט מיר! הערט מיר צו, מיינע געליעבטע! אבער אָה, זיי זיינען שטום! שטום אויף אייביג! קאַלט ווי די ערד איז זייער ברוסט. אָה, פון די פעלזען, פונים הימעל, פון שפּיץ פון דעם

שטורמדיגען בארג רעדט, איהר גייסטער פון די טוידטע! רעדט, מיר וועט עס ניט שרעקען! וואוהין זייט איהר צו אייער רוה געגאנגען? אין וועלכער גרוב פון'ם בארג קען איך אייך געפינען! איך הער ניט אין'ם ווינד קיין לייזע שטימע, קיין וועהענדען ענטפער אין שטורם פון היגעל.

„איך זיץ אין מיין עלענד און ווארט, מיט טרעהרען, אויף'ן מאר־גען. גראבט דעם קבר איהר פריינד פון די טוידטע, אבער מאכט עס ניט צו ביז וואנען איך וועל קומען. מיין לעבען פערגעהט ווי א חלום; ווי קען איך דען צוריקבלייבען? דא וויל איך מיט מיינע פריינד וואהנען, ביי'ם שטראם פון'ם קלינגענדען פעלזען. — ווען עס ווערט נאכט אויף'ן היגעל און דער ווינד קומט איבער די סטעפע, זאל מיין גייסט זיין אין'ם ווינד, און טרויערן זאל ער דעם טוידט פון מיינע פריינד. דער יעגער אין זיין געצעלט זאל הערען מיין שטימע, ער שרעקט זיך פאר איהר, אבער ער ליעבט זי; דען זים זאל מיין שטימע זיין ווען זי'ט רופען מיינע פריינד; אה, זיי זיינען מיר ביידע געווען אזוי ליעב!

„דאס איז דיין געזאנג געווען, אה, מינאנא, די זאנפט שעה־מענדיגע טאכטער פון טהארמאן. אונזערע טרעהרען האבען מיר צור־ליעב קאלמא פארגאסען, און אונזער זעעלע איז געווארען אנגעפילט מיט טרויער.

„אולין איז מיט זיין הארפע אויפגעטראטען און האט אונז פאר־געשפיעלט אלפין'ס ליעד — אלפין'ס שטימע איז געווען פריינדליך, רהינא'ס זעעלע, א פייער־שטראהל, אבער זיי האבען אין א ענגע הויז געוואהנט, און זייער שטימע איז פערשטיקט געווארען, אין זעלמא. איינמאל האט זיך אולין צוריקגעקעהרט פון יאגד, נאך עהדער די העלדען זיינען געפאלען. ער האט זייער וועט־געזאנג אויף'ן היגעל גע־הערט. זייער ליעד איז געווען זאנפט אבער טרויעריג, זיי האבען מאראר'ס מפלה בעקלאגט, דעם ערשטען פון די העלדען; זיין זעעלע איז געווען אזוי ווי פינגאל'ס זעעלע, זיין שווערט איז געווען ווי אסקאר'ס שווערט, ער איז אבער געפאלען, און זיין פאטער האט געיאמערט, און

זיין שוועסטער'ס אויגען זיינען פול געווארען מיט טרעהרען. מינאָנא'ס אויגען זיינען געווען פול טרעהרען, פאר די שוועסטער פון'ם הערליכען מאָראר. זי איז צוריקגעטראטען פון אולין'ס געזאנג, אזוי ווי די לבנה אין מערב זייט, ווען זי זעהט פאראויס דעם שטורם און פארבאההאלט איהר שעהנעם קאָפּ אונטער אַ וואלקען. — איך האב געשלאגען איבער די הארפע מיט אולין, צום יאמער־געזאנג.

רהינא.

„פארביי זיינען ווינד און רעגען. דער טאג איז אזוי קלאהר, די וואלקענס האבען זיך פאַנאנדער געטהיילט; פליהענדיג, בעשיינט די אונבעשטענדיגע זון דעם היגעל. רויטליך פליסט דער שטראָם פון באַרג אין טהאל ארונטער. זיס איז דיין מורמעלן, שטראָם; דאך זיסער איז די שטימע וואס איך הער. עס איז אַלפּין'ס שטימע; דאס בעקלאגט ער די טוידטע. זיין קאָפּ איז פון עלטער געבויגען, און רויט איז זיין טרעהרענדע אויג. אַלפּין! הערליכער זינגער! ווארום אַליין אויף'ן שווייגענדען היגעל! ווארום יאמערסט דו, ווי א רייסענדער ווינד אין'ם וואלד, ווי אַ וועללע אויף'ן ווייטען האַפען?

אלפּין.

„מיינע טרעהרען, רהינא, זיינען פאר די טוידטע; מיין שטימע, פאר די איינוואָהנער פון קבר. שלאַנק זעהסט דו אויס אויף'ן היגעל, שעהן צווישען די זיהן פון דער וויסטע! דו ועסט אבער פאלען ווי מאָראר, און אויף דיין קבר וועט זיצען דער אבל. די בערג וועלען אן דיר פערגעסען, דיינע פיילענבויגען וועלען ליעגען אונגעשפּאַנט אין נעצעלט.

„דו ביזט געווען פלינק, מאָראר, ווי אַ רעה אויף'ן היגעל, שרעקליך ווי דער נאכטפייער אין הימעל. דיין צאָרן איז ווי אַ שטורם געווען, דין שווערד אין מלחמה, ווי א בליץ איבער דער וויסטע. דיין שטימע

איז געוועזן ווי דער וואַלד־שטראָם נאָך אַ רעגען, ווי דער דונער איבער די ווייטע בערג. אַ סך זיינען פון דיין האַנד געפאַלען, דיין פלאַמענדער צאָרן האָט זיי פאַרצעהרט. אָבער ווען דו ביזט פון מלחמה צוריק־געקומען, ווי פריעדליך האָט דיין שטימע געקלונגען? דיין פנים האָט געשיינט ווי די זון נאָך אַ רעגען־שטורם, ווי די לבנה אין אַ שטילער נאַכט. דיין הארץ, רוהיג ווי דער ים, נאַכדעם אַז דער ווינד האָט אויפגעהערט צו ברויזען.

„ענג איז איצט דיין וואָהנונג! פינסטער דיין געצעלט! מיט דריי טריט מעסט איך אָב דיין קבר. אָה, דו, וועלכער איז אַמאָל אַזוי גרויס געוועזן! פיער שטיינער, פון אויבען מיט מאָך פערוואַקסען, זיינען נאָך דיר אַן אנדענקונג געבליבען, אַ הויהלער בוים אָהן בלעטער, לאַנ־גע גראָז וואָס סוד'עט זיך אין ווינד, צייגען דעם יעגער אַן דעם קבר פון'ם מעכטיגען מאָראַר. דו האָסט ניט קיין מוטער, דיר צו בעוויינען, קיין געליעבטע, וואָס זאָל נאָך דיר ליעבעס־טרעהרען גיסען; טוידט איז די, וועלכע האָט דיר געבוירען, געפאַלען איז די טאָכטער פון מאָרגלאַן.

„ווער איז עס דאָרט, אַנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקען! ווער איז עס, וועמעס קאָפּ איז ווייס פון אַלטקייט, וועמעס אויגען, רויט פון טרעהרען? — ס'איז דיין פאָטער, אָה, מאָראַר! וועלכער האָט קיין אַנדער זוהן אויסער דיר. ער האָט געהערט פון דיין העלדישקייט אין דער מלחמה; ער האָט געהערט פון צוטריבענע פיינד; ער האָט געהערט פון מאָראַר'ס כבוד, אָה! ער האָט פון זיין וואונד ניט גע־הערט! וויין, מאָראַר'ס פאָטער, וויין! דיין זוהן אָבער הערט דיר ניט. טיעף איז דער שלאָף פון די טוידטע, נידעריג זייער ערדענע קישען. ער הערט מעהר ניט־צו צו דיין שטימע, ער וועט זיך ניט מעהר אויפ־וואַכען פון דיין רופען. אָה! ווען וועט עס טאָגען אין קבר, צו בע־פעהלען דעם שלאָפענדען: „שטעה אויף!"

„לעב וואָהל, דו עדעלסטער צווישען די מענשען, דו בעצווינגער אין שלאַכטפעלד! אָבער קיינמאָל מעהר וועט דיר דאָס פעלד אַנקוקען?

קיינמאל מעהר וועט דיר דער פינסטערער וואלד לייכטען פון׳ם בליאסק פון דיין אייגענעם שווערד! דו האסט נאך דיר קיין זוהן ניט איבער־געלאזען, אבער דאס ליעד זאל דיין נאמען פאראייביגען; קומענ־דע דורות זאלען פון דיר הערען, הערען פון דעם געפאלענעם מאראר.

„הויך האט געקלונגען דער טרויער פון די העלדען, אם העכסטען, ארמין׳ס ארויספלאצענדער זיפץ. איהם האט עס אן זיין זוהן׳ס טויט דערמאנט, וועלכער איז אין זיין רעכטען יוגענד געפאלען. קארמאר איז נאהנט ביי׳ם העלד געזעסען, דער פירשט פון׳ם קלינגענדען גאלמאל. ווארום בליפעט אזוי ארמין׳ס זיפץ? האט ער געזאגט; וואס איז דא פון וואס צו ווינען? קלינגען ניט ליעדער און געזאנג, צו שמעלצען די נשמה און צו דערפרעהען? זיי זיינען אזוי ווי די זאנפטע נעבעל, וואס קומען פון ים צום טהאל ארויס און די בליהענדע בלומען ווערען פון זיי באנעצט; אבער די זון קומט ווידער מיט איהר קראפט, און דער נעבעל ווערט פערשוואונדען. ווארום ביזט דו אזוי טרויעריג ארמין, דו הערשער פון׳ם ים־ארומגעריגעלטע גארמא?

„טרויעריג! געוויס בין איך׳ס, און ניט קליין איז די אורזאכע פון מיין וועהטאג. — קארמאר, דו האסט ניט פערלארען קיין זוהן! דו האסט ניט פערלארען קיין בליהענדע טאכטער; קאלגאר דער בראווער לעבט, אויך אמירא, די שעהנסטע פון אללע טעכטער. די צווייגען פון דיין הויז בליהען, אה, קארמאר; אבער ארמין איז דער לעצטער פון זיין שטאם. פינסטער איז דיר דיין בעט, אה, דאורא! דומפ איז דיין שלאף אין׳ם קבר — ווען וועסטו זיך אויפכאפען מיט דיינע געזאנגען; מיט דיין מעלאדישער שטימע?

„שטייגט אויף איהר הערבסט־ווינדען! שטייגט אויף! שטור־רעמט איבער די פינסטערע וויסטע! ברויזט איהר וואלד־שטראמען! פייפט איהר ווינדען אין די שפיצען פון די אויכען! געה דורך גע־בראכענע וואלקענס, לבנה, היפענדיג בעוויז דיין בלאססען פנים! דערמאן מיר אן די שרעקליכע נאכט, ווען מיינע קינדער זיינען אומ־

געקומען; ווען ארינדאַל דער העלדישער איז געפאַללען, און ווען ס'איז אונטערגעגאַנגען דאורא די ליעבע.

„דאורא, מיין טאכטער, ביזט געווען שעהן! שעהן אזוי ווי די לבנה אויף די היגלען פון פורא; ווייס ווי דער געפאַלענער שנעע, זיס ווי די אטהמענדע לופט! ארינדאַל, דיין בויגען איז געווען שטארק, דיין שפּיז שנעל אויף'ן שלאַכט־פעלד, דיין בליק ווי נעבעל אויף די וועללען, דיין שילד — א פייערוואלקען אין שטורם!

„אַרמאַר, בעריהמט אין מלחמה, איז געקומען און פּאר דאורא'ס האנד געבעטען; זי האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען. שעהן זיינען געווען די אויסזיכטען פון זייער פריינדשאפט.

„עראַטה, דער זוהן פון עדגאַל, איז שטארק אין כעס געווען, דען זיין ברודער איז געלעגען פון אַרמאַר'ס האנד דערשלאגען. ער איז געקומען אַלס שיפער פערקליידעט; שעהן איז זיין שיפעל געווען אויף די וועללען; ווייס זיינע לאָקען פון אַלטקייט, רוהיג זיין ערנסטער פּנים. „דו שעהנסטע פון אַלע טעכטער,“ האט ער געזאגט, „דו ליעבסטע טאכטער פון אַרמין; דארט אויף'ן פעלזען, ניט ווייט אין ים, פון וואו די רויטע פרוכט בלישצעט אהער פון'ם בוים, דארטען וואַרט אַרמאַר אויף דאורא; איך קום זיין געליעבטע צו פיהרען איבער'ן געקרייזעלטען ים.“

„זי איז איהם נאכגעגאַנגען, און האט נאך אַרמאַר'ן גערופען; אבער קיין ענטפער, אויסער דעם אבקלאַנג פון פעלזען. אַרמאר! מיין ליעבער! ווארום בעאונרוהיגסט דו מיר אזוי? הער נאר צו, זוהן פון אַרנאַט! הער זיך צו, ס'איז דאורא וועלכע רופט דיר!

„עראטה דער פעררעטהער, איז מיט א געלעכטער צום לאַנד־צו געפלויגען. זי האט געשריען, גערופען איהר פאטער און ברודער: „ארינדאַל! אַרמין! איז קיינער ניטא זיין דאורא צו רעטען?“

„איהר שטימע איז פון איבער'ן ים געקומען. אַרינדאַל, מיין זוהן, איז פון היגעל ארונטערגעשטיגען, ווילד אין די יעגער־קליידער; זיינע פיילען האבען געקלונגען ביי איהם אויף'ן זייט, זיין בויגען האט ער אין

האנד געטראגען; פינף שווארץ־גרויע הינד זיינען געווען ארום איהם. ער האט דעם העלדישען עראטה אויף'ן ברעג דערזעהן. ער האט איהם געכאפט און צוגעבונדען צו אן אייכענבוים; פעסט האט ער זיינע היפטען ארומגעפלאָכטען. דער געבונדענער האט מיט זיינע קרעכ־צען די לופט אנגעפילט.

„ארינדאל איז אין זיין שיפעל אריין אום דאורא אריבער צו־ברייננגען. ארמאר איז געקומען. אין זיין צאָרן האט ער זיין גרויען פייל אבגעדריקט. עס האט א קלונג געטהאן און אין דיין הארץ פארזונקען, אָה, ארינדאל מיין זוהן! אנשטאט עראטה דעם פער־רעטהער ביסט דו אומגעקומען; דאס שיפעל איז צום פעלזען אליין צוגעקומען, ער איז אין איהר טוידט געווזען. צו דיינע פיס האט דיין ברודער'ס בלוט געפליצט, ווי גרויס איז געווען דיין יאמער אָה, דאורא!

„די וועללען האבען דאס שיפעל צושמעטערט. ארמאר איז אין ים אריינגעשפרונגען, זיין דאורא צו רעטען אדער צו שטארבען. שנעל האט א שטורם פון היגעל די וועללען א שטויס געטהאן. ער האט איינגעזונקען און איז ניט מעהר ארויף.

„און פון'ם ים ארומגערינגעלטען פעלזען, האב איך געהערט מיין טאכטער'ס קלאגען. אָה, פיעל האט זי געשריען, און שטארק זיינען איהרע קולות געווען; דאך, איהר ברודער האט איהר ניט גע־קענט העלפען. כ'בין די גאנצע נאכט אויף'ן ברעג געשטאנען, איך האב איהר געזעהן אין'ם בלאסען שיין פון דער לבנה; די גאנצע נאכט האב איך איהר שרייען געהערט; דער ווינד האט זיך געלאזט הערען און דער רעגען האט שארף געשמיסען געגען דעם בארג. איהר שטימע איז שוואך געווארען בעפאָר דער מארגען איז ערשיענען. זי איז אָב־געשטארבען, ווי די אבענד־לופט צווישען די גראז פון'ם פעלזען. זי איז געשטארבען נעדריקט פון'ם טרויער, און האט איבערגעלאזען ארמין'ען אליין! אוועק איז מיין העלדישקייט אין מלחמה, געפאלען מיין שטאָלץ צווישען אלע טעכטער.

„ווען עס קומען די שטורעמס פון בארג, ווען דער צפון הויבט

די וועללען אויף הויך, זיץ איך ביי'ם רווישענדען ברעג, קוק צום שרעק־ליכען פעלזען. אָפט זעה איך אין דער זינקענדער לבנה דעם גייסט פון מיינע קינדער. האלב־שיינענדיג געהען זיי זיך צוזאמען אין טרויער פעראייניגט."

א שטראָם פון טרעהרען וועלכער האט פון לאָטטע'ס אויגען אויסגעבראָכען און איהר פארדריקטע הארץ עטוואס לייכטער געמאכט, האט אבגעהאלטען ווערטהער'ן פון זיין לעזען. ער האט דאס פּאַפּיער אוועקגעווארפען, האט אנגעכאפּט איהר האנד און געוויינט מיט ביטע־רע טרעהרען. לאָטטע האט זיך אנגעשפּארט אויף איהר פרייע האנד און איהרע אויגען אין טאַשענטיכעל באהאלטען. זייערביידענס אויפ־רעגונג איז געווען שרעקליך. זיי האבען געפיהלט זייער אייגענעם אונגליק אין דעם שיקזאל פון די העלדען; זיי האבען עס צוזאמען געפיהלט, און זייערע טרעהרען האבען זיך פעראייניגט. ווערטהער'ס ליפּען און אויגען האבען אויף לאָטטע'ס ארעם געברענט; א שרעק איז איהר באפאלען; זי האט געוואלט אנטלויפען, אבער שמערץ און אנטהייל האבען איהר בעטויבט און גלעגען אויף איהר אזוי שווער ווי בליי. כאפּענדיג א ביסל אטהעם האט זי זיך עטוואס ערהאָלט און האט איהם כליפּענדיג געבעטען צו לאזען זי אליין; זי האט עס געבעטען מיט די פולע ערנסטקייט אין איהר שטימע. ווערטהער האט אויפגע־ציטערט, זיין הארץ האט שיער געפלאצט. ער האט אויפגעהויבען די בלאַט און האלבגעבראָכען ווייטער געלעזען:

„ווארום וועקסט דו מיך, אָה, פריהלינגסלופט? דו שאָרסט זיך צו צו מיר און זאגסט: איך בעפייכט מיט הימלישע טראָפּענס! אבער די צייט פון מיין וועלקען איז נאָהענט, נאָהענט איז דער שטורם מיינע בלעטער אראבצורייסען! מאָרגען וועט קומען דער וואנדרער, וועלכער האט מיר אין מיין פראכט געזעהן; אין פעלד ארום וועט זיין אויג מיר זוכען און וועט מיר ניט געפינען. — "

די גאנצע מאכט פון דיזע ווערטער האט דעם אונגליקליכען ער־גריפען. ער האט זיך אנידערגעווארפען פאר לאָטטע'ן אין די גרעסטע

פערצווייפלונג; האט אנגענומען איהרע הענד און זיי צו זיינע אויגען געדריקט, און צו זיין שטערן, און איהר האט געשיינט, די אהנונג פון זיין שרעקליכען בעשלוס, דורך איהר נשמה דורכצולויפען. איהרע חושים האבען זיך צוטומעלט; זי האט זיינע הענד געדריקט. זי האט זיי אויף איהר ברוסט געפּרעסט, האט זיך צוגעטוליעט צו איהם מיט א וועהמיטיגע בעוועגונג, און זייערע גליהענדע באַקען האבען זיך בעריהרט. די גאנצע וועלט איז פון זיי פערשוואונדען. ער האט זי איינגעשלאָסען אין זיינע ארעמס, האט זי געפּרעסט צו זיך, און איהרע ציטערנדע שטאַמלענדע ליפּען מיט הייס־ווילדע קושען בעדעקט. „ווערטהער!" האט זי אויסגערופען מיט א פערשטיקטען קול, ווענדיג זיך פון איהם ארויסרייסען; „ווערטהער!" און מיט שוואַכער האַנד האט זי אבגעשטופּט זיין ברוסט פון איהרע; „ווערטהער!" האט זי ווידערהאָלט מיט א טאָן וואס דריקט אוים דעם עדעלסטען געפיהל. ער האט איהר ניט געקענט ווידערשטעהן; ער האט זי ארויסגעלאזען פון זיינע ארעמס, און ווי וואהנזיניג זיך פאר איהר אנידערגעווארפען. זי איז אויפגעשפּרונגען, און אין שמערצליכע פערווירונג, ציטערנדיג צווישען ליעבע און כעס, האט זי אויסגערופען: דאס איז דאס לעצטע מאל, ווערטהער! איהר וועט מיר מעהר ניט זעהן! און מיט איהרע פערליעבטע אויגען אויף איהם קוקענדיג, איז זי אין א צווייטען צימער ארייננגעלאפען און הינטער זיך די טהיר פארשלאָסען. ווערטהער האט נאך איהר זיינע הענד אויסגעשטרעקט. ביי א האלבע שטונדע איז ער נאך אויף ד'רערד געלעגען, דער קאָפּ אנגעשפּאַרט אויף'ן קאנאפּע, ביז א גערויש האָט איהם צו זיך געבראכט. דאס איז געוועזען די דיענסטמיידעל, וועלכע איז ארייננגעקומען דעם טיש צו גרייטען. ער האט איבער'ן צימער הין און צוריק ארומגעשפּאַנט, און אז ער האט געזעהן דאס ער איז דא ווידער אליין, איז ער צום טהיר פון קאַבי־נעט צוגעגאנגען, און גערופען מיט א לייזער שטימע: „לאָטטע, לאָטטע! נאך איין ווארט נאָר! איין לעבעוואָהל!" זי האט גאָר ניט געענטפערט. ער האט אביסל געווארט און דאן ווידער זיך

געבעטען, און נאך אמאל געוואָרט. מיט אמאל האט ער זיך ארויס־געריסען און אויסגערופען: לעב וואָהל! לאָטטע! לעב וואָהל אויף אייביג!

ער איז געקומען צום שטאדט־טויער. די וועכטער וועלכע האבען איהם שוין געקענט, האבען איהם, אהן א ווארט צו זאגען, דורכגע־לאזען. דרויסען האט עס גערעגענט און געשנעעט, און ערשט ארום עלף אוהר איז ער צוריק געקומען. אין הויז קומענדיג, האט זיין דיענער בעמערקט דאס איהם פעהלט דער הוט, ער האט זיך אבער גארניט געוואגט צו זאגען. ער האט איהם אויסגעטאהן; די זאכען זיינען אויף איהם אללע געווען נאס. מ'האט נאכהער זיין הוט אויף א שפּי־ציגען פעלזען געפונען, וועלכער הייגגט פון בארג ארונטער איבער'ן טהאל, און מ'האט ניט געקענט פערשטעהען, ווי אזוי ער האט אהין, אין אזא פייכטע, פינסטערע נאכט, געקענט צוקומען און ניט גע'הרג'עט צו ווערן.

ער האט זיך געלייגט און געשלאפען זעהר לאנג. ווען דער דיע־נער האט איהם אויף מאָרגען אין דער פריה, אויף זיין בעפעהל די קאפע געבראכט, האט ער איהם געפונען שרייבענדיג.

פאָלגענדעס האט ער צוגעשריבען אין זיין בריעף צו לאָטטע'ן:

„פאָרט צום לעצטען מאל! צום לעצטען מאל עפען איך היינט מיינע אויגען; אָה! זיי וועלען די זון מער ניט אנקוקען, א טריבער נעבליגער טאג וועט זיי באדעקען, טרויער, דו נאטור! דיין קינד, דיין פריינד, דיין געליעבטער נעהנטערט זיך צו זיין סוף. לאָטטע! דאס איז א מאדנער געפיהל, גאר קיין גלייכען צו איהם ניטא. עס פיהלט זיך ווי אין חלום, צו זאגען צו זיך אליין: „דאס איז דיין לעצטער פריהמאָרגען!“ דער לעצטער! איך האב קיין בעגריף ניט פאר'ן ווארט „לעצטער“ שטעה איך דא איצט ניט אין מיין גאנצער קראפט? און מארגען, ליעג איך אויסגעצויגען מאכטלאז אויף ד'רערד. שטארבען! וואס הייסט דאס? זעה, מיר חלום'ען נאר ווען מיר רעדען פון טוידט.

איך האב שוין פיעלע געזעהן שטארבען; אבער די מענשהייט איז אזוי בעשרענקט, דאס זי האט קיין בעגריף ניט פון דעם אנפאנג און די ענדע פון מענשען׳ס דאזיין. איצט נאך בין איך מיינער, דיינער! דיינער אָה, געליעבטע! און איין אויגענבליק — אָבגעטיילט, אָבגעשיידט — פיליייכט אויף אייביג? ניין, לאָטטע, ניין! — ווי קען איך פערגעהן! וואס הייסט דאס? דאס איז ווידער ניט מעהר ווי א ווארט! א פוסטער קלאנג! אהן געפיהל פאר מיין הארץ,— טוידט, לאָטטע! פארשארט מיט קאלטע ערד, אזוי ענג! אזוי פינסטער! אין מיין הילפלאזער יוגענד האב איך א פריינדין געהאט, זי איז צו מיר אלעס געוועזן. אבער זי איז געשטארבען און איך האב זי צום בית־עלמין בעגלייט, און ביי׳ם קבר געשטאנען, ווען מ׳האט דעם ארון ארונטערגעלאזען, און דאן די שטריק פון אונטער איהם ארויסגעצויגען, און דעם ערשטען רידעל ערד ארויפגעשאָטען. די פינסטערע משא האט א דומפען טאָן פון ארון ארויסגעפרעסט, און מיט יעדען שאָט איז ער אלץ דומפער און אימער דומפער געווארען, ביז עס איז ענדליך געווארען אין גאנצען פארדעקט. איך האב ביי׳ם קבר אנידערגעשטירצט — פון צער ערגריפען, ערשיטערט, מיין גאנצע אינערליכעס צוריסען, אבער איך וויים ניט וואס מיט מיר איז געשעהן! איך וויים ניט וואס מיט מיר וועט געשעהן! — שטארבען! קבר! איך פערשטעהע ניט דיזע ווערטער!

„אָה פארגיעב מיר! פארגיעב מיר! נעכטען! — עס האט געדארפט זיין דער לעצטער אויגענבליק פון מיין לעבען. אָה, דו מלאך! צום ערשטען מאל, — צום ערשטען מאל, קלאָהר, גאר אָהן צווייפעל, האט אין די טיעפע טיעפעניסען פון מיין הארץ, דורכגעגליהט דער גליקס־פריידע געפיהל: „זי ליעבט מיך! זי ליעבט מיך!“ עס ברענט נאך אויף מיינע ליפען דער הייליגער פייער וואס האט אויף זיי פון דיינע געשטראמט; נייע ווארעמע גליקס־געפיהלען האבען אריינגעדרונגען אין מיין הארץ. פארגיעב מיר! פארגיעב מיר!

„אָה! איך האב געוואוסט דאס דו האסט מיר ליעב; כ׳האב

עס געוואוסט פֿון דײנע ערשטע זעלענפֿולע בליקען, פֿון דײן ערשטען האנד־דרוק; און דאָך, װען איך פֿלעג פֿון דיר אַװעק, װען איך האָב אַלבערט'ן נעבען דיר געזעהן, בין איך װידער געװען בעטריבט פֿון פֿיבערהאַפֿטע ספֿקות.

„דערמאַנסט דו זיך אן די בלומען װעלכע דו האסט מיר געשיקט, װעהרענד דו האסט צו מיר, אין יענער אונערטרעגליכער געזעלשאַפֿט, קײן װאָרט געקענט רעדען, אױך די האנד ניט געקענט געבען? אָה! אַ האלבע נאַכט בין איך פֿאַר זײ אױף מײנע קניע געשטאַנען, און זײ האָבען מיר דײן ליעבע בעשטעטיגט. אבער, אָה! דיזע אײנדריקע זײנען אַװעק, פֿערבלאַסט.

„אַלעס איז פֿערגענגליך, אבער קײן אײביגקײט קען ניט פֿאַר־לעשען דאָס גליהענדע לעבען װאָס איך האָב נעכטען פֿון דײנע ליפּען גענאָסען, און װעלכעס איך פֿיהל נאָך איצט אין מיר! זי ליעבט מיך! דיזער אַרעם האט איהר אַרומגענומען; דיזע ליפּען האָבען אױף איהרע ליפּען געציטערט! דיזער מױל האט אױף איהר מױל געשטאַמעלט! זי איז מײנע! יאַ, לאָטטע, דו ביזט מײנע, אױף אײביג!

„און װאָס איז אַז אַלבערט איז דײן מאַן? מאַן! — דאָס קען זיך בלױז זײן פֿאַר דער װעלט — און פֿאַר אָט דער זעלבער װעלט, איז עס אַ זינד, דאָס איך ליעב דיך, דאָס איך װאָלט דיר פֿון זײנע אַרעמס אַרױסגעריסען און אין מײנע דיר אײנגעשלאָסען! זינד? זאָל זײן עס איז אַ זינד, און איך שטראָף דערפֿאַר זיך אַלײן. איך האָב דיזע זינד אין איהר גאַנצען הימעלס־גליק פֿאַרזוכט; כ'האָב לעבענסקראַפֿט און באַלזאַם אין מײן האַרץ אײנגעזױגען. דו ביזט פֿון דיזען אױגענבליק מײנע, אָה, מײנע, לאָטטע! איך געה פֿאָראױס, איך געה צו מײן פֿאַטער, צו דײן פֿאַטער; פֿאַר איהם װעל איך'ס קלאַגען, און ער װעט מיר טרײסטען, ביז דו װעסט קומען און איך װעל דיר אַנטקעגען לױ־פֿען, דיר נעהמען, און מיט דיר בלײבען אין די געגענװאַרט פֿון די אונענדליכקײט, אין אײביגע אומאַרמונג.

„איך חלום ניט; ס'איז ניט בלױז פֿאָרשטעלונגען װאָס איך

מאך זיך; דערנעהנטערנדיג זיך צום קבר ווערט עס מיר אַלץ קלע־רער. מיר וועלען נאך ווייטער זיין! מיר וועלען זיך נאך ווידערזעהן! דיין מוטער זעהן! איך וועל זי זעהן, זי געפינען, און פאר איהר מיין גאנצע הארץ אויסגיסען! דיין מוטער, וועלכע איז צו דיר אזוי עהנליך!

ארום עלף אוהר האט ווערטהער געפרעגט זיין דיענער, אויב אַלבערט איז שוין צוריק געקומען. דער דיענער האט געענטפערט „יא“, ער האט געזעהן ווי מ'האט אַלבערטס פערד אוועקגעפיהרט. דאס הערענדיג, האט איהם ווערטהער דערלאנגט אַן אפענעם צעטעלע אום עס אַלבערט'ן איבערצוגעבען. אין צעטעלע איז געשטאנען:

„ווילט איהר אזוי גוט זיין און מיר לייהען אייערע פּיסטאָלעטען, צו אַ רייזע? לעבּט אייך גליקליך!“

לאָטטע האט די לעצטע נאכט זעהר ווייניג געשלאָפען; דאס וואס זי האט מורא געהאט, איז געקומען, און אויף אזא'ן אופן, וואס זי האט גאר ניט געקענט פאָראויס פיהלען אדער פאָרשטעלען. איהר בלוט, וואס פלעגט זאָנסט אזוי לייכט און פליסענד אין איהר צירקור־לירען, איז געווען אין אַ פיעבערהאפטען, רעוואָלטירענדען צושטאנד; טויזענדערליי געפיהלען האבען דאס עדעלע הארץ צוטרייסעלט. איז דאס געווען דער פייער פון ווערטהער'ס אומאַרמונג, וואס זי האט אין איהר בוזים געפיהלט? איז דאס געווען דער אונווילען געגען זיין וואַ־גענדען שריט? איז עס די טרויעריגע פערגלייכונג פון איהר געגענ־ווערטיגען צושטאנד, מיט יענע צייטען פון פרייער אונשולד און זאָרג־לאזען צוטרויען אין זיך אַליין? ווי קען זי איהר מאן אַנטקעגען קומען? ווי קען זי פאר איהם אַזאַ סצענע פאָרשטעלען, וועלכע זי פיהלט דאס זי מוז'ס, און צו דער זעלבּער צייט קען זי זיך ניט טרויען דאס צו טהאָן? זיי האבען שוין אזוי לאנג פערבּראכט אין שווייגען; זאל זי איצט זיין די יענע וואס זאל דאס שווייגען ברעכען? און אין אַזאַ אונ־ריכטיגע צייט, מאכען איהר מאן אַזאַ אונערוואַרטעטע ענדעקונג? זי

האט מורא געהאט, דאס דער בלויזער בעריכט, דאס װערטהער איז דאָ געװען, קען שוין מאכען אַן אונאַנגענעהמען אײנדרוק אויף אַלבערט'ן און װי שוין דיזע אונערװאַרטעטע קאַטאַסטראָפע! קען זי האָפען דאס איהר מאן װעט איהר גארניט פערדעכטיגען און װעט עס אַלעס צו נעהמען אָהן פאָראורטײל? און קען זי זיך װינשען, דאס ער זאל אין איהר נשמה קענען לעזען? און נאך מעהר; קען זי זיך פאָרשטעלען געגען יענעם, פאר װעמען זי איז אימער געשטאַנען װי א קריסטאַל־גלאז, רײן און אָפען; פאר יענעם, װעמען זי האט קײנע פון איהרע געפיהלען װען באהאלטען, אויך ניט געקענט באהאלטען? אַזעלכע געדאנקען האבען זיך איהר אין קאָפּ געדרעהט און איהר אין פערלעגענהײט געבראכט. איהרע געדאנקען אבער האבען זיך נאך אַלץ װיעדער צוריקגעקעהרט צו װערטהער'ן, װעלכער איז געװען פאר איהר פערלאָרען, װעלכען זי קען פון זיך ניט אָפּלאזען, און לײדער מוז איהם איבערלאזען צו זיך אלײן אין די גרעסטע פערצװײפלונג.

װי שװער האט געדריקט אויף איהר גײסט דער זאָנדערבאַרער שטומער צושטאנד װאס האט זיך ענטװיקעלט צװישען איהר און איהר מאן, און פון װעלכען זי האט זיך ניט געקענט ריכטיג קלאָהר מאכען. אַזעלכע פערשטענדיגע, גוטע מענשען, הויבען פּלוצלינג אָן, צוליעב פערבאָרגענע פערשיעדענהײטען, צו שװײגען. יעדערער דענקט נאך פאר זיך, זײן רעכט און דעם צװײטענס אונרעכט, און די פערהעלטניסע פארװיקלען זיך און פארפלאָנטערן זיך אויף אַזא'ן אופן, אז עס װערט אונמעגליך, אפילו אין א קריטישען מאָמענט, דעם קנופּ, פון װעלכען אַלעס הענגט אָב, צו פּאַנאַנדערװיקלען. װען עס װאלט א גליקליכע פערטרויליכקײט זײ פריהער אײנער צום צװײטען שטארקער פערבונדען; װען ליעבע און נאכזיכט װאלט צװישען זײ מעהר אָפען געװירקט או זײערע הערצער אויפגעשלאָסען, מען װאלט פיעלײכט אונזער פרײנד נאך געקענט רעטען.

צו דעם איז צוגעקומען נאך א זאָנדערבארער אומשטאנד. װערטהער, װי מיר װײסען פון זײנע בריעף, האט זיך קײנמאל ניט

געמאכט קיין סוד דערפון, דאס ער וויל פארלאזען די וועלט. אלבערט האט מיט איהם וועגען דעם פיעל מאל זיך געשטריטען. אויך איז אָפט צווישען לאָטטע'ן און איהר מאן דערפון געווען אַן איבעררייד, און דיי־זער, פיהלענדיג אַ ענטשיעדענעם ווידערווילען געגען אזא טהאַט, האט אָפט זאָגאר מיט אַ מין עמפפינדליבקייט, וועלכע איז גארניט געלעגען אין זיין כאראַקטער, ערקלערט, דאס ער גלויבט ניט צו שטארק, און האט אורזאכע צו צווייפלען אין דעם ערנסט פון ווערטהער'ס סטראַ־שונקעס. ער האט זאָגאר מאנכע מאל געשטעלט ווערטהער'ן אויף דער לעבערליכער זייט, און דורך דעם געווירקט אויף לאָטטע'ן ניט צו געהמען די זאַך אזוי ערנסט. דאס האט איהר פון איין זייט אפילו בערוהיגט, ווען עס פלעגען זיך איהר פאָרשטעלען אין די געדאנקען די טרויעריגע בילדער; פון דער אַנדער זייט אבער, האט זי זיך איבער דעם געפיהלט געשטערט, פון די זאָרגען וואס האבען איהר געפלאגט, איהר מאן מיטצוטיילען.

אלבערט איז צוריקגעקומען, און לאָטטע איז איהם האַסטיג אין פערלעגענהייט אַנטקעגען געגאנגען; זיין געזיכט האט אויסגעזעהן ערנסט; זיין געשעפט איז ניט דורכגעפיהרט געווארען; דער בענאַכ־בארטער בעאמטער האט איהם געשיינט צו זיין טעמפּ און עקשן'דיג, אויך די שלעכטע וועג האט איהם געמאכט מיעד און פערדריסליך.

ער האט געפרעגט, אויב דא האט פאר די צייט פון זיין אבווע־זענהייט גאָרניט פּאסירט, און זי האט איהם האַסטיג געענטפערט, דאס ווערטהער איז דא געוועו. דאַן האט ער געפרעגט, אויב עס זיינען בריעף אנגעקומען, און זי האט איהם געזאגט, דאס אין זיין צימער ליגען איינינע בריעף און פּאַקעטען. ער איז נאך זיי אוועק און זי איז אליין געבליבען.

די געגענוואַרט פון'ם מאַן וועלכען זי האט געליעבט און געעהרט, האבען אויף איהר הארץ אַ נייען איינדרוק געמאכט; זיין עדעלקייט, זיין ליעבע און גוטסקייט האבען אביסל בערוהיגט איהר געמיטה. זי האט אין דעם מאָמענט געפיהלט אַ פארבאָרגענעם געפיהל, איהם

נאָכצוגעהן. זי האט גענומען איהר ארבייט מיט זיך און איז אריין צו איהר מאן אין צימער, אזוי ווי זי פלעגט עס אָפט טאָהן. ער איז גע־ווען בעשעפטיגט די פּאַקעטען צו עפענען און די קאָרעספּאָנדענץ צו לעזען. איינינע בריעף האבען געשיינט צו זיין ניט אזוי אַנגענעהם פאר איהם. זי האט איהם איינינע זאכען געפרעגט, אויף וועלכע ער האט קורץ געענטפערט און זיך געזעצט צום שרייב־טיש.

אונגעפעהר אַ שטונדע זיינען זיי געזעסען אזוי צוזאמען, און אין לאַטטעס געמיטה האט אנגעהויבען צו ווערען טונקעל. זי האט גע־פיהלט ווי שווער עס וועט איהר זיין צו פערטרויען איהר מאן, פון וואס עס איז איהר געלעגען אויף'ן הארצען, אפילו ביי זיין בעסטען הומאָר; זי איז אריינגעפאלען אין א וועהמוטה, וועלכער איז איהר נאך מעהר שווער געווארען, ווען זי האט געזוכט פון איהם זיך צו צערשטרויען און איהרע טרעהרען צו פארשטיקען.

דאס אריינקומען פון ווערטהער'ס דיענער האט איהר געבראכט אין דער גרעסטער פערלעגענהייט. ער האט דערלאנגט אַלבערט'ן דאס צעטעלע; און יענער, איבערלעזענדיג, האט זיך געלאָסען געווענדעט צו זיין פרוי און געזאגט: „גיעב איהם די פּיסטאָלעטען!“ „איך ווינש איהם אַ גליקליכע רייזע!“ האט אַלבערט געזאגט זיך ווענדענדיג צום דיענער. דאס האט לאָטטע'ן ווי אַ דונערשלאג געטראפען; ציטערנ־דיג, איז זי קוים אויפגעשטאנען. זי האט ניט געוואוסט וואו זי איז אין דער וועלט. לאַנגזאם איז זי צום וואַנד צוגעגאנגען; מיט ציטערנדע הענד האט זי די פּיסטאָלעטען ארונטערגענומען, האט לאנגזאם דעם שטויב אבגעווישט, און האט געקווינקעלט. זי וואלט נאך לאנג אזוי געשטאנען, ווען אַלבערט וואלט איהר מיט אַ פראגענדען בליק ניט צור־געאיילט. זי האט דאס שלימזל'דיגע ווערקצייג דערלאנגט דעם דיע־נער ניט קענענדיג זאגען אַ וואָרט, און ווען יענער האט שוין געהאט פערלאזען דאס הויז, האט זי צוזאמענגעלעגט איהר ארבייט און איז אריין אין איהר צימער אין אַ צושטאנד פון אונאויסשפרעכליכע אונ־גערויסהייט. דאס הארץ האט איהר נביאות געזאגט אויף דאס

שרעקליכסטע. דאָ האט זי געוואלט געהן איהר מאן צו די פיס פאַלען איהם אַלעס צו ענדעקען; די פּאסירונג פון לעצטען אבענד, איהר שולד, און איהרע געפיהלען; דאַן האט זי ווידער געזעהן, דאס זי האט קיין מיטעל ניט דיזע אונטערנעהמונג אויסצופיהרען; אויך האט זי ניט געקענט האָפען, דאס אַלבערט זאל זיך לאזען איינרעדען און צו ווערטהער'ן אריבערגעהן. דער טיש איז געווען געגרייט, און אַ גוטע פריינדין איהרע, וועלכע איז נאָר אריינגעקומען עפּעס צו פרעגען, און איז אויף מיטאג פארבליבען, האט די אונטערהאלטונג ביי'ם טיש געמאכט ערטרעגליך; מ'האט זיך געצוואונגען, מ'האט גערעדט, דערצעהלט און זיך פארגעסען.

ווערטהער'ס דיענער איז צוריקגעקומען מיט די פּיסטאָלעטען. ווערטהער האט זיי פון איהם מיט ענטציקונג צוגענומען, הערענדיג דאס לאָטטע האט זיי דערלאנגט. ער האט זיך געהייסען ארויפטראַגען ברויט און וויין, און האט דעם דיענער געהייסען געהן עסען זיין מיטאג. ער האט זיך אוועקגעזעצט און צוגעשריבען:

„זיי זיינען דורך דיינע הענד דורכגעגאנגען; דו האסט דעם שטויב פון זיי אבגעווישט; איך קוש זיי טויזענד מאל. דו האסט זיי בעריהרט! און דו, הימלישער גייסט, דו שטימסט איין צו מיין בעשלום! און דו, לאָטטע, דערלאנגסט מיר דאס געוועהר! דו, פון וועמעס האנד איך האב זיך געוואונשען דעם טוידט צו קריגען, און איצט אָה! קריעג איך עס! איך האב מיין דיענער אויסגעפרעגט! האסט געציטערט ווען דו האסט זיי איהם דערלאנגט; דו האסט קיין „לעבעוואָהל" געזאגט! וועה מיר! וועה מיר! קיין לעבע־וואָהל! — האסטו דען פאר מיר דיין הארץ פערשלאָסען, אין דעם אויגענבליק וועלכער בינדט מיר צו דיר אויף אייביג? לאָטטע! גאנצע טויזענד יאָהר קענען ניט אויסלעשען דעם איינדרוק! און איך פיהל עס, דו קענסט ניט האסען דעם, וועלכער גליהט פאר דיר אזוי."

נאָך'ן עסען האט ווערטהער געהייסען דעם דיענער ענדיגען דאס איינפּאַקען; האט אַ סך פּאַפּיערען צוריסען; איז ארויס און בעצאלט נאך אייניגע קליינע חובות. ער איז צוריקגעקומען אין הויז, אבהער איז ער ווידער ארויס צום טויער, ניט אַכטענדיג וואס עס האט אזוי שטארק גערעגענט, און איז אוועק אין'ם גראַף'ס גארטען. פון דארט האט ער זיך ארומגעדרעהט ווייטער אין דעם געגענד. אבענדצייט איז ער צוריקגעקומען און האט פאַרגעזעצט זיין שרייבען:

„ווילהעלם, איך האב פאר'ן לעצטען מאל אנגעקוקט פעלד, װאלד און הימעל; לעב וואָהל! און דו מיין ליעבע מוטער פערצייהע מיר! טרייסט זי, ווילהעלם! גאָטט זאל אייך בענשען! מיינע זאכען זיינען אַלע אין אָרדנונג. לעבט וואָהל! מיר וועלען זיך נאך זעהן, און אין אַ פרעהליכערן צושטאנד.“

„איך האב אייך ניט אָרענטליך בעצאהלט, אַלבּערט! נאר איהר וועט עס מיר פארגעבען. איך האב צושטערט דעם פריעדען פון אייער הויז; מיסטרויען האב איך צווישען אייך געפלאנצט. לעבט וואָהל! איך וועל צו דעם אַלעם מאכען אַן ענד, און וואלט כאָטש מיין טוידט אייך געבּראַכט דאס גליק! אַלבּערט! אַלבּערט! זעהט דעם מלאך גליקליך צו מאכען, און עס זאל אייך בעגליקען די ברכה פון גאָטט!“

אין אבענד האט ער נאך לאנג אין זיינע פּאַפּיערען געזוכט, פיעלע פון זיי צוריסען און אין ברענענדען אויוען אריינגעווארפען; פארזיגעלט אייניגע פּאַקעטען און אַדרעסירט צו ווילהעלם'ען זיי האבען ענטהאלטען קליינע אַרטיקלען, אבּגעריסענע געדאנקען, פון

וועלכע איך האב פיעלע געזעהן. אום צעהן אוהר האט ער געהייסען דאס פייער אין אויווען צורעכט מאכען, האט זיך געלאזט א פלאש ויין ארויפברענגען און געלאזט דעם דיענער געהן שלאפען אין זיין צימער, וואס איז געווען מיט די אנדערע צימערן פון הויז, אבגעטיילט פון דעם, אין וועלכען ער האט געוואהנט. דער דיענער האט זיך געלייגט שלאפען אין די זאכען, אום צו זיין אין דער פריה גלייך פערטיג, דען זיין העררר האט איהם געזאגט, אז נאך בעפאר זעקס אוהר פריה, וועלען די פאָסטשטאַווע פערד ווארטען פאר'ן הויז.

נאך עלף.

„אלעס ארום מיר איז שטיל, און מיין זעעלע איז אזוי רוהיג. איך דאנק דיר גאָטט פאר די קראַפט און קוראַזש וואס דו שענקסט מיר אין דיזען לעצטען אויגענבליק.

„איך קום צו צום פענסטער, מיין בעסטע ! און קוק, און קוק נאך, דורך די שטורמענד פארביילויפענדע וואָלקענס, איינצעלנע שטערען פון'ם אייביגען הימעל ! ניין, שטערען ! איהר וועט ניט ארונטערפאלען ; דער וואס לעבט אייביג טראגט אייך און מיר אויף זיין הארץ. איך זעה דעם פאָלאַר-שטערן, דעם ליעבסטען פון אללע שטערען, ווען איך בין פון דיר אוועק, לאָטטע ! ווען איך האב דיין הויז-טויער פערלאזען, איז ער איבער מיר געשטאנען. מיט וואס פאַרא התפעלות האב איך איהם אָפט אנגעקוקט ! ווי אָפט האב איך מיינע הענד צו איהם געהויבען, און איהם צום עדות גענומען פאר מיינע גליקליכע מאָמענטען ! און נאך זאגאַר — אָה, לאָטטע ! וואס אין דער וועלט דערמאנט מיר ניט אן דיר ! האסט דו מיר ניט פון אַלע זייטען ארומגענומען ? און האב איך ניט, אזוי ווי א קינד, אלעס צו זיך געשלעפט, וואס דו האסט נאר מיט דיינע הענד בעריהרט ?

„דיין ליעבען פּראָפיל וואס איך האָב געצייכענט, גיעב איך דיר צוריק, לאָטטע! און איך בעט דיר דאס צו עהרען. טויזענד, טויזענד קושען האָב איך דארויף איינגעדריקט; טויזענד גרוסען האָב איך עס צוגעוואונקען, ווען איך פלעג פון הויז אוועק, אדער ווען איך פלעג קומען צוריק:

„אין אַ צעטעלע האָב איך דיין פאטער געבעטען, מיין טויטען קערפּער צו בעשיצען. אויף'ן בית־עלמין זיינען דא צוויי לינדענבוימען, הינטען, ביי'ם פעלד אַזש שטעהען זיי; דארטען ווינש איך צו רוהען. ער קען עס, ער וועט עס אויך טאהן פאר זיין פריינד. בעט עס דו איהם אויך'ט. איך וואלט ניט געראַטהען דאס מ'זאל פרומע קריסטען נעבען מיר, ארעמען אונגליקליכען, ליינען. אָה! איך וואלט הּעכסט צופריעדען געווען ווען איהר לייגט מיר ערגעץ אויף'ן וועג, אדער אָן איינזאמען טהאל, אום גלח און פּריעסט זאלען זיך קענען צלם'ען פארביינעהענדיג מיין קבר, און דער סאַמאריט זאל אַ טרעהר אראָב־לאָזען.

„זעהסט לאָטטע! איך שוידער ניט, איך ציטער ניט אָנצונעהמען דעם קאלטען שרעקליכען בעבער, פון וועלכען איך נעה טרינקען דעם טוידטען טרונק. אלעס, אלעס; אללע ווינשע און האפנונגען פון מיין לעבען זיינען ערפילט. אזוי קאלט, אזוי שטארר אנצוקלאַפּען ביין טויער פון טוידט!

„אָה ווי גוט מיר איז, דאס איך האָב פון'ם גליק געקענט גע־ניסען, פאַר דיר צו שטארבען! לאָטטע, פאר דיר זיך צו אָפּפערן. איך וואלט מוטהיג; איך וואלט מיט שמחה געשטארבען, ווען איך וואלט נאר געקענט דורך דעם, דיר, די רוהע, די פריידע פון דיין לע־בען צוריקגעבען! אבער אָה! אַזאַ גליק איז נאר פארגינט צו גאנץ ווייניג; צו קענען זייער בלוט אום זייערע פריינדס־וועגען פערגיסען, און דורך זייער טוידט, אַ נייען הונדערטפאכען לעבען זייערע נאָהנטע צו געבען,

„אין דיזע קליידער, לאָטטע! ווינש איך צו ווערען בעגראָבען;

דו האסט זיי אנגעריהרט, און דערמיט געהייליגט; איך האב אויך דיין פאטער אום דעם געבעטען. מיין נשמה שוועבט ארום איבער'ן ארון. מ'זאל אין מיינע טאשען ניט זוכען. דיזער בלאס־רויטער שלייף, וועלכען דו האסט געטראגען, ווען איך האב דיר צום ערשטעז מאל געזעהן, ארומגערינגעלט פון די ליעבע קינדערלאך — אה! קוש זיי טויזענד מאל און דערצעהל זיי דעם סוף פון זייער אונגליקליכען פריינד. די ליבינקע, מיר דאכט זיך זיי זיינען איצט ארום מיר. אה! ווי האב איך זיך צו דיר צוגעקלעבט, פון ערשטען אויגענבליק און דיר ניט גע־קענט אבלאזען! — דיזער שלייף זאל מיט מיר בעגראבען ווערען. צו מיין געבורטס־טאג האסטו איהם מיר געשענקט! אה! ווי איך האב עס אלעס אזוי צומישט! — אה! איך האב ניט געדענקט דאס מיין וועג זאל מיר אזוי וויים פארפיהרען! — — — זיי רוהיג, איך בעט דיר, זיי רוהיג!

„זיי זיינען אנגעלאדען, — דער זייגער שלאגט צוועלף! זאל געשעהען וואס עס מוז! — לאטטע! לאטטע! לעב וואהל! לעב וואהל!"

א שכן האט געזעהן דעם בליץ פון רעוואלווער און געהערט דעם שאס. ווען עס איז אבער נאכדעם שטיל געווארען, האט ער פון דעם קיין ווענען געמאכט.

זעקס אין דער פריה, איז דער דיענער אריינגעקומען מיט א ליכט. ער האט געפונען זיין הערר אויף ד'רערד אין בלוט ליגען, דער רעוואלווער נעבען איהם. ער האט איהם גערופען, געטרייסעלט, אבער קיין ענטפער; עס האט זיך איהם נאר אין האלז געשפיעלט. ער איז נאך'ן דאקטאר געלאפען, נאך אלבערט'ן. לאטטע האט געהערט דעם הויז־גלעקל קלינגען; א ציטער האט דורכגענומען אלע איהרע גליעדער. זי האט איהר מאן אויפגעוועקט; זיי זיינען ביידע אויפגעשטאנען. דער דיענער האט סאפענדיג און דערשראקען אריינגעבראכט די נאַכריכט. לאטטע איז געפאלען אין אנמאכט פאר אלבערט'ס פיס.

אז דער דאָקטאר איז געקומען, האט ער געפונען דעם אונגליק־ליכען נאך אויף ד'ערד רעטונגסלאז ליגען. דער פולס האט נאך געשלאגען; אַלע אברים אבער זײנען שון געװען פּאַראַליזירט. איבער'ן רעכטען אויג, האט ער זיך דעם קאפּ דורכגעשאָסען, און די מאַרך איז איהם אויסגערונען.

מ'האט איהם אן אָדער אין ארעם געעפענט, און דאס בלוט האט געפלייצט; ער האט נאך אַלץ געאטהעמט.

פון די בלוט װאס איז געװען אנגעשפּריצט אויף'ן װענטיל פון שטוהל, האט מען געקענט שליסען, דאס ער האט זיך געשאָסען זיצענדיג ביי'ם שרייב־טיש; דאן האט ער זיך ארונטערגעגליצט, האט זיך קאָנװאולסיװ ארום שטוהל געדרעהט. ער איז געלעגען אויף'ן רוּ־קען, נאהנט בײ'ם פענסטער; די כחות זײנען איהם אויסגעגאנגען. ער איז געװען אין גאנצען געקליידעט; אין בלויען פראַק און געל־בער װעסט; ער האט אויך די שטיװעל אויף זיך געהאט.

עס איז געװארען אַ גערודער. אין הויז, אין דער נאכבאר־שאפט, און אין דער גאנצער שטאדט האט עס געקאָכט. אַלבערט איז אנגעקומען. מ'האט אװעקגעלייגט װערטהער'ן אויף'ן בעט, דעם שטערן האט מען איהם פערבונדען; זיין געזיכט איז געװען אין גאנצען װי ביי אַ טויטען. ער האט מיט קיין גליעד געריהרט. נאר די לונג האט נאך שרעקליך געכאָרכעלט, דא שטארקער, דא שװאכער. מ'האט יעדע מינוט ערװארטעט זיין סוף.

פון דעם װיין האט ער נאר איין גלאז געטרונקען. „עמיליע גאַלאָטטי“ איז געלעגען אויפגעעפענט אויף'ן שרייב־טיש.

פון אַלבערט'ס בעשטירצונג, פון לאָטטע'ס יאמער — בעסער לאזט מיר אייך גארניט זאגען.

דער קרייז־ריכטער איז געקומען צו לויפען. ער איז ארויף געפאלען אויף'ן גוסס און איהם מיט הייסע ביטערע טרעהרען גע־קושט. זיינע עלטערע זיהן זיינען גלייך נאך איהם געקומען צו פוס.

יי זיינען אַנידערגעפאלען ביי'ם בעט אין די גרעסטע שמערצען, האָבען איהם געקושט מויל און הענד, און דער עלטערער, וועלכען ווערטהער האט אימער געליעבט אַם מייסטען, איז איבער דעם אויסגעהענדעט ליפּען געהאנגען, ביז דער לעצטער אטהעם איז פון איהם ארויס, און ערשט דאן האט מען איהם קוים פון טויטען אבגעריסען. אום צוועלף מיטאג־צייט איז ווערטהער געשטארבען.

די געגענוואַרט פון קרייז־ריכטער און די מיטלען וואס ער האט פאָרגענומען, האבען פארהיט אונאָרדנונג צווישען די מאַסע. עלף ביי־נאכט האט ער איהם געלאזט בעערדיגען אויף'ן פּלאַץ וואס ער האט זיך אליין אויסגעקליבען. דער אַלטער און זיינע זיהן האבען דעם טוידטען צו דער אמת'ער וועלט באגלייט; אַלבערט איז געווען צו שוואך מיטצוגעהן. לאָטטע'ס לעבען איז אין געפאהר געווען. מען האט שטארק מורא געהאט ס'זאל מיט איהר קיין אונגליק ניט טרעפען.

ארבייטער האבען ווערטהער'ס ארון געטראגען. עס האט איהם קיין גייסטליכער באגלייט.